DAVID AND SYLVIA STEINER YIZKOR BOOK COLLECTION

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 14125

Zelów Memorial Book

Sefer-zikaron li-ḳehilat Zelov

THE NEW YORK PUBLIC LIBRARY – NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
YIZKOR BOOK PROJECT

NEW YORK, NEW YORK AND AMHERST, MASSACHUSETTS

•

MAJOR FUNDING FOR THE
YIZKOR BOOK PROJECT WAS PROVIDED BY
Harry and Lillian Freedman Fund
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
David and Barbara Margulies
The Nash Family Foundation
Harris Rosen
David and Sylvia Steiner
Ruth Taubman

•

Original publication data

TITLE	Sefer-zikaron li-kehilat Zelov / ha-'orekh, Avraham Klushiner.
IMPRINT	880-02 [Israel] : Irgun yots'e Zelov be-Yiśra'el, [1976]
DESCRIPT	447 p. : ill. ; 25 cm.
SUBJECT	Jews -- Poland -- Zelów -- History.
	Zelów (Poland) -- Ethnic relations.
	Holocaust, Jewish (1939-1945) -- Poland -- Zelów
ADD'L NAME	Klushiner, Avraham.

THIS BOOK MEETS A.N.S.I. STANDARDS FOR
PAPER PERMANENCE AND LIBRARY BINDING.

PRINTED IN THE U.S.A.

ספר־זכרון
לקהילת
זלוב

העורך


אברהם קלושינר

המוציא לאור


ארגון יוצאי זלוב בישראל

דפוס "מופת" ת"א רחוב עין הקורא 6
צינקוגרפיה ח. גרינוולד ת"א רחוב שלמה 164

ספר זכרון
לקהילת זלוב



מראה בית הכנסת בזלוב — נוסד 1879



נתן דינרי־גולדמינץ



אברהם מנדל קליין



העורך
אברהם קלישינר




זאב שקופף



ירחמיאל גולדמינץ

ועד הספר

מרכז החומר: א. מ. קליין


MAPA
POWIATU ŁASKIEGO
WOJ. ŁÓDZKIEGO
SKALA 1:500000.
SZADEK
ZDUŃSKA-WOLA
ŁASK
PABJANICE
Dobroń
Dłutów
Buczek
ZELÓW
WIDAWA
Chociw
Rusiec
SZCZERCÓW
Zapolice
Wygiełzów
NER
DO KONSTANTYNOWA
DO SIERADZA
DO PIOTRKOWA
DO WIELUNIA
WARTA
GRABIA
WIDAWKA
LEGENDA
Granica powiatu
Drogi bite
Drogi
Rzeki
Miasta, osady
Urzędy gminne
Linja kolei żel.
Opr. J.J.

תוכן — אינהאַלט

הישוב היהודי בזלוב

דער יידישער ישוב אין זעלאוו

אישים, מוסדות וארגונים בזלוב

פערזענלעכקייטן, אָרגאַניזאַציעס און אינסטיטוציעס

כיבוש ושואה

אָקופּאַציע און אומקום

נר זכרון

ונקיתי דמם לא נקיתי
(יואל ד׳ כ״א)

לנפשות הטהורות והזכות — — —
אנשים נשים וטף מבני־עירנו
אשר ניספו בשואה הנאצית
ושמותיהם לא נודעו ולא נזכרו בספר

ה. י. ד.

הוועד
ארגון יוצאי זלוב
בישראל

עם הופעת הספר יזכור

ב"ה,

בחיל וברעדה וביראת הכבוד אנו ניגשים להוציא את ספר "יזכור" שישמש כמצבה וגל־עד לזכרון קדושי עירנו, עיר ואם בישראל, קהילה קדושה זלוב, שהיתה ואיננה. הספר ישמש כנר תמיד לנשמות הקדושות אשר נרצחו בצורה אכזרית ע"י הרוצחים הנאצים ימ"ש. את התפקיד הקדוש להקים אנדרטה לקדושי עירנו, לאסוף ולרכז את החומר הדרוש ואת התמונות ליצור את האמצעים הכספיים הנחו־צים למטרה זו, לקחו על עצמם שארית הפליטה של יוצאי עירנו החיים בישראל, עסקנים, אשר בשום פנים ואופן לא יכלו להשלים עם המחשבה שעיר ואם בישראל, עם כל כך תכונות וסגולות חיוביות תמחק חו"ח מהמפה ומההיס־טוריה היהודית למרות הקושיים העצומים שנתקלנו בהם. היה עלינו להתגבר על כל מיני תקלות טכניות. כדאי להדגיש שהעבודה נעשתה ע"י קומץ קטן של עסקני העיר שלא חסכו כל מאמץ אפשרי למטרה קדושה זו. לצערנו הגדול גם חלק גדול של יוצאי עירנו בחו"ל לא נענו לקריא־תנו לבוא לעזרתנו בשטחים שונים כמו חומר הנמצא ברשותם שיכול היה להעשיר בהרבה את תוכן הספר לתאר ביתר פירוט את אורח החיים, את האישים שהתבלטו בחיי הציבור בעיר וגם מהחיים בזמן השואה, ברם, כאמור, לצערנו, לא מצאנו בחלק חשוב מיוצאי עירנו אוזן קשבת. גם הפניות שלנו לשלטונות האזרחים בעיר זלוב להמציא לנו חומר היסטורי על חיי היהודים בעיר לא זכו למענה. מובן שבמצב כזה, היה עלינו להתגבר על הרבה מכשולים.

יש לציין לחיוב ולהודות לחלק קטן מיוצאי עירנו שנענו בחיוב ובצורה חמה מאד באו לעזרתנו.

כעת, כשסוף סוף זכינו שהעיר שלנו לא תיעלם מההיס־טוריה ושהספר שלנו יופיע למרות כל הקושיים והתקלות יש להודות בשורה הראשונה את ההתלהבות ואת ההחל־טיות של שארית הפליטה של יוצאי עירנו הנמצאים בישראל ובמיוחד העסקנים אשר לא חסכו שום עמל זמן, כסף וכדומה ובלב ונפש התמסרו, פעלו והפעילו אחרים להצלח־תו של הוצאת הספר. לא נצא ידי חובתנו, אם לא נזכיר בתודה את העבודה העקשנית והמסורה של בן עירנו, נתן דינרי (גולדמינץ) וגם את החברים זאב שקופף אברהם מנדל קליין ירחמיאל גולדמינץ אשר ממש במסירות נפש עשו הכל בכדי שהספר ״יזכור״ יופיע והפך לעובדה.

בהזדמנות זו אנו מודים מאד להנהלת ״יד־ושם״ בעד העזרה בהמצאת מסמכים דוקומנטרים על החיים היהודיים בזלוב.

אנו מודים גם למר דוד דוידוביץ, מנהל הפולקלור של המוזיאון בעד המצאת דוקומנטים היסטוריים של עירנו.

לידידינו מר אברהם קלושינר בעד העבודה המאומצת והאחראית בעת עריכת הספר ובעת ריכוז החומר. אנו מזכי־רים בהערצה ומודים לבן עירנו מקס ליברמן שתמיד בא לעזרתנו והוכיח את הקשר הנפשי לשארית הפליטה של זלוב החיים בישראל. לכל אלה המשתתפים בספר, אשר עזרו להוסיף לבנה על לבנה לבניין הקדוש אשר נקרא ספר ״יזכור״ לזכר קדושי עיר זלוב, תודתנו העמוקה מקרב לב, יישר כוחכם.

ארגון יוצאי זלוב בישראל

י״ד באייר תשל״ד, (מאי 1974)

ארגון יוצאי זלוב בישראל

זעלעוור לאַנדסמאַנשאַפט אין ישראל

יזכור ה׳ הנשמות

צום דערשײַנען פון יזכור ספר

מיט אַ ציטערדיק געפיל און יראת־הכבוד עפענען מיר אויף אונדזער יזכור־ספר וואָס וועט דינען ווי א מצבה פאַר אונדזער טײַערער פאַרשניטענער קהילה, וועט זײַן ווי אַ נר־תמיד פאַר די הייליקע נשמות וואָס זענען בעסטיאַליש אומגעבראַכט געוואָרן דורך די נאַצישע רוצחים ימ״ש.

די הייליקע אופגאבע פון אויפשטעלן אַ מאָנומענט, צונויפזאַמלען די געהעריקע מאַטעריאַלן און בילדער, שאַפן די פינאַנסיעלע רעסורסן נויטיקע צו דעם צוועק, איז געוואָרן אַדורכגעפירט דורך די שארית־הפליטה פון זעלע־ווער אין ישראל ביי קאָלאָסאַלע שוועריקייטן נישט האָבני־דיק דער מיטהילף — אויסער פון איינצלנע — פון די לאַנדסלייט אין די תפוצות נישט קוקנדיק אויף אונדזערע פילמאַליקע בקשות און רופן און נישט קוקנדיק וואָס אַ טייל פון אונדזערע לאַנדסלייט אין אויסלאַנד זענען פאַר־מעגלעכע. אויך מאַטעריאַל פאַרן ספר האָבן מיר באַקומען פון אויסלאַנד נאָר פון געציילטע, כאָטש ביי אַ גוטן ווילן און התלהבות פאַרן הייליקן ווערק וואָלטן אַ טייל לאַנדס־לייט אין דער צעשפּרייטקייט געקאָנט באַרייכערן דעם אינהאַלט, ברענגען פאַר דער עפנטלעכקייט פאַרשידענע חשובע ניואַנסן פון שטייגער־לעבן אין שטעטל, פון אירע פערזענלעכקייטן און עסקנים, פון דער געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט און פון דער שרעקלעכער שואה־צייט.

מיר האָבן זיך אויך עטלעכע מאָל געוואָנדן צום זעלע־ווער מאַגיסטראַט וועגן איבערוויַיזן געוויסע דאָקומענטן וואָס האָבן אַ שייכות צום יידישן זעלעוו, איר אנטשטיי־אונג און לעבן וואָס געפינט זיך אין די ארכיוון און ליידער האָבן מיר קיין שום ענטפער אויף אַלע אונדזערע בקשות נישט באַקומען.

איצט ווען מיר האָבן דאָך זוכה געווען אז אונדזער טייער שטעטל זאָל נישט אוועק אין דער פארגעסנקייט, אז אונדזער יזכור־ספר זאָל דערשיינען טראָץ אַלע שוועריקייטן, איז עס צו פאַרדאַנקען דעם התלהבות פון די שארית־הפליטה אין ישראל און קודם־כל פון א געציילטע גרופע חברים וועלכע האָבן בלב ונפש געווידמעט זייער פרייער צייט און מיטגעווירקט אז אויך אנדערע זאָלן זיך באַטייליקן אין דער ארבעט.

עס מוז דערמאָנט ווערן מיט דאנקבאַרקייט די אומדערמידלעכע עקשנותדיקע ארבעט פון אונדזער בן־עיר נתן דינרי—גאָלדמיץ ווי אויך די חברים זאב שקאָפף, אברהם מענדל קליין און ירחמיאל גאָלדמינץ וועלכע האָבן געטראָגן אויף זיך די גאַנצע לאַסט און מיט מסירת נפש זיך אָפּגעגעבן טעג און נעכט ביז דאָס דערשיינען פון יזכור־ספר איז געוואָרן אַ פאַקט.

ביי דער געלעגנהייט דריקן מיר אויס אַ האַרציקן דאנק דעם "יד־ושם" — פאַרן צושטעלן דאָקומענטן און גביית־עדות וועגן לעבן און אומקום פון יידישן זעלעוו.

אינזשינער דוד דאווידאָוויטש, לייטער פון פאלקלאָר־מוזעאום — פאַרן צושטעלן היסטאָרישע דאָקומענטן צו דער געשיכטע פון זעלעוו. דעם רעדאקטאָר פריינט אברהם קאלושינער פאַר דער פאַראַנטוואָרטלעכער אַרבעט ביים רעדאַגירן און קאָרעגירן דעם צונויפגעזאמלטן מאַטעריאל.

מיר באַצייכענען מיט אנערקענונג אונדזער לאנדסמאן מאקס ליבערמאן פון דייטשלאנד וועלכער האָט זיך אָפּגערופן מיט אַ גרעסערע סומע ארויסווייזנדיק מיט דעם זיין צוגעבינדנקייט צו דער זעלעווער שארית־הפליטה.

אַלע מיטבאטייליקטע אין ספר וועלכע האָבן געהאָלפן צושטעלן אַ ציגל צו אַ ציגל צום הייליקן בנין וואָס הייסט זעלעווער יזכור־ספר — אונדזער הארציקן יישר־כח.

ארגון יוצאי זלוב בישראל

פתח דבר

עם הופעת הספר יזכור לזכר קדושי עיר זלוב נתוסף נדבך אנדרטה מצבה לעוד מאות ספרי יזכור שהופיעו. ספרים אשר מגלים לדורות הבאים איך היו אבותיהם ובאיזה תנאים יצא להם להאבק בחיים, ובאיזה תנאים אכזריים ייצא להם למות קבוץ יהודי תוסס דינאמי פעיל בכל שטחי החיים מבוסס מכל הבחינות בין מאות עיירות יהודים בזמנים אשר הנאצים הגרמנים השתלטו על ארצות אירופה.

בהופעת הספר זלוב ממלא קומץ הניצולים, שארית הפליטה עיירה זו, החיים בישראל את חובתם המוסרית כלפי קדושי עיר זלוב שלא נמצאים ולא השאירו אחריהם שום סימן או זכר ומקיימים את הפסוק "זכור ואל תשכח" ישמש ספר יזכור זה, לנר תמיד לזכרם של נשמות קדושים וטהורים אשר נרצחו בידי קלגסי הנאצים הגרמנים.

הרבה דברים ונסיבות אפיינו ובלטו ביהודי זלוב משאר עיירות בתנאים המיוחדים שלהם. העובדה שבעיירה היה קיים ישוב חזק של אוכלוסיה צ׳כית מבוסס מכל הבחינות והיווה את רוב אוכלוסית העיירה ועם היחס הליברלי שלהם לאוכלוסיה היהודית לקח מהאנטישמיים הפולנים המקצועיים את האפשרות לעשות ביהודים כרצונם. האנטי־שמיות הפולנית, שלפני מלחמת העולם השניה עשתה שמות בהרבה שטחי החיים היהודיים ובפרט בשטח הכלכלי, כמעט בכל העיירות לא מצא לו אחיזה ממשית בזלוב. גם העובדה שזלוב היתה עיר של תעשיה ובעיקר של טקסטיל היו קיימים בה הרבה בתי חרושת ומפעלים אשר רובם

היו בידיים של יהודים ורוב האוכלוסיה הנוצרית היו מועסקים אצל יהודים, כל אלה היוו כח משיכה לעיירה אשר נתנה להם האפשרות להתפרנס בכבוד, ובפרט בשנים שלפני המלחמה כאשר הממשלה הפולנית דאז כמעט שהכריזה חרם כלכלי על אזרחיה היהודים ולא נתנה להם האפשרות להתפרנס מהמסחר. מובן שזה הביא לגידול האוכלוסיה היהודית בעיירה, ומסיבה זו, כמעט שלא היו נדידות מהעיירה לא למקומות אחרים במדינה וגם לא לארצות אחרות בפרט אחרי פתוח הטכנולוגיה, ובבתי החרושת ובמפעלים הוכנסו מכונות חדישות וכמעט כל האוכלוסיה עברה לעבוד ממכונות יד פשוטות למכונות משוכללות מודרניות, אז המקום נעשה לעיר תעשייתית מובהקת וזה היה גורם גם לענפי מסחר שונים שהתפתחו חיש מהר מאחר שהאוכלוסיה הרויחה והתפרנסה, ממילא היתה אפשרות לקנות מה שהיה נחוץ.

מקום מיוחד שמור ליהודי זלוב בענייני צדקה וחסד וביחסים הלבביים ובמסירות לעניינים של בין אדם לחברו ובאמת היו כאלה שקראו לעיר זה־לב.

שארית הפליטה מהעיירה, מזכירים את היחסים האלה לעתים קרובות. כדאי להדגיש כי היחסים האלה לא פסקו ולהיפך עוד באו לידי ביטוי ביתר שאת בזמן המלחמה כשהנאצים השתלטו על כל ענפי הכלכלה ומקורות הפרנסה נתדלדלו וגם של עצמם לא ראו אפשרות קיום גם אז, כשהקהילה היהודית מהעיירה הסמוכה, סטרצוב, אשר הבתים והרכוש שלהם עלו בלהבות בלילה הראשון של המלחמה זה היה ביום ששי בערב כמעט כל האוכלוסיה היהודית הגיעה באותו הלילה לזלוב בעירום ובחוסר כל, מצאו .ביהודי זלוב מחסה משען וסעד ובמשך זמן קצר לכולם היה גג על הראש, זאת אומרת דירה וכל מה שדרוש לה, הודות לעזרה הזאת, סודרו במשך הזמן בהרבה שטחים, אם ע"י הקהילה היהודית ואם ע"י קרובים.

הנהירה לעיירה בזמן הנאצים היתה גדולה מיהודים

מכל הסביבה, נוסף ליהודי סטרצוב, אשר קהילתם נחרבה כליל, נהרו לעיירה יהודים מכל הסביבה, ומסיבה זו לא ידוע בדיוק גודל האוכלוסיה היהודית בזמן חיסול העיירה וישנם באמת סתירות בשטח זה, כמה יהודים הושמדו בזמן חיסול זלוב, ייתכן שבארכיון של העיירה (מועצת העיירה) בזלוב נמצאים פרטים אלה, ברם לצערנו כל הפניות שלנו לשלטונות האזרחיים בעיירה, הושבו ריקם או שבכלל לא זכו למענה, בפרט אחר שנותקו היחסים עם ממשלת פולין.

את העבודה הקדושה להנצחת הקהילה היהודית בזלוב, לקחו על עצמם קומץ של אודים ניצולים מאש החיים בישראל, כמעט בלי עזרה מבחוץ וממש בהתלהבות דקדושה ובעקשנות בלתי רגילה, החליטו לא לתת לשכוח את זכרם של קדושי העיר, אשר כל כך היתה חביבה עליהם, ולהנציח את זכרם בספר יזכור.

יש להזכיר במיוחד את העבודה המסורה והעקשת של מר נתן דינרי (גולדמינץ), אשר משך שנים לא חסך עמל עבודה מפרכת באיסוף חומר ובדאגה להוצאות הכספיות אשר הוצאת הספר כרוך בהם. את החבר אברהם מנחם קליין וזוגתו צירל, אשר ביתם היה תמיד פתוח לרוחה ואשר לקחו על עצמם את הטרחה של כל הבעיות והויכוחים והכל קיבל את הפתרון שלו בביתם. א. מ. קליין לא דאג רק לצד הטכני והאדמניסטרטיבי, אלא גם משתתף במאמרים אשר יש להם ערך רב עבור הספר. אשתו צירל, תירגמה הרבה מהמסמכים אשר במקורם נתקבל בשפה הפולנית. זאב שקופף וירחמיאל גולדמינץ, אשר בעצמם עברו כל יסורי המחנות, עשו את העבודה ממש בהתלהבות. כל אלה הביאו לזה שהופעת הספר יעשה לעובדה קיימת.

תודה לכל אלה שהוזכרו ותודה לכל המשתתפים בספר אשר הודות להם הודלק נר תמיד לזכרון נצח של הקהילה הקדושה, זלוב.

העורך

אריינפיר

מיטן דערשיינען פון זעלעווער יזכור־ספר איז צוגעקומען נאָך אַ מאָנומענט, נאָך אַ מצבה צו די הונדערטער דערשינענע ספרים וואָס אנטפלעקט פאַר די קומענדיקע דורות וויאזוי עס האָט געלעבט, געראנגלט זיך און טראַגיש אומגעקומען אַ דינאמישע יידישער ישוב, צוזאמען מיט אנדערע הונדערטער יידישע ישובים אין די שוואַרצע יאָרן פון נאַצישער הערשונג.

מיטן ארויסגעבן דעם "ספר־זלוב" האָבן די על־פּי־נס לעבנגעבליבענע אויסגעפירט א געוויסנהאַפטן חוב צו די אלע פאַרפייניקטע און פאַרשניטענע וואָס זענען אַוועק זייער לעצטן וועג נישט איבערלאָזנדיק קיין זכר און קיין סימן.

זאָל דאָס ספר זיין א נר־תמיד צום אָנדענקן די ריינע נשמות, לויטערע קדושים וטהורים.

* * *

עטלעכע פאַקטאָרן האָבן אויסגעטיילט זעלעוו פון א סך אנדערע יידישע ישובים מיט איר ספעציפישקייט און אייגנארטיקייט, דער פאַקט וואָס אין זעלעוו איז געווען אַ טשעכישע מערהייט מיט אַ ליבעראַלער באַציאונג צו די יידישע מיטבירגער, האָט געברענגט דערצו אַז דער אנטי־סעמיטיזם וואָס איז געווען שטאַרק בולט אין די ערטער ווו די פוילישע באַפעלקערונג איז געווען אַ מערהייט איז אין זעלעוו געוון כמעט אומאָנזעבאר. דאס האָט אויך

געבראַכט דערצו אַז דער צופֿלוס פֿון יידן קיין זעלעוו, איבערהויפּט אין דער צייט פֿון עקאָנאָמישן בויקאָט מצד די פּאָלאַקן, איז געווען אַ באַדייטנדער. דער צווייטער אייגנאַרטיקער שטריך וואָס האָט אויך געבראַכט צו אן איינוואַנדערונג פֿון יידן קיין זעלעוו פֿון די אַרומיקע ישובים איז געווען דער פֿאַקט וואָס זעלעוו איז געוואָרן אריינגענומען אין לאָדזשער טעקסטיל־קרייז אין דער צווייטער העלפֿט פֿונעם 19־טן יאָרהונדערט און געהאַט אַ גענוג אַנטוויקלטער טעקסטיל־אינדוסטריע. דער אַ אינדוסטריעלער־נערוו האָט געבראַכט דערצו אַז יידן פֿון אַנדערע ישובים וועלכע האָבן נישט געהאַט קיין אינדוסטריע, זאָלן זוכן אַן אָנהאַלט, אַ פּרנסה אינעם אינדוסטריעלן זעלעוו. צוליב דערזעלבער סיבה האָט מען כמעט נישט באַמערקט קיין גרויסע וואַנדערונגען און זוכענישן מצד דער יידישער זעלעווער יוגנט אין אַנדערע ערטער. עס איז גענוג געווען — דערציילן זעלעווער — אַז אַ ייד זאָל אַהיימנעמען אַ פּעקל גאַרן אויפֿצוטרייבן און ער איז געווען באַזאָרגט מיטן שטיקל ברויט. אַזוי איז געווען די לאַגע ווען דער פּראָדוציר־סיסטעם איז געוואָרן אַדורכגעפֿירט דורך האַנט־אַרבעט ווי אויך אין די שפּעטערדיקע יאָרן ווען די האַנט־אַרבעט איז געוואָרן פֿאַרטרעטן אין אַ גרויסער מאָס אין מעכאַנישן פּראָדוציר־סיסטעם. פּאַראַלעל מיט דער אַנטוויקלטער טעקסטיל־אינדוסטריע, האָט זיך געפֿילט אַן אויפֿלעבונג ביי אַנדערע פֿאַכן ווי אויך ביים מסחר, דער עיקר מיט דער פֿויערישער באַפֿעלקערונג וועלכע זענען געווען באַשעפֿטיקט, אויסער ביי זייערע דאָרפֿישע ווירטשאַפֿטן, אויך ביים אויסאַרבעטן טעקסטיל־סחורות.

אַ גאַר־וויכטיקער שטריך וואָס כאַראַקטעריזירט די יידישע באַפֿעלקערונג אין זעלעוו איז געווען די האַרציקע באַציאונגען, די ברודערלעכע איבערגעגעבנקייט בין אדם לחברו. „זה—לב" — דערמאָנען מיט נאָסטאַלגיע די זעלעווער שארית־הפּליטה זייער שטעטל. און זאָל דער־

מאַנט ווערן דער פאַקט אַז אין דער סאַמער טרויעריקער צייט ווען דייטשע נאַציס האָבן געבושעוועט איבער פּוילן און דאָס דערנעבנדיקע שטעטל סטערצעוו איז אוועק אין פלאַמען, האָט כמעט די גאַנצע סטערצעווער קהלה געפונען אין זעלעוו א דאַך איבערן קאָפּ און געוואָרן איינגעאָרדנט דורך די זעלעווער יידן נישט קוקנדיק אויף זייער אייגענעם ביטערן מצב.

* * *

דער צופלוס פון יידן קיין זעלעוו אין דער צייט פון דער נאַצישער הערשאַפט איז געווען א גרויסער. אויסער די דערמאָנטע סטערצעווער קהילה, זענען אויך אָנגעקומען יידן פון אַנדערע ישובים. צוליב דעם איז נישט גענוי באַקאַנט וועגן דער צאָל פון יידן בעת דער ליקווידאציע. דאָס איז די סיבה וואָס מיר געפונען געוויסע סתירות אין פאַרשידענע ארבעטן וועגן דער צאָל אומגעבראַכטע בעת דער לעצטער סעלעקציע. מעגלעך אַז אין די ארכיוון פון שטעטל געפונען זיך מער פרטים. ליידער איז נישט געלונגען צום באַקומען די געהעריקע אינפאָרמאציעס פון זעלעווער מאגיסטראט. איבערהויפט מיטן איבעררייסן די דיפּלאָמאַטישע באַציאונ־גען זענען אלע איבערשרייבונגען מיטן מאגיסטראט צוועק־לאָז.

* * *

די הייליקע ארבעט פון פאַראייביקן די זעלעווער קהילה האָבן אויף זיך גענומען עטלעכע לאנדסלייט וועלכע האָבן מיט עקשנות, כמעט אָן דער מיטהילף פון אויסלענדישע לאנדסלייט, זיך געווארפן מיט התלהבות אין דער עבודת־הקודש מיט אנערקנונג מוז דערמאנט ווערן דעם וויכטיקן ביישטייער פון פריינט **נתן דינרי — גאָלדמינץ** וואָס האָט לאנגע יאָרן אומדערמידלעך געזאַמלט מאטעריאלן און לאנגע ירן אומדערמידלעך געזאַמלט מאטעריאלן און פינאנסיעלע רעסורסן פאַרן ספר און מיט זיין ענטוזיאזם

באַווירקט אלע אנדערע טוער **אברהם מענדל קליין** מיט זיין פרוי **צירל** וועמענס שטוב ס'איז געווען אין די אַלע יאָרן פון מיפּולע ארבעט, די קוזשניע ווו אַלע קלענערע און גרעסערע פּראָבלעמען זענען געוואָרן איבערדיסקוטירט און אַדורכגעפירט. א. מ. קליין האָט נישט נאָר אדורכגעפירט כמעט די גאנצע טעכנישע און אַדמיניסטראַטיווע ארבעטן, נאָר אויך זיך באַטייליקט אין ספר מיט גאָר־וויכטיקע אינהאלטספולע ארבעטן. צירל קליין איז צו פאַרדאַנקען אַ ריי איבערזעצונגען פון דאָקומענטן וואָס מיר האָבן באַקומען אין דער פּוילישער שפּראַך. **זאב שקאָפּ** און **ירחמיאל גאָלדמינץ** וועלכע האָבן אליין אדורכגעמאַכט אַלע שוידערלעכע פּיינען אין דער שואה־צייט, האָבן זיך מיט אייפער געוואָרפן אין דער הייליקער עבודה און האָבן געבראַכטדערצו אז דאָס דערשיינען פון ספר איז געוואָרן אַ געשעענער פאַקט.

אַ דאַנק די דערמאָנטע פריינט און אַ דאַנק אלע מיטבאַטייליקטע אין ספר איז געוואָרן אָנגעצינדן א ליכט, אַ נר־תמיד פאַר דער זעלעווער קהילה־קדושה.

דער רעדאַקטאָר

אברהם קלושניר ז"ל

מאת זאב שקופף

כרעם ביום בהיר פגעה בנו הבשורה הנוראה כי עורך הספר ורוח החיה בהוצאתו, הסופר **אברהם קלושינר ז"ל,** עזב אותנו לאנחות ועלה לחיות במרומים חיי נצח. הסופר קלושינר לא היה בן עירנו **זלוב** המנוצחת בספר שלפנינו, אבל הוא הזדהה בחיי עירנו והשקיע בעבודתו את כל להט נפשו במסירות ונאמנות. התקשר עם שאר ארגוני שארית־הפליטה וחי את חייהן של קהלות רבות, אותן תיאר בשפה נלבבת ובעט סופרים מוכשר. באותה מדה עשה את מלאכת הקודש של הנצחת פאר העבר וחייה הרבגווניים של עיירתנו.

מעלות חשובות ונשגבות היו באברהם קלושינר. היה אח וריע שאין דוגמתו לכל שביקשו קרבתו, הבין שאיפתם ומש־את נפשם והצליח לשרטט דמויות העבר האהובות עליהם בקוים בולטים ואפייניים שעשו חייהן ספר גלוי לכל.

בצעירותו קיבל קלושינר חינוך תורני עד גיל 17. מוצאו הוא מבית חסידי גור. אביו ר' איצ'ה מאיר קלושינר דמות ידועה היה בין חסידי גור. גם כשאברהם קלושינר ז"ל עזב מסלול חיי הוריו נשאר תקוע בעולם אידיאלי ועשה את מעשיו בהתלהבות חסידית. האמת היתה אהובה עליו מכל. היה בעל אופקים רחבים, בעל השכלה וסופר מחונן. שלשה ימים לפי פטירתו כתב שיר שהוכנס בספר הזכרון של עירנו. היו זמנים כאשר נתפס לרעיון כי גורלו של עם ישראל תלוי במהותו של משטר ואם ישתנה המשטר הקיים תיעלם מא־ליה הבעיה היהודית. אולם במלחמת העולם השניה עת ראה במו עיניו את הברבריות של העם הגרמני ה"נאור" מחד, ואת סילופו של הסוציאליזם בברית המועצות שם

שהה בימי המלחמה נוכח לדעת כי עם ישראל הוא עם לבדד ישכון ובגויים לא יתחשב. הוא הסיק מסקנא מעשית מה-מציאות המרה. עלה עם משפחתו ארצה ישראל והשתלב בחיי הארץ מתוך אהבת עם ישראל ונכסיו הרוחניים.

אברהם קלושינר חי וכאב כל הזמן את השואה. למרות התנאים הקשים בהם חי קיבל על עצמו כל עבודה ספרותית להנצחת השואה. בכשרונו הרב החיה את חיי העבר למכלול גווניהם. הוא לא היה חד־צדדי. מקוריותו הטביעה רישומה על כל אשר פעל ועשה. הוא הקפיד להבליט במיוחד את כלי הקודש בעיר, תלמידי חכמים, אירגונים דתיים, בידעו כי אלה הם התשתית לחייה של יהדות פולין בשנים שלפני השואה.

אברהם קלושינר הרגיש עד עומק נפשו את השואה וראה בעבודת ההנצחה עבודת קודש. לכן הצליח להחיות את העולם שחלף ואיננו ולהעמידו חי בפנינו.

יהי זכרו ברוך ותנצב"ה

אברהם קלושינר

נר תמיד
לששת המיליונים שעלו
בלהבות הי״ד
נכתב בשפתם

פלאמען....

רייסן זיך פלאַמען
צום זיבעטן רקיע :
ווי צעפלאמטע בערד
פלאַמען ברייטע

פלאַמען — טאַטעס
פלאַמען צנועדיקע, הכנועדיקע,
פלאמען — מאמעס.
פלאַמען, פלעמעלעך...

תינוקות של בית רבן
רייסן זיך מיט
טויזענטער פאַרוואָסן ? ! ! !
טויזענטר פארוואסן ? ! ! !

ניט געפינענדיק קיין ענטפער
ניט אין זוהרישן פרדס !
ניט אין די לאבירינטישע סודות
פון האר״י הקדוש !

רייסן זיך פלאַמען מיט רעש
און מיט געשריי,
פון לוי יצחק בן שרה
צו דער אויבערשטע פמליה,
מיט קלוגענדיקע
טויזענטער פארוואסן
טויזענטער פארווענען ? ? ?

יאגען זיך פלאַמען !
אוועק אין פלאַמען !
עלו בלהבות !

בית חולים תל השומר ביתן 10
סיון תשל"ו — יוני 1976

היישוב היהודי בזלוב
דער יידישער ישוב אין זעלעב

אברהם מענדל קליין — תל־אביב

זעלעוו ביזן יאר 1930

אונדזער ישוב

וועגן אנטשטייונג פון ישוב בכלל און וועגן ערשטע יידן וועלכע האבן זיך באזעצט אין זעלעוו, איז אונדז ליידער נישט געלונגען צו באקומען די געהעריקע אינפארמאציעס. מעגלעך אויב מ׳וואלט געהאט מעגלעכקייטן צוצוקומען צו די אלטע ארכיוון (אויב אזעלכע זענען פאראן) וואלטן מיר געהאט א גענוי בילד וועגן דעם. צאלרייכע בקשות צו דער שטאט־פארוואלטונג אין זעלעוו וועגן אונדז איבערגעבן געוויסע ידיעות וועגן דעם ענין, זענען געבליבן אן ענטפער.

פון א דאקומענט („געאגראפיש ווערטער־בוך פון פוילישן קעניגרייך״, ארויסגעגעבן אין ווארשע אין יאר 1895 זייט 566) דערוויסן מיר זיך אז אין אנפאנג 16־טן יארהונדערט איז אויפן ארט פון היינטיקן זעלעוו געווען פעלדער אין לויט א רעגיסטער פון יאר 1552 האבן זיך דארט געפונען 19 ווירט־שאפטן און דער קירכע־שטייער פון די פעלדער איז געווארן אריינגעטראגן אין דער בוטשקער פאראפיע (דרך אגב: דאס דארף בוטשעק האט זיך אין די ווייטער־דיקע יאר נישט אנטוויקלט).

פון דעם דערמאנטן דאקומענט ווערט באוווסט אז אין יאר 1802 באזיצט די קאלאניע זעלעוו, לאסקער פאוויאט, אן אייגענע עוואנגעלישע קירכע. קאטאליקן געהערן צו דער פאראפיע אין בוטשעק (6 וויארסט פון זעלעוו), א אנפאנגס־שולע, א גמינע־ראט, 1605 מארג און 218 הייזער. דער איבערוויגנדער טייל קאלאניסטן זענען טשעכן. צום סוף פון דאקומענט ווערט געבראכט א סטאטיסטיק אז: דער שטח פון זעלעוו באשטייט פון 4625 מארג און די באפעלקערונג האט זיך פאר־טיילט: פראטעסטאנטן 3594 קאטאליקן 680 און יידן 488.

פון אנדערע קוועלן איז באקאנט אז אין יאר 1812 בשעתן מארש פון נאפא־לעאנען אויף מאסקווע, זענען א צאל געפאלענע געבראכט געווארן צו קבורה

אין זעלעוו און אויפן זעלבן בית־הקברות האבן די טשעכן אויפעשטעלט א גרויסע פראטעסטאנטישע קירכע (אויסער די קלענערע פון פריער).

ווייטערדיקע ידיעות וועגן אונדזער ישוב געפונען מיר אין דער אויסגאבע „אילוסטרירטער וועגווייזער פאר פאביאניץ, לאסק און לאסקער פאוויאט" ארויס־געגעבן דורך דער פוילישער געזעלשאפט פאר לאנדקענטעניש, פאביאניצער אפטיילונג פון יאר 1929. דעם דאקומענט האבן מיר באקומען פון דער פריוואטער ביבליאטעק פון אינזשיניער דוד דאווידאוויטש, מנהל פון פאלקלאר־מוזעאום אין רמת־אביב.

מיט דער העפלעכער דערלויבעניש פון ה' דאווידאוויטש, ברענגען מיר דעם פולן טעקסט פון אויבנדערמאנטן דאקומענט.

גמינע זעלעוו

ציילט 711 ווינונגס־הייזער. איינווינער 7608, אינדעם מענער 3646, פרויען 3962. רוימיש־קאטוילישע 2082, עוואנגעליקן 3381, אנדערע קריסטן 284, משה'ס גלויבן 1859 אנדערע 2. פאלאקן 5270, דייטשן 482, יידן 552, טשעכן 1304. ארטשאפטן 8.

אין פאזשדזשעניץ איז פאראן א פיליאלע קאטוילישע קירכע, א הילצערנע, ווארשיינלעך פון 17־טן יארהונדערט. דארט איז אויך פאראן א עוואנגעליש־אוגסבורגיש געבעט־הויז אויך א הילצערנער. און דער קאלאניע פאזשדזשעניץ איז אויך פאראן א צווייט געמויערט געבעט־הויז.

זעלעוו

לויט דעם נאציאנאלן צוזאמענשטעל איז זעלעוו געווען אן אינטערע־סאנט טשעכיש אינדזל.

געשאפן דעם ארטשאפט האבן טשעכישע עמיגראנטן אין יאר 1803 וועלכע האבן איבערגעוואנדערט פון טאבאר און טשערמין אויפן טשעשינער שלאנסק אונטער דער אנפירערשאפט פון אלעקסאנדער פעטראזעלין, די עמיגראנטן האבן געקויפט זעלעוו פון דאמאלדיקן פריץ יוזעף סווידזשינסקי פאר 25,666 פרייסישע טאלער וואס האט אין יענער צייט זיך געגלאכן צו 154 טויזנט פוילישע זלאטעס. זיי בעזעצן זיך נישט בלויז אין זעלעוו נאר אויך אין זעלוועק, פאזש־

דזשעניץ, יגנאצאוו, האלענדרי, פאוסטינאוו און אין אנדערע דערפער, וועלכע שאפן די זעלעווער עוואנגעליש־רעפארמאטישע פאראפיע. די טשעכן זענען א מערהייט אין דער גמינע דעריבער געפונט זיך די אנפירערשאפט אין זייערע הענט. זיי פרענומערירן טשעכישע צייט־שריפטן, ריכטן אפ די תפילות אין טשעכיש, האבן איז באזיץ א קליינעם פארלאג אין דער טשעכישער שפראך.

זעלעוו אליין ציילט 399 ווינהייזער. איינוווינער זענען פאראן 5362 אינדעם מענער 2542 פרויען 2820.

רעליגיעזער אנגעהעריקייט: קאטאליקן 1367, עוואנגעליקן 2029, אנדערע קריסטן 148, פון משה'ס גלויבן 1816 פערזאן.

פאר פאלאקן האבן זיך אנערקענט 3860 פערזאן, פאר דייטשן 140 טשעכן 870 און יידן 552.

זעלעוו איז אן אינדוסטריעלער ארטשאפט. פאראן עטלעכע טעקס־טיל־פאבריקן און א גרעסערע צאל האנט־וועבערייען.

די קאטוילישע פאראפיע שאפט זיך ערשט אין יאר 1915 און צו זייער דיספאזיציע איז פאראן א קליינע קאפליצע. איצט טרעטן זיי צו צום בויען א געמויערטע קירכע.

די טשעכישע עוואנגעליש־רעפארמאטישע קירכע שטייט שוין פון יאר 1823, די דערעפענונג איז פארגעקומען אין יאר 1825. דאס איז א גרויסער געמויערטער בנין מיט א טורעם, אינווייניק שיין איינגע־ארדענט, לויטן מוסטער פון אנדערע עוואנגעלישע קירכעס.

די באפטיסטן באזיצן אן אייגנעם געמויערטן געבעט־הויז.

די יידן האבן א הילצערנע שול געבויט מיט 50 יאר צוריק (1879).

זעלעוו האט א דירעקטע אוטא־קאמוניקאציע מיט לאסק. פאראן אויך אין זעלעוו א פאסט־טעלעגראפן אפטיילונג, פאליציי סטאציע, גמינע פארוואלטונג און א 7־קלאסיקע עלעמענטארע שולע (קאזשי־מיעהזש סטאשעווסקי, „אילוסטרירטער וועג־ווייזער". יאר 1929 — איבערגעזעצט פון פויליש צ. קליין).

די באפעלקערונג

ווי מיר האבן שוין דערמאנט, איז די מערהייט פון דער באפעלקערונג באשטאנען פון טשעכן.

אויך דער ווייט און ריכטער זענען געווען טשעכן.

די אומגאנגס־שפראך צווישן דער טשעכישער באפעלקערונג ווי אויך צווישן יידן און טשעכן, איז געווען הויפטזעכטלעך טשעכיש.

עס איז אויך געווען א דייטשע מינדערהייט וועלכע האט מיטגעווירקט ביי דער אנטוויקלונג פון דער אינדוסטרי.

קיין קאטוילישע קירכע האט נישט עקזיסטירט ביזן 20־טן יאָרהונדערט און די דערשיינונג האט ארויסגערופן נישט ווייניק בייז בלוט ביי די קאטאליקן־פאַלאקן, בעלי־בתים פון לאנד, וועלכע זענען געווען געצווינגען צו גיין אין די זונטיקן און אנדערע יום־טובים א גאנג פון עטלעכע קילאמעטער אין דער קירכע פון דאָרף לאָבודזשעץ, אויפן בעלכאטאווער וועג, אינדערצייט ווען ביי אנדערע גלויביקע זענען געווען אלע רעליגיעזע אנשטאלטן. ביי די עוואנגעליקן צוויי קירכעס און להבדיל ביי יידן איז געווען א שיל, בית־מדרש. פארשידענע שטיבלעך און אנדערע רעליגיעזע אנשטאלטן.

אין די שפעטערדיקע יאָרן איז געווארן אויפגעבויט א קירכע א דאנק דעם רייכן טשעך גאַשעראווסקי. וועלכער האָט געשפענדעט פאַר דעם צוועק א שטח באָדן. כאטש דער זעלבער גאשעראווסקי איז געווארן פאר דעם טאט בויקאטירט דורך זיינע מיטגלויביקע אפילו געווארן געלייגט אין חרם, אבער די פאלאקן זענען שוין נישט געווען געצווינגען צו גיין קילאמעטערס אויף אפצוריכטן זייערע תפילות.

די טשעכישע באפעלקערונג האט אויך שטרענג אפגעהיטן אלע טראדיציעס און מנהגים וואס זייערע עלטער־זיידעס האבן מיט זיך מיטגעבראכט פון דער אלטער היים.

נאכן ערשטן וועלט־קריג ווען סאיז אנטשטאנען די טשעכאסלאוואקישע רעפובליק, האט זיך ביי זיי דערוואכט א סענטימענט און אַ בענקעניש צו דער אלטער היים און סהויבט זיך אָן אַ רעפארטריאציע קיין טשעכאסלאוואקיע. א גרויסער טייל פארלאזט זעלעוו מיטנעמענדיק אלעס וואס סאיז נאָר מעגלעך.

כאראקטעריסטיש אז אין דערזעלבער צייט דערוועקט זיך א בענקעניש אויך ביי דער יידישער באפעלקערונג און עטלעכע משפחות מיט מרדכי שעראדזקי בראש פארלאזן זעלעוו אויפן וועג צום אויסגעבענקטן ארץ־ישראל.

די יידישע באפעלקערונג האט געניאָסן פון אלע אויטאנאמישע רעכטן. ביים מאגיסטראט איז געווען אן אפטיילונג פאר יידישע ענינים וואס האָט זיך פארנומען מיט ארויסגעבן חתונה־שיינען, מעטריקעס א. א. וו. מיט דער ארבעט האט אנגעפירט

יעקב מאיר קלוג וועלכער איז געווען דער פאקטישער סעקרעטאר פון דער יידישער באפעלקערונג ביים מאגיסטראט.

עקאנאמישע לאגע

אין קעגנזאץ צו פיל אנדערע ארומיקע שטעטלעך, איז אין זעלעוו געווען אנטוויקלט די טעקסטיל־אינדוסטרי וואס האט געגעבן א מעגלעכקייט פארן רוב צו געפונען ארבעט אויפן אָרט אין נישט זוכן עקזיסטענץ — מעגליכקייטן אין אנדערע פלעצער.

ווי האט זיך די יידישע באפעלקערונג אויסגעלעבט עקאנאמיש ? מיט וואס האט זי זיך באשעפטיקט ? וואס זענען געווען די עיקר פרנסות ?

באשעפטיקטע לויט די שטעט אין מעכאנישע פאבריקן

שטאט	יידן לוין־ארבעטער	נישט־יידן	יידישע בעלי בתים מ״ט זייערע משפחות ביי דער ארבעט	סה״כ יידן	%	סה״כ נישט־יידן	%
אלעקסנדער	211	181	199	410	69,4	181	30,6
בעלכאטאָוו	164	166	370	534	76,3	166	23,7
בזשעשין	94	7	232	326	97,9	7	2,1
קאליש	775	387	566	1341	77,6	387	22,4
קאנסטאנטין	65	25	96	161	86,6	25	13,4
לוטומיערסק	37	—	60	97	100	—	——
לאסק	105	—	220	325	100	—	——
נאווראדאמסק	570	352	693	1263	78,2	352	21,8
אָזאָרקאָוו	247	266	342	589	68,8	266	31,2
פאביאניץ	576	490	534	1110	69,4	490	30,6
פּאָטרקאָוו	317	37	491	808	95,6	37	4,4
שעראדז	98	6	151	249	97,6	6	2,4
טאָמאַשאָוו	565	910	539	1104	54,8	910	45,2
טורעק	72	13	175	247	95	13	5,
זד־וואליע	848	504	711	1559	75,6	504	24,4
זעלעוו	76	9	148	224	96,1	9	3,9
זגערזש	221	181	195	416	69,7	181	30,3

טעקסטיל־אינדוסטרי

העכסטווארשיינלעך איז זעלעוו געוואָרן אריינגענומען אין לאָדזשער טעקס־טיל־קרייז וועלכער האט זיך אנגעהויבן אויסבילדן אין דער ערשטער העלפט פון 19־טן יאָרהונדערט. און אנפאנג זענען די הויפט־מומחים געווען טשעכן ווי אויך א קליינע צאל דייטשן וועלכע זענען אנגעקומען פון לאָדזש. מיט דער צייט האבן יידן איבערגענומען דעם איניציאטיוו און געוואָרן די טאָן־געבער פון דער בראַנזשע ארבעטנדיק ביי פארשידענע ארבעטן, ביים וועבן, שערן, שפולען, א.א.וו. די יידישע פאבריקאנטן פארנעמען דעם אויבן־אָן אין דער אינדוסטרי און די ערשטע מעכאנישע פאבריקן געהערן צו יידן.

דער רווישטאף ד.ה. דער פאָדעם איז געוואָרן געבראַכט פון לאָדזש און דער גאנצער פראָדיציר־סיסטעם, פון פארבן ביז פארטיקע געוועבטע סחורות, איז גע־וואָרן אדורכגעפירט אויפן אָרט.

די ערשטע צייטן זענען אלע ארבעטן געווארן אויסגעפירט אויף אַ פרימיטיוון אופן דורך האנט־ארבעט און די ארבעט איז געווארן ארויסגעגעבן צו די וועבער וועלכע האב זייערע וועב־שטולן געהאט אין די שטובן אזוי אז כמעט אלע משפחה מיטגלידער זענען געווען באשעפטיקט, פאר יעדן איז געווען וואס צו טון. מיידלעך האבן געשפולט אדער געפוצט די סחורה און אפילו קינדער האבן געהאט מיט וואס צו זיין בייהילפיק.

די פאָרדינסטן זענען געווען פארשידענע. ביים שערער־פאַך, וואס איז פול־שטענדיק געווען אין יידישע הענט, זענען די פאָרדינסטן געווען גאָר־גוטע. דאקעגן די וועבער האבן זיך געפלאגט מיטן ארויסברענגען אויף פרנסה. די הויפט־סיבה איז געווען וואס אויך א טייל פון דער דארפישער באפעלקערונג האט זיך פארנומען מיט וועבעריי און פאר זיי איז דאס געווען א צוגאב־פרנסה ווייל יעדער פון זיי האט געהאָט אן אייגענע ווירטשאפט אין דאָרף און וויפיל ער האט צופאַרדינט איז פאר אים געווען גענוג. פארשטייט זיך אז די פאבריקאנטן האבן אויסגעניצט דעם אַ קאנקורענץ־מאָמענט און געצאלט נישטיקע פרייזן.

ווען די טעקסטיל־אינדוסטרי האט אנגעהויבן ווערן מעכאניזירט, האט אויך זעלעוו נישט געקאָנט זיין אונטערשטעליק פון גאַנצן טעקסטיל־קרייז און די ערשטע מעכאנישע פאבריק ווערט אויפגעבויט דורכן פאבריקאנט יענקעלע לעווי. עס איז פארשטענדלעך אז נישט יעדער האט געהאט די נויטיקע רעסורסן אויף איבערגיין צו א מעכאנישן פראדוציר־סיסטעם. מיט א צייט שפעטער בויט אויך אַ פאבריק הערשל מאיר.

צווישן די פראסטע ארטיקלען ווי שערצן־צייג, וויגוניע א.א.וו. ווערט אויך אויסגעארבעט קאמפליצירטע זשאקארד אין פלוש־ארבעטן. איטשע מאיר כהן האט געהאט א ליווראציע פון פלוש־ארבעטן פאר דער לאדזשער פירמע רומקאווסקי.

ביים איינפירן דעם מעכאנישן סיסטעם שאפן זיך שווועריקייטן פארן יידישן ארבעטער וועלכן דער יידישער פאבריקאנט וויל נישט צונעמען צו דער ארבעט צוליב חילול־שבת (די פאבריקן האבן געארבעט שבת און גערוט זונטיק) אבער דאך געפונען זיך יידישע אַרבעטער אין די מעכאניזירטע פאַבריקן ווי עס באַווייזט די וויטערדיקע טאבעלע גענומען פון בוך „יידישע אינדוסטרי — אונטערנעמונגען אין פוילן". פון אינזשיניער אליעזר העלער פון יאָר 1921. זייט 39־138, צווייטער באנד.

טראנספּאָרט

ווען סאיז נאך קיין מאטאריזירטער טראנספּאָרט נישט געווען איז דער ענין געווען א גענוג קאמפליצירטער ווייל קיין באן־פארבינדונג האט זעלעוו נישט געהאט און די נאענסטע באן־סטאציע איז געווען אין לאסק, 16 קילאמעטער פון שטעטל. דאס איבערפירן פאסאזשירן צו דער באן און פון דער באן האט זיך געפונען אין די הענט פון איין משפחה, מהאט זיי גערופן די קאָוואַלעס. זיי זענען געווען דריי ברידער, דער עלטסטער משה, יענקל און פישל. משה האט זיך מיט פערד־און־וואָגן נישט פארנומען, ער האט זיך באשעפטיקט אין דער קוזשניע. דער טראנס־פארט איז באשטאנען פון א בריטשקע (ריסארע) זומער צייט, א דראָזשקע אין צייט פון א רעגן און א פארמאכטע בויד ווינטער צייט. ביי זיי זענען געווען די בעסטע פערד אין די נסיעה קיין לאסק האט געדויערט אינגאנצן א שעה צייט. אנטשטאט 3—2 שעה ביי אנדערע. קורסירט האט דער טראנספארט צוויי מאָל אין טאָג. 7 אינדערפרי און נאָכמיטאָג.

שפעטער זענען די דריי ברידער געווען פון די ערשטע וועלכע האבן געקויפט אוטאבוסן און טאקסיס וועלכע האבן שוין געפירט דירעקט קיין לאדזש.

עס איז אויך געווען א פראכט־טראנספּאָרט וואס האט געפירט טעקסטיל־סחורות אין די לאדזשער אפעראטורן און פון דאָרט געבראכט רוי־שטאָף. דאס זענען געווען שווערע וועגענער געשפאנט מיט דריי־פיר פערד וועלכע זענען ארויס־געפאָרן צוויי מאל אין וואך, שבת ביינאכט און מיטוואך. די אייגנטימער זענען נישט געווען סתם בעלי־עגלות נאר אנגעזעענע בעלי־בתים. צו דער ארבעט האבן זיי געהאלטן מענטשן אזוי־גערופענע אנטרייבערס אדער פאראָבקעס. דער ערשטער,

אויף ווִיפיל איך געדענק, אזי געווען איטשעלע (מהאט אים גערופן „דער אלטער״), דערנאך איז די פרנסה איבערגעגאנגען צו זיינע זין. נאך אן אייגנטימער פון פראכט־וועגן איז געווען יעקב קלמן פילא, א בעל־יחוס וועלכער האט זיך צו די פערד בכלל נישט צוגערירט. ער האט נאר קאנטראלירט די לאדונג, געחשבונט מיט די פאבריקאנטן. אויך די מענטשן. די ברידער שמולעוויטש, וואס ער האט געהאלטן זענען נישט געווען סתם אָנטרייבער. זיי זענען געקומען פון בעלכאטאוו און ווי מהאט געשמועסט, זענען זיי געווען קאמוניסטן. איינער פון די ברודער איז דערנאך אוועק קיין ראטן־פארבאנד און דער צווייטער, העניעך, איז אליין געווארן אן אייגנטימער פון פערד־און־וואגן.

יעקב קלמן האָט זיך געהאַלטן פאר אַן אינטעליגענט. אויב מ׳האָט אים דער־מאָנט א זאך וואס האט געהאט א שיכות צו פערד־און וואגן, האט ער זיך שטארק באליידיקט. איינמאל בעת א סכסוך אין דער יידישער געמינע ווען ער האט באמערקט אז צו אים דארף מען רעדן ווי צו אן אנגעזעענעם מענטש, האט אים מיין פעטער משה גאלדשטיין (מהאט אים גערופן „דער טויטער משה״), א קלוגער ייד אין א דאָזאָר אין שטעטל אים געענטפערט: „יאָ, ביי דיינע פערד ביזטו זייער אן אָנגעזעענער מענטש״...


אויסער די דערמאָנטע בעלי־עגלות און אייגנטימער פון לאסט־וועגענער, איז אויך געווען איינער וועלכער האט איבערגעפירט פון לאדזש די נויטיקע פראדוקטן פאר די קאלאניאל און אייזן־געשעפטן. געהייסן האט ער כתריאל, אן איידעם פון מאיר דאָזאָר. ער האט אליין געארבעט און אויך געהאט א געהילף א שייגעץ.

אנדערע פרנסות

יידישע בעלי־מלאכות זענען געווען פארטיילט אין צוויי גרופן. איין טייל האָט געארבעט טאנדעט־ארבעט פארן מארק און דער צווייטער טייל, פאר דער שטא־טישער באפעלקערונג, אויף באשטעלונג.

די פויערים פון דער ארומיקער סביבה וועלכע זענען געקומען יעדן מיטוואָך (דעם באשטימטן פאר זעלעוו מארק־טאָג) מיט זייערע לאנדווירטשאפטלעכע פראָ־דוקטן, זענען געווען די אפנעמער פון דער אויסגעארבעטער פראדוקציע פון אַ גאנצער וואָך.

אויף דעם מארק־טאג האבן אויך געווארט א גרעסערע צאל אינהאבער פון געוועלבער ווו די פויערים האָבן איינגעקויפט די נויטיקע פאר זיי מאטעריאלן און פראדוקטן.



כיכר־השוק — מארק־פלאץ

אין די מארק־טעג זענען אויך אנגעקומען יידישע סוחרים פון די ארומיקע שטעטליך ווי לאסק, סטערצעוו און אנדערע וועלכע האבן אין די פארטאָגסן אויפ־געשטעלט זייערע בוידן מיט סחורות.


שניידער זענען געווען בערך 16—15, פון זיי האבן צען געארבעט פארן מארק. שוסטער זענען געווען בערך צען. אויך זיי האבן זיך פארטיילט אין טאנדעט־ארבעטן און אין ארבעט אויף באשטעלונג.

היטל־מאכער זענען געווען דריי. יחיאל היטלמאכער וועלכער האט געארבעט צוזאמען מיט זיינע 5 זין (נאך 2 זענען געווען שניידער), יענקל קופערוואסער (יענקל צירל מאירס) וועלכער האט זיך געלערנט ס׳פאך ביי יחיאלן און דערנאך געווארן זיין קאנקורענט און מיין קוזין הערשל קליין. ער האט זיך געלערנט ס׳פאך ביי יענקל קופערוואסער און דערנאך געווארןביידנס קאָנקורענט.

מעדיצינישע לאגע אין שטעטל

ביזן ערשטן וועלט־קריג איז אין זעלעוו נישט געווען קיין שפיטאל און אויך נישט קיין דאקטאר. ביי נויט־פאלן איז מען געווען געצווינגען צו פארן קיין לאסק צום דאקטאר. די מעדיצינישע באהאנדלונג איז געוואָרן אדורכגעפירט דורך צוויי פעלטשער, יעקב בלאדע און זוסמאן. זייער הויפט־פרנסה איז געווען פריזעריי און „מעדיצין" איז געווען א צוגאב־פרנסה. בלאדע האט געהאט א שם אלס א גוטער פעלטשער און מהאט אים גענומען צו אלע ערנסטע קרענק. אויך ביי זוסמאנען פאר דער רעזורע האבן געהאנגען צוויי מעשענע טעלער (דער סימן פון אָ פעל־טשער) אבער אים האט מען גענומען צו מער לייכטערע קרענק, דער עיקר ביי צאָן־ווייטיק (דאס איינציקע מיטל איז געווען די צוואנג), לייכטע פארקילונגען און פארשטייט זיך צו מאכן א קאנע. אויב די באהאנדלונג האט נישט געהאלפן, האבן זיי דעם קראנקן געשיקט קיין לאסק צום דאקטאר (אין פיל פאלן איז עס שוין געווען צו שפעט).

אין יאָר 1915 איז אנגעקומען א פעלטשער פון לאדזש (שייע יונה פעלטשער) און מיטן אָנווענדן זיינע „מעדיצינישע" קענטעניש, האָט ער אָוועקגעשיקט אויף יענער וועלט מיין ברודער חיים יחזקאל ז״ל וועלכער איז אין דער צייט פון דער דייטשישער אקופאציע קראנק געווארן אויף דיזענטעריע און ער האט אים געגעבן צו שלינגען אייז. און נאָך אָ דרייטאָגיקער באַהאַנדלונג איז דער ברודער געשטאָרבן. ער האט זיך דערנאך מודה געווען אין דער נישט ריכטיקער באהאנדלונג.



יום־השוק — מאַרק־טאָג

ביים ענדע פון קריג איז אנגעקומען א קריסט, א דייטש (צילקע פעלטשער) וועלכער איז געווען אויפן פראַנט א סאניטאר. צו אים האט מען געהאט מער צוטרוי. אביסל שפעטער האט זיך באזעצט אין זעלעוו דער ערשטער דאקטאר (דוכט זיך א ייד).

קיין דיפלאמירטע אקושערקעס זענען נישט געווען. מיט דעם האבן זיך פארנומען די פאמיליע קיפער ביי וועלכע דאס פאך איז איבערגעגאנגען פון דור צו דור. (וועגן דער פאמיליע קיפער איז פאראן א ספעציעלע ארבעט).

ערשטער וועלט־קריג און דער יידישער ישוב

מיטן אויסברוך פון ערשטן וועלט־קריג האט זיך ראפּטום געענדערט דאס לעבן פון שלווהדיקן הערראפּאשנעם שטעטל. איך דערמאן זיך אז דעם ערשטן טאג פון קריג האב איך, אלס 6־יאריק קינד געלערנט ביי יעקב מאירן און חדר. מיין פאטער ז״ל איז געקומען מיך אפנעמען פון דארט און מיט ציטערניש מיך אהיים געטראגן אויף דער פלייצע. אזוי ווי מיר האַבן געוווינט אין מאַרק און דאַרט איז געווען פול מיט רוסיש מיליטער, האבן מיר זיך קוים אהיים געקריגן.

די יידישע באַפעלקערונג האָט זיך פאַרמאַכט אויף זיבן שלעסער, טיר און טויער זענען געווארן פארמאכט און אלע זענען געזעסן אין פחד און ציטערניש אי פאר די מלחמה אפעראציעס וועלכע האבן זיך געפירט ארום דעם שטעטל ווי אויך פאר די רוסישע סאָלדאטן, איבערהויפּט די רוסישע קאזאקן וועלכע האבן זיך פארנומען מיט ראבעווען יידיש האב און גוטס.

איינמאָל האָבן זיך צו אונדז אין דער ווינונג אריינגעריסן עטלעכע קאָזאַקן און אנגעהויבן ראבעווען שטאָפן און פארטיקע קליידער (מיין פאטער איז געווען א דאמען־שניידער). איינער פון זיי האט אויפגעריסן די שאנק און דערלאנגט די סחורות דעם צווייטן, אבער אנשטאט אַ קאַזאַק, האט זיך דאַרט אוועקגעשטעלט מיין ברודער הערשל (דער ערשטער קאזאק, שטייענדיק מיטן פנים צו דער שאנק, האט עס נישט באמערקט) און ווען דער קאזאק האט אים דערלאנגט, האט הערשל גענומען די סחורות און באהאלטן אונטערן בעט. נאכדעם ווי מייו מוטער האט אנגעהויבן געוואלדעווען אז מראבעוועט, זענען די קאזאקן ארויס פון דער ווינונג. אבער דערזעענדיק אז מהאט זיי אפּגענארט און זיי זענען געבליבן מיט גארנישט, האבן זיי זיך געגרייט ארויפצושיסן צו אונדז. נאך א נס וואס ביי יאפאַנטשיק בעקער האָט זיך אויפגעהאַלטן אינדערצייט פון דער מלחמה אַ קאָזאַק און ער האָט אונדז אפּגעראטעוועט.

די קאמפן זענען געווען פארביסענע און דאס שטעטל איז עטלעכע מאָל איבער־געגאנגען פון האנט צו האנט ביז די דייטשן האבן באהערשט די לאגע און אריין קיין זעלעווו, פארבלייבנדיק דארט ביזן סוף פון קריג.

נאָכדעם ווי מיר זענען פטור געוואָרן פון די קאָזאַקישע צרות, האָט זיך אָנגע־הויבן א קאפיטל וואס האט געהייסן דייטשע אקופאציע־מאכט. מיט יעדן טאג איז געוואָרן שטרענגער די מלחמה דיסציפלין. יעדעס מאל באוויזן זיך פרישע באפעלן וועלכע באגרענעצן אונדזערע באוועגונגען. פון 8 אזייגער אין אוונט טאר מען זיך נישט באווייזן און ארויסצופארן פון שטעטל איז פארבינדן מיט קאלאסאלע שווערי־קייטן. אבער דער עיקר איז געווען דער שרעקלעכער הונגער וואס האט אנגעהויבן בושעווען. די אינדוסטרי איז געווארן כמעט אינגאנצן פאראליזשירט, ווייל די דייטשן האבן אלע מאשינען, פארשידענע מעטאלן און אפילו מעשענע קלאמקעס ארויסגעפירט קיין דייטשלאנד (די טאטעס פון די שפעטערדיקע נאציס האבן שוין גוט געקאנט די מלאכה פון גניבה און גזילה). צוליבן שרעקלעכן הונגער פאר־שפרייטן זיך פארשידענע קראקהייטן איבערהויפט ביי קינדער וועלכע ווערן בלינד צוליב דער אונטערדערנערונג. דאס ברויט וואס איז געוואָרן געבאקן פון קאשטאן־מעל, קלייען און געמאָלן שטרוי, איז געווארן פארטיילט אין זייער קליינע צוטיי־לונגען. אויך איך האב אנגעהויבן בלינד ווערן פון נישט דערעסן און מיינע עלטערן האבן מיר אוועקגעגעבן דעם ביסן פון מויל בכדי מיך אפצוראטעווען.

עטוואס שפעטער ווען די דייטשן מיט די עסטרייכער האבן זיך פארטיילט מיט די פארנומענע טעריטאריעס און די גרענעץ איז געווארן באשטימט איין קילאמעטער פון שטעטל, אין דאָרף לאָבודזשעץ, האט זיך די לאגע אביסל פאר־בעסערט צוליב דער שמוגלעריי צווישן דייטשלאנד ד.ה. אונדזער שטעטל מיט עסטרייך. דער עיקר איז אנגעגאנגען דער שמוגל צווישן אונדז אין דעם שטעטל פון יענער זייט גרענעץ, בעלכאטאָוו.

אין דער עסטרייכעשער ארמיי האבן זיך געפונען יידישע אפיצערן און אין אנפאנג זענען מיר געווען פון דעם צופרידן, דאך אחינו בני ישראל, דערנאך האט זיך ארויסגעוויזן אז מיט די יידישע אפיצערן איז נאך ערגער.

טראָץ דער שמוגלעריי איז דער דלות געווען אומגעהויער גרויס און דורך דער צייט איז אונטערגעוואקסן א יוגנט וועלכע האט זיך ארומגעדרייט הונגעריק און פוסט אין פאסט.

די פני פון שטעטל, פילנדיק א פאראנטוואָרטלעכקייט פאַר נישט געוואונטשענע רעזולטאטן פון אזא נישט־נארמאלער דערשיינונג, האט באשלאסן עפעס צו טון

בכדי צו לינדערן כאטש מיט א מינימום , עם מאטעריעלן בויט ווי אויך שאפן עפעס א פאָרם פון געזעלשאפטלעכער טעטיקייט פאר דער יידישער באפעלקערונג בכלל אין דער יוגנט בפרט, א טעטיקייט וואס זאל אין די ראמען פון מעגלעכקייטן אויפהאַלטן א געזונטן מאראַלישן צושטאנד.

די ציוניסטישע טוער פון שטעטל מרדכי שעראדזקי, יהושע לוסטיגמאן און יעקב אבא ווי אויך די געזעלשאפטלעכע עסקנים, מיין שווער, יצחק מאיר כהן, יעקב ביאליק און אנדערע, האבן צו דעם צוועק געשאפן די פאפולערע צו יענער צייט טיי־האלע ווו עס זענען זיך צונויפגעקומען עלטערע און יונגע, געפירט פארשידענע שמועסן, איינגעאורדנט דיסקוסיעס, געשפילט שאך און דאמקע און באקומען פארן פרייז פון עטלעכע פעניג א גלאז טיי מיט סאכארין און א שטיקל ברויט.

די טעטיקייט פון דער טיי־האַלע האט מיטגעווירקט אז אין די שפעטערדיקע יאָרן זאל זיך אויסקריסטאַליזירן אן ארגאניזירטע ציוניסטישע און אלגעמיין געזעלשאפטלעכע טעטיקייט.

מיטן אנקום פון דער גרויסער אמעריקאנער „דזשוינט" הילף, האט זיך געשאפן אן אפיציעלער הילפס־קאָמיטעט פון די אויבן־דערמאָנטע טוער ווי אויך פריש צוקאפטירטע וועלכע האבן זיך פארנומען מיט דער גאנצער טעטיקייט.

מיט דער אמעריקאנער הילף האט דאס שטעטל אויפגעלעבט, זייטן אנפאנג פון דער מלחמה האבן מיר נישט געזען אזא שפע פון פארשידענע פראדוקטן. עס זענען אָנגעקומען פעסער מיט בוימל, גרויסע קוואנטומס רייז, ווייס מעל, קאָנסער־ווירט פוטער, צוקער, גרויסע ארבעס (ביטשערס) און נאָך פיל אנדערע פראדוקטן. דאס ערשטע מאָל זייט יאָרן האבן מיר געגעסן צו דער זעט און אונדזערע מאמעס האבן געבאָקן שיינע ווייסע חלות.

ביי מרדכי שעראדזקי אין שטוב ווערט אויך ארגאניזירט אַ קוך וואס האט פאַרטיילט געקעכטס פאר די קינדער אין שולע און פאר אנדערע נויטבאדערפטיקע.

די טיי־האַלע האט ווייטער עקזיסטירט נאר איצט איז שוין געווארן דיסקוטירט און געזונגען מיט א זאטן־מאָגן.

קולטור־געזעלשאפטלעך לעבן

ביזן אויסברוך פון 1־טן וועלט־קריג זענען אין זעלווו געווען טעטיק פאר־שידענע חברות ווי לינת־הצדק, ביקור־חולים, חברת תהילים אין אנדערע. קיין געזעלשאפטלעכע און פאליטישע טעטיקייט איז נישט געוואָרן געפירט. עס זענען

אבער געווען יחידים מיט ווייטע פערספּעקטיוון און אָרגאַניזאַטאָרישע פעאיקייטן אין דער עיקר איז געווען אַ יוגנט וועלכע האָט געלעכצט נאָך וויסן. די אָ מאַמענטן האָבן רייף געמאַכט דעם באַדן פאַר שאַפן אַן אָרגאַניזירט קולטורעל־געזעלשאַפטלעך לעבן.

אינדערצייט פון קריג, ווען מיר האָבן זיך געפונען אונטער די דייטשער אָקופּאַציע, זענען געווען קאָלאָסאַלע שוועריקייטן ביים באַקומען אַ דערלויבעניש פון דער מאַכט אויף אַדורכצופירן צוזאַמענקונפטן שוין אָפּגערעדט וועגן פירן אַ פּאָליטישער טעטיקייט.

גרויסע שוועריקייטן און צוזאַמענשטויסן זענען אויך געווען צווישן דער יוגנט און דעם עלטערן דור פאַר וועמען לייענען אַ בוך איז געווען טריפה־פּסול. עס זענען געווען פאַלן ווען אַ בחור אָדער מיידל האָבן אַהיימגעבראַכט אַ בוך פון דער געשאַפענער ביבליאָטעק און די עלטערן האָבן עס באַמערקט, איז דאָס בוך געוואָרן פאַרניכטעט. אָבער דער דראַנג איז געווען שטאַרקער ווי די אַלע שוועריקייטן און די יוגנט טרעפט זיך געהיים אין וואַלד אָדער ביים בית־הקברות ווו סווערן געלייענט ביכער און אָפּגעהאַלטן פאַרלעזונגען. עס ווערט אויך געשאַפן די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע וועלכע הויבט אָן פירן אַ טעטיקייט אונטער די פליגעלן [sic] פון דער מיליטערישער מאַכט. אָנגעפירט ווערט די אָרגאַניזאַציע דורך מרדכי שעראַדזקי ביי דער מיטהילף פון יעקב אַבא, יהושע לוסטיגמאַן און יחזקאל בערגמאַן. עס הויבט זיך אויך אָן צו אָרגאַניזירן די פּועלי־ציון באַוועגונג אַן איינהייטלעכע, ווייל די שפּאַלטונג אויף רעכטע און לינקע איז פאָרגעקומען אין יאָר 1920).

לוסטיגמאַן שטעלט צו צייטווייליק צו דער דיספּאָזיציע פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע זיין וווינונג ביז עס ווערט איינגעשאַפן אַן אייגענער לאָקאַל.

ביי דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע שאַפט זיך אויך אַ פרויען־קאָמיטעט מיט רחל שעראַצקי (די פרוי פון מרדכי) בראש און אַלס סעקרעטאַרין ווערט באַשטימט מיין שוועסטער שרה קליין.

אויסער דער פּאָליטיש־ציוניסטישער אַרבעט, פירן די פרויען אַ פילאַנטראָפּישע טעטיקייט. אַ פרוכטבאַרע דערציונגס־אַרבעט פירן זיי צווישן יוגנטלעכע איבערהויפּט ביי יונגע מיידלעך.

מיטן אָנקומען פון דער פרייטלעכער ידיעה וועגן דער באַלפור־דעקלעראַציע, אין יאָר 1917, ווערט דער איינפלוס פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע פילפאַכיק פאַרשטאַרקט. די יידישע באַפעלקערונג ווערט מיטגעריסן מיט דער פרייד און

די ציון־אידעע דערגרייכט אין שטובן וועלכע זענען פריער געווען ווייט פון דעם. אויך ביי די רעליגיעזע קרייזן קומט פאָר א קאלאסאלע ענדערונג לטובת דער ציוניסטישער אידעע און אלס פועל־יוצא שאפט זיך די "מזרחי" פארטיי מיט די ערשטע טוער משה גאלדשטיין, שבתאי פילא, אברהם ניסן שעראדזקי און אנדערע.


מיין פעטער משה גאָלדשטיין באאיינפלוסט אויך מיין פאטער וועלכער שליסט זיך אָן צו דער "מזרחי" און ווערט גבאי פון דעם געשאפענעם "מזרחי" שטיבל. אַן אָרט פאַרן שטיבל האָט אָפּגעגעבן משה גאָלדשטיין.

נאכן קריג, אין אומאפהענגיקן פוילן, באווייזן זיך נייע דערשיינונגען וועלכע פארמיידן אויך נישט אונדזער שטעטל. דאס איז געווען דער גאנג אויף לינקס צווישן די יידישע ארבעטער נאך דער רוסישער אקטאבער־רעוואלוציע. די אַ טענדענץ באווייזט זיך אויך אינערהאלב דער ציוניסטישער באוועגונג מיט דער שפּאַלטונג פון פועלי־ציון אויף רעכטע און לינקע וואָס ווערט אָנגעפירט דורך עקב זרובבל.

די מערהייט מיטגלידער פון דער פועלי־ציון ווערט מיטגעריסן מיט די לינקע, וועלכע זענען געווען פאר קאמוניזירן די באוועגונג, אננעמענדיק די בארימטע 21 פונקטן צוגעבנדיק איין פונקט וועגן פּאַלעסטינע. עס איז אויך געבליבן אַ גרופּע וועלכע האט נישט מסכים געווען צו פירן א קאמף קעגן די ציוניסטישע אנטשטאלטן און פאַנדן און זיי האבן זיך אנגעשלאסן, אלס א באזונדערע גרופּע, צו דער ציוניסטישער ארגאניזאציע.

נאך דער שפאלטונג איז געבליבן א ירושה. דעם לאקאל האבן גענומען ד־לינקע פועלי־ציון און מיר האבן, נאך א שווערן קאמף, צוגענומען די ביבליאטעק וועלכע איז געווארן איינלאקירט, צייטווייליק, ביי דער ציוניסטישער ארגאניזאציע. די ערשטע ביבליאָטעקאַרין איז געווען העגדל כהן. צו דער אָ צייט שאַפט זיך אויך דער דראמאטישער קרייז אונטער דער אנפירונג און רעזשי פון מרדכי שעראדזקי. צווישן די אמאטארן־שוישפּילער געפונען זיך שלמה גאלדשטיין, עלע גרינבערג, די ברידער שלמה, דוד לאזער און יידיל שטערן, פריווע קיפער, מיין שוועסטער שרה און רחל לוסטיגמאן. צווישן די אקטיוויסטן איז אויך געווען מיין ברודער הערשל וועלכער האט זיך פארנומען מיט דער אדמיניסטראטיווער ארבעט פון קרייז.

איינמאל ווען מיין ברודער איז געפארן אין שליחות קיין לאסק בכדי צו באקומען א דערלויבעניש אויף א פארשטעלונג (א דערלויבעניש האט מען באקו־



מתוך המחזה „ז'ידובקה".
סצענע פון דער פאַרשטעלונג „זשידווקע".
מימין — פון רעכטס: שלמה גולדשטיין, רחל לוסטיגמן, מרדכי שרצקי



מתוך אותו מחזה — פון דער זעלבער פאָרשטעלונג
מימין — פון רעכטס :
עלי גרינברג, שלמה גולדשטיין, דוד שטרן, רחל לוסטיגמן, מרדכי שרצקי,
דוד לגרינברג, הרשל שיבק.

מען אין פאוויאט, אין לאסק) און דער ווערטער איז געווען א קאלטער און רעגענדיקער איז ער צוריקגעקומען א שטארק־פארקילטער און אנגעהויבן קרענקן.



הרשל קליין

נאכן אפזיין א געוויסע צייט אין לאסקער שפיטאל, האבן די דאקטוירים רעקא־מענדירט מ׳זאל אים שיקן אויף היילונג קיין טשעכאטשינעק. די עלטערן האבן

געטון איבער די מעגלעכקייטן אפצוראטעווען זייער עלטסטן זון. ליידער נאך דריי מאנאטן האט ער אויסגעהויכט זיין נשמה. די קרענק האט אנגעהאלטן דריי יאָר כבוד זיין אנדענקן!

נאך דעם טרויעריקן פאל האט מיין פאטער שטארק איבערגעלעבט און פאר מיין שוועסטער שרה וועלכע האט אויך געשפילט אין קרייז איז איצט געווארן שווערער ווייל זי האט נישט געוואלט אז דער פאטער זאל זיך דערוויסן. איך אלס יונגל האב שטענדיק איר געהאלפן ארויסטראגן די נויטיקע זאכן וואס זי האט געדארפט צו דער פארשטעלונג און אויך איר געעפנט שטילערהייט די טיר ווען זי איז אהיימגעקומען ביינאכט נאך דער פארשטעלונג.

אין א צייט ארום האט זיך דאס שטעטל צוגעוווינט און די פארשטעלונגען זענען פארגעקומען אָן שטערונגען ביי דער אנוועזנהייט פון א טייל געוועזענע קעגנער.

אונדזער דראמסעקציע איז געווארן פאפולער און די פארשטעלונגען זענען געוואָרן באַזוכט אויך דורך אַ טייל פון די בעלי־בתישע יידן ווו צום ביישפיל דורך דעם באווסטן אין שטעטל יצחק מאיר כהן וואס חוץ זיין פרומקייט האט ער אויך געהאַט וועלטלעכע אנשויאונגען און אזוי ווי ס׳האָט דאָך נישט געפּאַסט אז אזא ייד זאל זיצן אין זאַל צוזאמען מיט יינגן און מיידן, האט ער אויסגעקויפט אַ בילעט, אַריין דורך אָן אינטערטיר און זיך אַוועקגעזעצט אין דער זייט פון דער סצענע.

„השומר טרומפלדור"

אין יאָר 1923 ווערט ביי אונדז געשאפן די יוגנט־ארגאניזאציע „השומר טרומפלדור". דאס איז געווען אַן ארגאניזאציע פאר יידישע ארבעטער־יוגנט וואס ווען איר לעגאליטעט האט זיך באמיט דער באוווסטער עסקן און סיים־דעפוטאט יצחק גרינבוים. א קורצע צייט האבן מיר געפירט א טעטיקייט אומלעגאל. דער ערשטער ראש־הקן איז געוועזן נתן גאלדמינץ־דינרי (היינט אין ישראל) און די ערשטע סעקרעטארין איז געווען צירל כהן, דערנאך האט דעם סעקרעטעריאט איבערגענומען דוד בערקאוויטש. נאך א געוויסער צייט האבן מיר געוווּנען די סימפאטיע פון דער יוגנט און אונדזער ארגאניזאציע האט ארומגענומען בערך 90% פון דער זעלעווער יוגנט.

א גרויסע גייסטיקע הילף האבן מיר באקומען פון די פירער פון לאדזשער קן צבי לוריע און פנחס לעווין וועלכע האבן אדורכגעמאכט זייער הכשרה אין



„השומר טרומפלדור"

דער נאענטער סביבה. כמעט יעדן אונט האבן זיי ביי אונדז געפירט אַ קולטורעלער טעטיקייט (פארשידענע פארלעזונגען, עברית־לעקציעס א. א. וו.).

אונדזער סניף האט אויך באקומען אן אויפגאבע אויסצוגעפונען א געהעריק אָרט ווו צו ארגאניזירן אן הכשרה פונקט, פאר א גרופע חברים צווישן וועלכע סהאבן זיך געפונען די דערמאנטע לאדזשער חברים ווי אויך אונדזער ראש־הקן נתן דינרי.

אונדזער דעלעגאציע אין באשטאנד פון שמואל הערלינג (איצט איז פתח־תקוה) דוד בערקאָוויטש ז״ל (אומגעבראַכט דורך די נאַציס אין בעלגיען) און דער שרייבער פון די שורות, האבן געפונען אזא ארט אין נאָענטן דאָרף קאָוואלאָוו.

אין יאָר 1925 איז פארגעקומען אין לאָדזש א לאנד־צוזאמענפאָר פון ״השומר טרומפלדור״ ווו סאיז געווארן באהאנדלט די פראגע וועגן אַ פאראייניקונג מיט ״השומר הצעיר״ (דער רוב אין ״השומר הצעיר״ איז באשטאנען פון שטודירנדע יוגנט). אלס דעלעגאטן פון זעלעוו זענען געווען אויסער מיר און דוד בערקאוויטש נאך עטלעכע חברים וועמענס נעמען איך געדענק נישט.

דער באשלוס פון צוזאמענפאר איז געווען אנצושליסן זיך אין ״השומר־הצעיר״ און פונאנדערלאזן אונדזער ארגאניזאציע.

אונדזער סניף האט נישט מסכים געווען צו דער פאראייניקונג. אויך פנחס לעווין פון די פירער אין לאדזשער קן האט זיך נישט אנגעשלאסן צום ״השומר הצעיר״.

א כאראקטעריסטישער עפיזאד איז פארגעקומען אינדערצייט ווען מיר זענען געווען אין לאדזש אופן צוזאמענפאר.

נישט האבנדיק ווו צו נעכטיקן, האבן די מערהייט דעלעגאטן פון דער פראָווינץ גענעכטיקט אין לאקאל פון דער לאדזשער ארגאניזאציע. ביינאכט זענען אנגעקומען פאליציי און אונדז אלעמען אפגעפירט אין 6־טן קאמיסאריאט אויף דער דלוגע גאס. ווי סהאט זיך דערנאך ארויסגעוויזן, האט דער בעל־הבית אונדז געמסרט אז עס קומט פאָר א צוזאמענקונפט פון יידיש מיליטער, זייענדיק מינדער־יעריקע, ווערן מיר אלע אינדערפרי באפרייט.

פועלי־ציון — רעכטע

נאָכן צוזאמענפאָר אין לאָדזש, האָט דער זעלעווער סניף פון פונאנדערגעלאָזטן ״השומר טרומפלדור״, איינשטימיק באשלאסן זיך אנצושליסן צו דער יוגנט פון דער רעכטער פועלי־ציון און מיט דעם רעארגאנזירן די פועלי־ציון וועלכע איז

באשטאנען נאך דער שפאלטונג אין יאָר 1920, פון בלויז געציילטע חברים. אויך איצט העלפט אונדז אין דער ארבעט פנחס לעווין וועלכער האט זיך אויך אנגעש־לאסן צו דער פועלי־ציון פארטיי. עס נעמט אויך אן אקטיוון אנטייל שלמה מארקעוויטש וועלכער ווידמעט א סך צייט און ענערגיע ביים ארגאנזירן אונדזער יוגנט־אָרגאניזאציע "פרייהייט", די ציוניסטישע אָרגאניזאציע שטעלט צו צו אונדזער דיספאזיציע זייער לאָקאל.

מיט דער צייט, ווען גרעסערע גרופן יוגנטלעכע שליסן זיך אָן אין אונדזער ארגאניזאציע "פרייהייט", ווערן מיר, די עלטערע מיטגלדער צוגעטיילט צו דער פארטיי.

פארשטייט זיך אז ביי אזעלכע באדינגונגען פון נישט האבן קיין אייגענעם לאקאל און זייענדיק צו דער צייט נאכנישט לעגאליזירט, איז די ארבעט געווען זייער באשווערט.

אין מאי חודש 1926 אין סאמע ברען פון בירגער־קריג אין פוילן צווישן פילסודסקין און וויטאסן, זענען מיר זיך צוזאמענגעקומען, ביי קאנספיראטיווע באדינגונגען, אין בינעווער וואלד און דארט אפגעהאלטן אונדזער ערשטע פארטיי־פארזאמלונג.

אין א קורצער צייט ווערן מיר לעגאליזירט און מיר פירן אַ פארצווייגטע טעטיקייט אין אן אייגענעם, פרעכטיקן לאָקאל, דעם שענסטן פון אלע אנדערע פאראנענע פאַרטייען. מיר באַזיצן אויך אַ רייכע ביבליאטעק מיט אַ גרויסע צאָל לייענער, דער עיקר יוגנט, ווי אויך אלע נויטיקע באקוועמלעכקייטן און אויסשטא־טונגען צום רשות פון אונדזער דראמסעקציע.

אין יאָר 1929 פאָרט דער ערשטער חלוץ נתן יונה גאלדמינץ (נתן דינרי) קיין ארץ־ישראל. נאכן אדורכמאכן א חלוצישע הכשרה באקומט ער א סערטיפיקאט. מיטן עולה זיין קיין ארץ־ישראל האט נתן דינרי דערגרייכט זיין ציל אדער מיט דעם האט ער איבערגעריסן זיין רייכע געזעלשאפטלעכע טעטיקייט וואס ער האט אנגעהויבן אין יאָר 1923. ער איז געווען דער מיטארגאניזאטאר און ראש־הקן פון "השומר טרומפלדור" און שפעטער אנגעפירט מט דער יוגנט ארגאניזאציע "פריי־הייט" ביי דער רעכטער פועלי־ציון.

אין יאָר 1934, נאכן אדורכמאכן א צווייייאריקע הכשרה, באקומט א סערטיפיקאט אברהם אבא. קומענדיק קיין ארץ־ישראל באזעצט ער זיך אין חיפה און פארנעמט זיך מיט געזעלשאפטלעכע און קולטורעלע ארבעט אין די ראמען פון דער מפאי־פארטיי און פון דער הסתדרות.



לעלייתו של נתן דינרי — צום עולה זיין פון נתן דינרי



לעלייתם של אברהם אבא ורעיתו, ארצה.
צום אָפּפאָרן פון אברהם אבא מיט זיין פרוי קיין ארץ־ישראל

פראפעסיאנעלער פאראיין

די ארבעטסבאדינגונגען אין אנפאנג פון די 20־ער יאָרן זענען געווען אויסער־געוויינלעך שווערע. די ארבעטסשעהן זענען געווען 15—16 שעה אין טאג, פון 7 פרי, ווען די בעלי־עגלות זענען ארויסגעפארן מיט זייער ערשטער נסיעה צו דער באן קיין לאסק, ביז כמעט 11 ביינאכט, ווען די עלעקטרע האט "אנגעזאָגט" (עלעקטרישע באלייכטונג איז געווארן געגעבן ווען סאיז געווארן פינסטער, ביז 11 אזייגער ביינאכט און כדי די באפעלקערונג זאל זיך צוגרייטן, האט די עלעק־טרע, א האלבע שעה פריער, "אנגעזאָגט" — פארלאשן זיך אויף עטלעכע סעקונדן און צוריק זיך אָנגעצינדן). בכדי אויסצובעסערן די עקזיסטירנדיקע ארבעטס־באדינגונגען, באשליסן מיר, דריי שניידער־געזעלן, יודל לייב בלאדע, הערשל פילָא און דער שרייבער פון די שורות, צו ארגאניזירן אַ פראפעסיאנעלן פאראיין. אזוי ווי די רעכטע פועלי־ציון צו וועלכן איך און יודל לייב האבן געהערט, האבן נישט געהאט קיין לאקאל, האבן מיר זיך געוואנדן צו דער לינקער פועלי־ציון ווו הערשל פילא איז געווען א חבר און זיי האבן צוגעשטעלט זייער לאקאל צו אונדזער דיספאזיציע.

אונדזער טעטיקייט האט זיך אנגעטראפן אויף שוועריקייטן צוליב די געזעלן פון די ארומיקע שטעטלעך, וועלכע האבן ביי אונדז געארבעט. זיי האבן מורא געהאט אז די בעלי־בתים וועלן זיי אפזאגן פון דער ארבעט. אבער נישט קוקנדיק אויף דעם הויבן מיר אן אונדזער ערשטער אקציע מיט אַ פאדערונג וועגן א 12 שעהדיקן ארבעטסטאג (וועגן 8 שעה איז געווען בלויז א חלום).

בכדי עס זאל האבן אן ארגאניזירטן עפעקט, האט מיין בעל־הבית באקומען די פאדערונג דורך יודל לייבן און איך האב די פאדערונג איבערגעגעבן זיין בעל־הבית.


נאך א לאנגן קאמף (לויט די דאמאלדיקע מעגלעכקייטן) האבן מיר געזיגט און די בעלי־בתים זענען געווען געצווינגען משלים צו זיין מיט דעם.

ביי דער טעקסטיל־בראנזשע האט זיך באמערקט א פראפעסיאנעלער ארגא־ניזירטקייט בלויז ביי די שערער (וואס איז איינגעשטאנען אין יידישע הענט). זיי האָבן אויך געהאט א מאַנאָפּאָל אויף דעם פאַך, נישט צוגעלאָזט קיין קאנקו־רענטן און נישט דערלויבט אויסצולערנען ס'פאך.

ביי די וועבער וועלכע האבן אהיימגענומען ארבעט און ביי וועלכע די גאנצע משפחה איז געווען מיטבאשעפטיקט, איז נישט געווען קיין רייד וועגן ארבעטסשעהן.



מפגש פרידה לא. מ. קליין בעזיבתו את פולין
געזעגענונג פאַר א. מ. קליין ביים פאַרלאָזן פוילן.



רבקה און יצחק קליין



הסבא — דער זיידע ר׳ משה לייב קליין

די חברה קדושה אין שטעטל

נישט ווייניק פרעטענדענטן זענען געווען וועלכע האבן געוואלט ווערן אנגענומען אלס מיטגליד אין דער חברה־קדושה און נישט יעדן איז בייגעשטאנען דער זכות אנגענומען צו ווערן. די חברה־קדושה לייט זענען געווען נישט בלויז בעלי־יחסנים נאר אויך שטרענג־אפגעהיטענע יידן, שומרי־מצוות. דער מינדעסטער פגם אדער חשד פון א פגם איז געווען גענוג אז די בקשה זאל ווערן אפגעווארפן. אלע הייליקע ארבעטן ווי זאפנייען תכריכים, אדורכפירן די טהרה, אויסגראבן א קבר א. א. וו. זענען געווארן אדורכגעפירט דורך דער חברה־קדושה מיט דער גאנצער ערנסטקייט, לשמה. עס איז געווען א גרויסער כבוד צו זיין א מיטגליד אין דער חברה. יעדע בקשה איז געווארן באטראכט אלזייטיק און מיט דער גאנצער הארבקייט צו דער בעל־בקשה איז ראוי דערצו.

איינמאל אין יאר, מאנטיק פון פרשת שמות, איז געווען א טראדיציע צו פראווען א סעודה און זיך משמח זיין. דעם כבוד האט געהאט יענקל לעווי וועלכער האט נישט געשפארט קיין געלט און איינגעארדנט א פייערלעכע סעודה כיד המלך מיט די בעסטע מאכלים און מיט א היפשע דאזע 95־ער יי״ש, וואס פיל פון די חברה־קדושה לייט האבן דאס נישט געזען א קיילעכדיק יאר. איך אלס דער יונגסטער ביי אונדז אין שטוב (יעדער חברה־קדושה מאן האט געהאט רעכט מיטצונעמען דעם יונגסטן זון) האב געהאט די זכיה מיטצוגיין מיט מיין פאטער צו דער סעודה און מיטגעפייערט די טראדיציאנעלע שמחה.

* * *

דאס זענען קורצע, ווייט נשט קיין אויסשעפנדיקע זכרונות וועגן אונדזער טייער שטעטל זעלעוו, וואס האט געלעבט, געראנגלט זיך און טראגיש אומגעקומען.

יהושע לוסטיגמאן ז"ל

זעלעוו אין די יארן 1890 — 1920

די ערשטע קינדער־יאָרן וועלכע זענען מיר געבליבן אין זכרון, איז געווען מיין מיטאנטייל אין דעם טראַדיציאָנעלן, דור־דורותדיקן המשך וואס איז געווען צו דער דאַמאלדיקער צייט דער לעבנס־שטייגער פון דער יידישער באַפעלקערונג אין שטעטל.

א קינד פון דריי יאר איז געוואָרן געפירט סערשטע מאָל אין חדר און פון דאַנען האָט דאָס קינד געשפּאַנט ווייטער און ווייטער. אויך איך בין געוואָרן געפירט אין יאָר 1892 אלס דריי יאריק קינד צום ערשטן מלמד ר' יעקב מאיר. ביי זעקס יאָר האב איך געלערנט צוערשט ביים זלאָטשעוער מלמד דערנאָך ביי חיים אנשלן. זייענדיק שוין א "גרויסער" — ביי 12 יאָר, הויב איך אָן לערנען אין בית־המדרש און בין ממשיך ביז כווער אלט 20 יאר, דערנאָך האב איך אנגעהויבן ארבעטן אלס שרייבער ביי לייזער יצחק פּזשיגאָרסקי ביז צו מיין חתונה.

אפזייענדיק אָ יאָר אין פּאביאניץ (פון דאָרט האב איך חתונה געהאט), קום איך צוריק קיין זעלעוו און פארנעם זיך מיט מסחר.

ביזן אויסברוך פונעם ערשטן וועלט־קריג, האָבן זיך שוין אין זעלעוו באַוויזן מענטשן מיט נייע לעבנס־אנשויונגען וועלכע האָבן רעוואָלטירט קעגן דעם דורות דיקן שטייגער. איבערהויפּט האט זיך פארשפּרייט אויף דער יידישער גאס דער ציון־געדאנק אין וועלכן די יידישע באַפעלקערונג בכלל און די יוגנט בפרט האט געפונען אַן ענטפער אויף דער דעקלאסירונג און דיסקרימינאציע מצד דער הערשנדיקער מאכט.

אין יאָר 1915 באקומען מיר א דערלויבעניש פון דער דייטשער־מאכט צו פירן א לעגאלע ציוניסטישע טעטיקייט און פאראלעל מיט דעם ווערט געפירט אַ פארצווייגטע פילאנטראפּישע הילפס־ארבעט אין וועלכן סנעמען אָן אנטייל אלע שיכטן פון דער באַפעלקערונג.

עס מוז דערמאָנט ווערן די גאָר־וויכטיקער ארבעט פון דער געשאַפענער באנק וועלכע האט זייער פיל געהאָלפן די יידישע נויטבאדערפטיקע.

א קאלאסאלע הילף איז אויך געווען די געשאפענע דורכן ״דזשוינט״ קינדער קוך די אזוי־גערופענע ״אמעריקאנער־קוך״ וועלכע פלעגט אויך שיקן אין די יום־טובים פעקלעך מיט פראדוקטן אין די יידישע שטובן ווו מהאט זיך אינדעם גענויטיקט.

אין די זעלבע יאָרן פירן מיר אָ פארצווייגטע קולטורעלע טעטיקייט וואס איז געווען א מוסטער פאר אנדערע שטעטלעך אין דער סביבה. אונדזער דראַמ־קרייז, מיט מרדכי שעראדזקי ז״ל בראש, האט אויך ארגאניזירט פארשידענע פאָרשטעלונגען און בתוכם די דראמע ״די זשידווקע״ וואס האָט געהאט אָ קאלאָסאלן דערפאלג, נישט קוקנדיק אויף אלע שוועריקייטן וואס מיר האבן געהאט אויס צושטיין מצד די חסידישע קרייזן וועלכע האבן נישט משלים געווען אז אזעלכעס קאָן פאָסירן אין זעלעוו...

אין יאָר 1921 בין איך אוועק פון שטעטל אבער איך האב אָנגעהאלטן אָ כסדרדיקן קאָנטאקט און לויט די גרוסן וואס כהאב באקומען פון מיין אומפאר־געסלעכן פריינט מרדכי שעראדזקי, האט זיך דאס געזעלשאפטלעכע לעבן פונאנ־דערגעוואקסן אין גאָר־ערנסטע פאָרמען.

נתן דינרי — גאלדמינץ

אונדזער שטעטל

(זכרונות פון אמאָל)

כאטש שוין עטלעכע און פערציק יאָר ווי כהאב פארלאזט אונדזער באליבט שטעטל זעלעוו, טויכן נאך אלס אויף נאָגנדיקע און בענקענדיקע זכרונות פון אמאָליקן לעבן, פון אונדזערע ערשטע טריט. כקאן נישט פארגעסן אונדזערע טייערע זעלעווער יידן וועלכע האב געטיילט דעם ביטערן גורל פון אייראפעאישן יידנטום, ווערנדיק דערמארדעט דורך פאטאלאגישע וועלטס־רוצחים מיט טויזענ־טער טויטן אויסגעטראכטע פון נאצישע אַלפּאַנסן און פארברעכע.ר נאך איצט שטייט מיר פאר די אויגן די דינאמישע זעלעווער קהילה מיט דער קאָלירפולער געזעלשאפטלעכער טעטיקייט, די הערלעכע געשטאלטן פון עסקנים, פערזענלעכ־קייטן און סתם עמך; וואס זייער איינציקער חטא איז געוועז ווייל זיי זענען יידן. דער באדייט פון זעלעוו איז "זה־לב" — הארציקייט און איבערגעגעבנקייט, עס האט אויך דעם באדייט זה—לאוו — גיין אויף נישט ארנטלעכע וועגן, דאס נישט! א סינטעז פון הארציקייט און ארנטלעכקייט, פון גוטסקייט און פריינטלעכ־קייט.

אין די ווייטערדיקע זכרונות, וועל איך זיך באמיען, אויף וויפיל דער זכרון וועט מיר דינען, ארויסצוברענגען געוויסע מאָמענטן און געשעענישן, געזעלשאפט־לעכער טעטיקייט און עסקנים אין זאלן די ווערטער זיין א נר־תמיד פאר די אומגעבראכטע זעלעווער יידן — אלע לויטערע קדושים וטהורים. ה. י. ד.

* * *

קינדער־יאָרן


מיינע ערשטע טריט זענען געווען די זעלבע וואס ביי אלע יידישע קינדער אין דער דאמאלדיקער צייט — געגאנגען אין חדר פון איין מלמד צום צווייטן.

דער איבערגאנג איז געווען אַ שטופנווייזער, אז מהאט געקאנט חומש־רש״י, איז די דערציאונג איבערגעגאנגען צום גמרא־מלמד ביז מהאט אנגעהויבן לערנען אין בית־המדרש ווו מאיז שוין געווען מער זעלסטשטענדיק, נישט פילנדיק די חדר־דיסציפלין. אין בית־המדרש האב איך געלערנט ביי יהושע לוסטיגמאן, מרדכי גראניעוויטש א. אנד. אויסער דעם, האבן מיר יעדן דאנערשטיק ביינאכט, געלערנט אין גערער שטיבל מיט די אברכים מיכל ראָזנזאפט, מרדכי מענדל ראזנבאך אין אנדערע יונגעלייט. צו דער בר־מצוה האָב איך געלערנט אַ פשטל אין נאָך דעם ווי כבין געווארן פארהערט דורך הענעך מייראנץ, האב איך געהאט א שם אלס אַ גוטער לערנער.

פון יענע קינדער־יאָרן, האט זיך מיר איינגעקריצט אין זכרון דאס געשטאלט פון מיין זיידן ז״ל. יעדן ערב יום־כיפור, פאר כל־נדרי, האט מיין פאטער ז״ל מיך געשיקט צום זיידן ער זאל מיך בענטשן אין ווען דער זיידע האט מיט טרערן אין די אויגן מיך באדעקט מיטן טלית אין זיינע הענט געלייגט אויף מיין קאפּ, האב איך געפילט, ווי כוואלט געשוועבט אין די הימלען. אויך נאך כל־נדרי בין איך געזעסן מיטן זיידן אַ גאנצע נאכט אין געזאגט תהילים. אזוי ווי אין בית־המדרש האבן געלערנט גערער און אלעקסאנדערער בחורים אין פאר די גערער אין געווען אַ פחיתת־הכבוד צו לערנען צוזאמען מיט אלעקסאנדערער חסידים, האט מיין פאטער אראפּגעבראכט א בחור פון אַ צווייטע שטאט וועלכער האט מיט מיר געלערנט און ביי אונדז האט ער זיך אויסגעהאלטן.

באלפור — דעקלעראציע

אין יאָר 1917 איז פארגעקומען אן איבערברוך אין דעם טראדיציאנעלן, פון דורות איינגעפונדעווטן יידישן שטייגער. נייע ווינטן האבן געבלאזן אין נישט אויסגעמיטן אויך אונדזער זעלעוו. מיט דער פראקלאמירונג פון דער באלפור־דעקלעראציע. האט די יידישע באפעלקערונג בכלל אין די יוגנט בפרט, געזען אן אַנהאלט־פונקט, אן אויסוועג צו דעם שלעכטן מצב פון די יידן אין גאר דער וועלט איבערהויפט פון די יידן אין דער פוילישער מדינה. אין דער געשאפענער טייי־האַלע זענען זיך צוזאמענגעקומען פארשידענע טוער אין דיסקוטירט וועגן אלע וויכטיקע פראבלעמען. סע האט זיך אויך געשאפן אַ קאמיטעט מיט פארש־טייער פון אלע שיכטן פון דער באפעלקערונג, וועלכער האט אנגעפירט מיט דער אמעריקאַנער קיך פון ״דזשוינט״ וועלכע האט דערטיילט עסן פאַר יידישע קינדער און אנדערע נויטבאדערפטיקע.



ועד אגודה הציונית בזלוב. קאָמיטעט פון דער ציוניסטישער אָרגאניזאציע אין זעלעוו.

יושבים מימין — זיצן פון רעכטס:

אברהם שייבע, יעקב אבא, יהושע לוסטיגמן, יחזקאל ברגמן ויוסל שיבק.

עומדים מימין — שטייען פון רעכטס:

הרשל שיבק, לוזר גרינברג, לייב שדקובסקי, יידל שטרן, שלמה גרינברג, לוזר שטרן, נפתלי מאיר, דוד שטרן.

אין דער א צייט שאפט זיך אויך די ציוניסטישע ארגאניזאצעי מיט מרדכי שעראדזקי בראש וועלכע האט מיט דער צייט אויסגעטיילט פון זיך פארשידענע גרופירונגען ווי מזרחי, פועלי־ציון רעכטע און לינקע ווי אויך "השומר טרומ־פלדור".


די טעטיקייט פון דער ציוניסטישער באוועגונג, איבערהויפט פון די יוגנט־ארגאניזאציעס, האט באאיינפלוסט זייער פיל יוגנטלעכע און בתוכם אויך אונדז בית־מדרש בחורים, זיך אנצושליסן צו דער ארגאניזאציע. פאר מיר א זון פון א חסיד און לערנער, איז דאס אנשליסן זיך צו דער ארגאניזאציע געווען נישט פון די לייכטע זאכן. ביינאכט איז נאך געווען א האלבע צרה, אבער בייטאג האב איך זיך געמוזט ארייגנבנען דורך ענגעלס גארטן בכדי נישט באמערקט צו ווערן דורך עמיצן.

אויסער פאר לעקציעס פון עברית און יידיש, האט אויך דער ציוניסטישער לאקאל געדינט פאר א ביבליאטעק ווי איך האב זיך דאס ערשטע מאל באקענט מיט דעם באגריף ליטעראטור. פאר מיר איז עס געווען א נייע תקופה פול מיט התלהבות און אייפער. א התלהבות וואס עס קאן נאר פילן א בחור אן ארייגגע־טוענער אין תלמיד און אין פוסקים וועלכער דערזעט פלוצים א נייע וועלט מיט פרישע קאלאסאלע פראבלעמען. איך דערמאן זיך, ווען יצחק ביעלעצקי, דער ביבליאטעקאר, האט מיר געגעבן די ערשטע ביכער פון יידישע קלאסיקער ווי אזיך פון דער וועלט־ליטעראטור ווי עמיל זאלא און זשול ווערן, האב איך די ביכער געלייענט מיט א פארכאפטן אטעם אפילו ביינאכט ביי א קליינעם פלאם פון דער נאפט־לאמפ בכדי דער פאטער זאל נישט באמערקן אז איך לייען ביכער טריפה־פסול ר"ל.

סאיז איינמאל געווען א פאל אז שטייענדיק ביים דאווענען מיט די תפילין אויפן קאפ, נאך א שלאפלאזע נאכט, בין איך איינגעשלאפן. דער פאטער האט מיר סארקאסטיש באמערקט אז ער האט זייער א פרומען זון, אפילו ווען ער שלאפט, דאוונט ער אויך...

צו יענער צייט האב איך אנטיילגענומען אן פארשידענע אימפרעזעס. בעת א ל"ג־בעומר פייערונק, נעם איך דאס ערשטע מאל אן אנטייל אין א פארשטעלונג אלס סטאטיסט. אבער ביז דער פארהאנג האט זיך אויפגעהויבן, געלונגט מיר נאך ארייינצוכאפן א מנחה.

א גאר־וויכטיקער מאמענט אין דער טעטיקייט פון "השומר־טרומפלדור" איז געווען די פיזישע דערציאונג פון דער יוגנט. עס איז געווארן אראפגעבראכט



„השומר טרומפלדור"
במרכז — אין צענטער: ראש־הקן נתן דינרי — גולדמינץ

אַן אינסטרוקטאָר פון לאָדזש, אדאש מאַשקאוויטש (געפונט זיך אין ישראל אין קיבוץ עין החורש) וועלכער האט מיט אונדז אדורכגעפירט פיזישע איבונגען, וועלכע זענען געווען אַ נייעס פאר דער יידישער יוגנט אין שטעטל. פארשטייט זיך אז נאך די ערשטע איבונגען, האבן דיביינער לייטיש ווייט געטון.

די קולטור־אוונטן אנגעפירטע דורכן "השומר טרומפלדור", האבן איבער־געלאזט אַ קאלאסאלן איינדרוק. איך קאן נישט פארגעסן דעם געלונגענעם רעציטאציע־אָוונט ווען שיינדל בראנדל שטאָרך האָט רעציטירט דעם "כוס" פון ש. פרוג אין ענדיקט זיך מיטן אויסגעשריי: "אין זאל שוין זיין פיל דאס כוס פון יידישע טרערן" — דאמאלט איז ביי אלע אנוועזענדע אדורך אַ ציטער. בעת זי האט רעציטירט דעם פראטעסט פון י. ל. פרץ קעגן די פאגראמען מיט אויסרוף: "מיינט נישט אז די וועלט איז א קרעטשמע, אז עס איז לית דין ולית דיין" — האט דער פארזאמלטער עולם מיטפראטעסטירט און מיטגעלעבט מיט דעם אלעמען.

אין דראמאטישן קרייז נעמען אַן אקטיוון אַנטייל ש. גאָלדמינץ, מ. גרינבוים אין אנדערע וועלכע האבן מיט זייער איבערגעגעבונקייט מיטגעהאלפן דער קולטור־אַרבעט, כאטש זיי האבן דאס געמוזט אדורכפירן געהיים אז די עלטערן זאָלן זיך נישט דערוויסן. דער ענטוזיאזם ביי דער יוגנט האָט זיך געלאָזט מערקן בעת די וואלן צום ציוניסטישן קאנגרעס אין ווען געוויסע שקל־אינהאבער זענען געווארן געפסלט מיטן מאטיוו אז זיי זענען צו יונג, האבן זיי געברענגט פונדערהיים די חמושים ווו זייערע טאטעס האבן פארשריבן די דאטע פון זייער געבורט. דאס איז דאמאלט געווען דער איינציקער דאקומענט. דער תעודת זהות.

אין יאָר 1929 האב איך פארלאזט אונדזער טייער אימפולסיוו שטעטל אויפן וועג קיין ארץ־ישראל.

ציריל קליין

א שבת אין שטעטל

אַנטשטאָט אַ שבת אין שטעטל וואָלט געווען ריכטיקער צו זאָגן דאָס שבתדיקע שטעטל ווייל די שבת־אידיליע און שבת־הייליקייט האָט ארומגענומען סגאַנצע שטעטל. אַלע טאָג־טעגלעכע זאָרגן, אַלע פרנסה דאַגות פון אַ גאַנצע וואָך, דער גאנצער אומרו פון די וואָכנדיקע טעג, איז ווי אוועקגעקומען ביים אָנקומען פון שבת. פון יעדן ייד און פון יעדע יידישע שטוב האָט אַראָפּגעשיינט אַ רויקע שלווה, אידיליע. פון די ליכטיקע און ציכטיקע יידישע שטובן האָבן אין שיין פון אָנגעצינדענע שבת ליכטער ארויסגעקוקט ריין אויסגעוואשענע און אויסגעצוואָגענע קעפּלעך און באחנטע משהלעך און שלמהלעך, שרהלעך און רבקהלעך. מיט געלאַ־סענעאון געמיטלעכע טריט זענען יידן געגאנגען צום דאַווענען. אַן אנדערער גאַנג מיט גאַר — אַנדערע פּנימער. נישט קיין הו — האַ לויפעניש מיט פאַרזאָרגטע מחשבות, מיט טאָג־טעגלעכע וואָכנדיקע דאגות. גייען יידן, נשמה־יתירהדיקע־יידן, מקבל־פּנים זיין דעם הייליקן און טייערן שבת.

אַ שטילקייט האָט געהערשט אין שבתדיקן שטעטל. אלע געשעפטן זענען פאַרמאַכט אין דער טראַנספּאָרט איז פולשטענדיק אָפּגעשטעלט. אויך דער גוי האָט עפּעס אַנדערש אויסגעזען און ווען ער דער גוי האָט געוואָלט אַרויספאָרן שבת פון שטעטל, האָט ער נישט געקאָנט ווייל דער טראַנספּאָרט איז איינגעשטאַנען אין יידישע הענט (יעדנפאַלס ביז מיין אַוועקפאָרן פון שטעטל אין יאָר 1926).

מיט אַ בענקשאפט האָבן מיר געוואַרט אויפן שבת אין מיט נאָגנדיקן צער האָבן מיר אים באַגלייט א שאָד געווען זיך צוצעשיידן מיט אים און די איינציקע טרייסט איז געווען אַז סוועט אָנקומען א פרישער שבת.

אפילו קליינע קינדער האָבן שוין דאָס געפילט. איך דערמאָן זיך ווי מיין יינגסט שוועסטערן מינדעלע אַלט זייענדיק קנאַפּע דריי יאָר פלעגט בעטן ביי דער מוטער זי זאָל פאַרשליסן דעם שבת אין שאַנק, נישט לאָזן אים אוועקגיין...

די צוגרייטונגען צום שבת האָבן זיך אָנגעהויבן פון דאָנערשטיק. יידישע

פרויען האָבן נישט איבערגעלאָזט דאָס באַקן חלות און אַנדערע גוטע געבעקסן אויף פרייטיק ווייל אַרבעט איז פאַראַן איבערן קאָפּ און סקאָן נאָך חלילה קומען צו חילול־שבת, אזוי אַז פרייטיק מיטאָג צייט האָט שוין אין שטוב געשמעקט מיט שבתדיקע מחיהדיקע מאכלים, מיט פיש פלייש און בעטעמטן צימעס. אויך דער טשולנט געפונט זיך שוין ביים בעקער.



בערב יום־הכיפורים — אין אַן ערב יום־כיפור אין דער אלטער היים
משפחת יצחק מאיר כהן

אָפּגעוואַשענע, אָנגעטוענע אין שבתדיקע בגדים, זענען מיר מקבל פנים אונדזער פאָטער וועלכער געפונט זיך צוליבן מסחר אַ גאַנצע וואָך אין לאדזש און אויף שבת קומט ער אַהיים.

און אָט קומט אָן מיט קעניגלעכע טריט דער אויסגעגאַרטער שבת, די געוועלבער זענען שוין פאַרמאַכט. אַ סימן אַז מ'דארף זיך גרייטן צו ליכט־בענטשן.

אין אַ גאַר־קורצער צייט הויבן יידן אָן שטראָמען צום דאַווענען, ווער אין שיל, ווער אין בית־המדרש און ווער אין די פאַרשידענע שטיבלעך. אַלע גייען צום דאַווענען, אויך די וועלכע זענען זיך אינמיטן דער וואָך מתיר.

ווען דער פאָטער מיט די ברידער קומען פון דאַווענען מיט אַ פריילעכן שלום־עליכם, נעמען מיר זיך, נאָכן קידוש, צו די געשמאַקע שבתדיקע מאכלים וועלכע רייצן דעם אפעטיט. פארשטייט זיך אז די סעודה ווערט באַגלייט מיט צאַרטן זמירות־געזאַנג. קיינער פון די קינדער פאַרלאָזן נישט דעם טיש ביזן סוף. דרך ארץ פאַר די עלטערן און דרך ארץ פאַרן שבתדיקן טיש!

צומאָרגנס, נאָכן ברענגען דעם טשולנט פון בעקער, הויבט זיך אָן די צווייטע שבתדיקע סעודה. נאָכן עסן ברענגען מיר הייסן טיי פון דער מקווה (אַ טאָלאָן איז געוואָרן אויסגעקויפט פרייטיק און ווער סהאָט נישט געהאָט קיין טאָלאָן האָט איבערגעלאָזט ביים מקווהניק אַ משכן). נאָכן עסן הויבט זיך אָן דער טראַדיציאָנעלער שבתדיקע נאָכמיטאָג־שלאָף. שאַ־שטיל, קיינער וואָגט נישט צו שטערן די עלטערן אין זייער געמיטלעכן שלאָף. מיר יונגוואָרג פאַרנעמען זיך אָדער מיטן לערנען אַ בוך אָדער מיטן כאַפּן אַ שטילן שמועס מיט באַקאַנטע.

שבת־צונאָכטס ווערט שוין ווידער וואָכנדיק. סהויבט זיך אָן טאָג־טעגלעכער געפּילדער. ווידער אַ פרישע וואָך מיט נייע זאָרגן ביז צום פרישן שבת.

אוי ווי נעמט מען יענע שבתים? יענע האַרציקע זעלעוועער שבתים וואָס האָבן אונדז באַגלייט פון דער סאַמער קינדהייט?

ליידער איז צוזאַמען מיט די טייערע זעלעוועער יידן געוואָרן אָוועקגעריסן אויף אייביק אויך די שיינע יידישע מידות מיט די הערלעכע שבתים און יום־טובים.

פנחס מנחם פייוולאוויטש

פון דער אלטער היים

אונזער שטעטל

כאָטש סאיז שוין אדורך אַ לאַנגע צייט, קאָן איך נישט פאַרגעסן אונדזער באַליבט זעלעוו מיט די סימעטריש־גלייכע אויסברוקירטע גאַסן, מיט די שטאָקיקע הילצערנע און געמויערטע הייזער. עס שטייט מיר פאַר די אויגן דער שפּרודלדיקער קליינער און איבערגעגעבענער יידישער ישוב וואָס מיט זיין גוטהאַרציקייט און פרומקייט איז ער געווען אַ מוסטער פאַר דער גאַנצער אומגעגנט.

געווען אין שטעטל אַ פּרעכטיק־שיינע שיל, צוויי בתי־מדרשים ווי אויך א ריי חסידישע שטיבלעך. געווען אַ מרחץ און אַ הכנסת־אורחים וואָס מאיר־זינדל דער בעקער האָט געהאָלפן אויפבויען ווי אויך אַ תלמיד־תורה וווּ דריי־יאָריקע יידישע קינדער האָבן באַקומען די ערשטע דערציונג.

די תלמוד־תורה איז נישט געווען דער איינציקער מקור פון דערטיילן די קינדער א רעליגיעזע דערציאונג. עס זענען געווען א גרעסערע צאָל חדרים מיט דערפאַרענע מלמדים ווו הונדערטער יידישע קינדער זענען געוואָרן דערצויגן, איבערגייענדיק שטופנווייז פון איין מלמד צום צווייטן. איינער פון די עלטסטע און איבערגעגעבענע מלמדים איז געווען ר׳ מרדכי ווידאַוווער ז״ל פאַר וועמען דער חדר איז געווען נישט נאר אַ מקור פון פרנסה, ער האָט עס געהאַלטן פאַר אַ זכות און פאַר אַ מצוה אַז אים איז געווען באַשערט צו דערציען א דור פון ערלעכע און, פרומע יידן. ער האָט זיך קיינמאָל נישט גערעכנט מיט דער צייט און אויב האָט א פאָטער נישט געהאָט צו באַצאָלן שכר־לימוד אין דאָס יינגל האָט געוואָלט לערנען, האָט ער געלערנט אומזיסט. עס זענען אויך געווען באַרימט ר׳ שלמה זלמן בינענשטאָק, ר׳ יעקב מאיר און פיל אנדערע.

אין שטעטל זענען אויך געווען טעטיק פאַרשידענע פאַרטייען און אָרגאַני־זאַציעס, איבערהויפּט האָט זיך אָנגעזען די טעטיקייט פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אזוי ביים פירן אַ קולטורעל־געזעלשאַפטלעכע אַרבעט ווי אויך ביים

זאמלען געלטער פאַר די ציוניסטישע פאָנדן קרן־קיימת און קרן־היסוד. עס פלעגן אראָפּקומען רעדנער פון וואַרשע און לאָדזש וועלכע זענען ארויסגעטרעטן שבת אין שול אין די בתי־מדרשים. אויף צומאַרגנס איז געוואָרן אדורכגעפירט די זאמל־אקציע דורך אַקטיווע ציוניסטן מיט נפתלי מאירן (געוועזענער פרעזעס פון קהילה־ראַט און פאַרזיצער פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע) אינדערשפּיץ.

טייל פון דער ציוניסטישער יוגנט איר געפאָרן אויף הכשרה בכדי זיך צוצוגרייטן צו דער עליה קיין ארץ־ישראל.

אין די דרייסיקער יאָרן, ווען אנטיסעמיטישע כוליגאנעס ביי דער אונטערשטי־צונג פון דער פוילישער מאכט, האָבן געפרוווט מאַכן אָנפאַלן אויף דער יידישער באַפעלקערונג, האָבן אונדזערע זעלעווער בחורים מיט מוט און העלדישקייט זיך אַנטקעגנגעשטעלט און נישט איינמאָל אזוי מקיים פסק געווען די כוליגאַנעס אַז זיי האָבן מוותר געווען פון זייערע פאָגראָמישע שטיק.

שבתים און יום־טובים

אין קעגנזאץ צו די ימי־חול ווען דאָס לעבן אין שטעטל האָט געברויזט און מענטשן זענען געווען פאַרדאגהט ווער צוליב פרנסה און ווער צוליב אנדערע סיבות, זענען די שבתים און יום־טובים געווען שטילע, אַבסאָלוטע שלווה־טעג. אַן אמתע נשמה־יתירה האָט אראָפּגענידערט איבערן יידישן ישוב און אויף די טייערע יידן. מהאָט פון זיך אַראָפּגעוואָרפן אלע דאגות און לאָסטן און אויפגענומען די טעג מיט פייערלעכקייט און פרייד.

איך דערמאָן זיך אונדזער היים ווען מיין פאטער ר׳ שלמה יהודה הי״ד וועלכער האָט געהאט געענוג דאגות מפרנס צו זיין זיין עלף פערזאָניקע משפחה (דער פאָטער און מוטער, 4 ברידער און 5 שוועסטערן), פלעגט מיט אונדז אהיימקומען פון קבלת־שבת, פלעגן די מוטער מיט די שוועסטערן אויף אונדז וואַרטן אויסגע־פּוצטע אין די שבתדיקע קליידער און אונדז אויפנעמען מיט פרייד. די גאנצע סעודה מיטן קידוש און זמירות איז געוואָרן געפראַוועט ביי א האַרציקע אידיליע.

אויך אונדזער מוטער אסתר, פונדערהיים גירשט פון פּאַביאַניץ, וועלכע האָט געטראָגן אויף זיך אזאַ שווערן עול פון דערציען 9 קינדער און פון פירן די שטוב — ווירטשאַפט, האָט זיך געפילט אין די שבתים און יום־טובים ווי אַן אמתע מלכה.

עס וואַנדערן מיינע זכרונות צו יענע אומפאַרגעסלעכע אלול־טעג. אלול! ווער קאָן פאַרגעסן די שטימונג פון אונדזערע טייערע און איבערגעגעבענע יידן

אין די טעג ערב די ימים־נוראים! איך דערמאָן זיך ווען מיין פאָטער האָט אונדז יינגלעך ארויסגענומען פון די וואַרעמע בעטן און ביי א שטאָק־פינצטערניש מיטגענומען אין גערער שטיבל צו די סליחות, דאַמאָלט האָבן אונדזערע קינדערישע נשמות געפילט דעם פחד פאַר די אנקומענדיקע ימי־הדין ווען עס „ציטערן אפילו פיש און וואַסער". פאַר ראש־השנה האָבן מיר באַקומען נייע יוביצעס מיט שיך, זיך אָפּגעשוירן און זיך געגרייט צו די פייערלעכע ראש־השנה תפילות. ערב ראש־השנה זענען מיר צוזאַמען מיטן פאָטער געגאַנגען אין גערער שטיבל און ווען דער בעל־תפילה ר' מרדכי ווידאַווער האָט מיט זיין כאָר וואָס אזי באַשטאַנען פון בלויז ישיבה־בחורים אָנגעהויבן דעם — יתגדל ויתקדש שמה רבה, באַגלייט מיטן טראַדיציאָנעלן ניגון, האָבן אַלע מיטגעברימט און מיר האָבן זיך געפילט אין עולם־העליון. נאָכן דאַווענען פלעגן אַלע גיין צום רב פון שטעטל אים ווונטשן א שנה־טובה.

צומאָרגנס, ראש־השנה, פלעגן מיר שטיין ביים פאָטער און דאַווענען מיט כוונה און ווען סהאָט זיך דערהערט די האַרציקע תפילה — ונתנה תוקף קדושת היום כי הוא נורא ואיום — פלעגט דער פאָטער אונדז באַדעקן מיטן טלית און זיך באַגיסן מיט טרערן.

אין די עשרת־ימי־תשובה האָבן זיך אונדזערע יידן געגרייט צום יום־הדין. אַלע, יונג און אַלט, זייער־פרומע און וויניקער־פרומע, זענען געוואָרן באַהערשט פון א פחד פאַרן אָנקומענדיקן יום־כיפור טאָג.

דער הויך־פונקט איז געווען די נאַכט פון כל־נדרי ווען די בעלי־תפילות פלעגן זיך אָוועקשטעלן אין די ווייסע קיטלען מיט די ספרי־תורות אין די הענט. ווען סהאָט זיך דערהערט בקול־דממה — על דעת המקום ועל דעת הקהל — זענען מיר געוואָרן באַגייסטערט און געווען זיכער אז אין איצטיקן מאָמענט געפינט זיך צווישן אונדז די שכינה.

ביינאַכט פלעגן דער רוב חסידים בלייבן נעכטיקן אויפן הילצערנעם פאָל און זאָגן תהילים.

צומאָרגנס א גאַנצן טאָג האָט א שטילקייט באַהערשט דאָס שטעטל. נאָר תפילות האָבן זיך דערהערט פון די פאַרשידענע מקומות־קדושים. אפילו גוים האָבן געהאַט דרך־ארץ פאַרן הייליקן יום־כיפורדיקן טאָג.

איך דערמאָן זיך דעם לעצטן יום־כיפור אין שטעטל און אַלע האָבן געפילט אז א לעבנס־געפאַר דראָט דעם ידישן ישוב. ווען דער בעל־תפילה האָט גדאַוונט

תפילת־נעילה אין צוגעקומען צום פסוק: ויהי רצון מלפניך שומע קול בכיות שתשים דמעותינו בנאדך ותצילנו מכל גזירות קשות ואכזריות — זענען אַלע מתפללים אויסגעבראָכן אין אַ ביטער געוויין. מיר האָבן דערזען דעם אַנקומענדיקן חורבן און געפּרוווט אָפּרופן די שרעקלעכע גזירה.

לײַדער האָט די גרויסע בראָך, דער וויסטער אומגליק, אויך אונדזער שטעטל געטראָפן און אונדזערע האַרציקע יידן זענען אומגעקומען אויף קידוש־השם מיטן גאַנצן כלל־ישראל. — הי״ד.

סאַלקע קליין
ניו־יאָרק

זכרונות פון מיין אלטער היים

מיט אַ צעבראָכן האַרץ דערמאָן איך זיך טרויעריקע אומפאַרגעסלעכע זכרונות פון אונדזער געבוירן־שטעטל, פון מיין היים, פון מיינע קינדער־יאָרן. איך וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן מיינע טייערע עלטערן וועלכע האָבן אלץ געטון, געמאַכט די מאַקסימאַלסטע אָנשטרענגונגען בכדי צו באַזאָרגן מיט אַלעם אונדזער 11־פּערזאָניקער פאַמיליע. מיט ווייטיק און טרערן דערמאָן איך זיך מיין טייערע מוטער וועלכע האָט נישט געשפּאָרט קיין מי און האָרעוואַניע אין דער שטוב־ווירטשאַפט איבערהויפּט ביי די צוגרייטונגען צום הייליקן שבת. שוין פון מיטוואָך, אין זעלעווער טאָרג־טאָג, האָט זיך אָנגעהויבן אַ געפאַרעריי ביים איינקויפן אויפן מאַרק אייער, פּוטער, גענדז, קאַטשקעס, קאַרטאָפל אין אַנדערע פּראָדוקטן. דער דאָנערשטיקער טאָג איז געוואָרן געווידמעט דעם באַקן פאַרשידענע געשמאַקע שבת־געבעקסן און דאָס צוגרייטן, די געבראַכטע פון שוחט, עופות, צום קאָכן. פרייטיק, פון פאַרטאָגס אָן, האָבן זיך שוין געטראָגן אָנגענעמע ריחות פון שבתדיקע מאכלים וועלכע האָבן געררייצט דעם אַפּעטיט. פאַרנאַכט, נאָכן ליכט־צינדן, האָט די מוטער, שוין אָן איבערגעטוענע אין די שבתדיקע בגדים, געשיינט פון נחת קוקנדיק, ווי פון יעדן ווינקל קוקט אַרויס דער שבת. די שווערע טעג פון צוגרייטונגען זענען ווי פאַרשוונדן. אַלץ איז געווען לויטערע שלווה. שבתדיק.

ווען דער פאָטער מיט די דריי ברידער זענען צוריקגעקומען פון דאַווענען, האָט שוין געוואָרט אַ רייך־צוגעגרייטער שבתדיקער טיש מיט באַטעמטע מאכלים און ביי אַ גוטער שטימונג, מיטן זינגען זמירות, האָבן מיר אָפּגעפּראַוועט די ערשטע שבתדיקע סעודה.

צומאָרגנס נאָכמיטאָג און נאָכן שבת־שלאָף, זענען מיר די יינגע אַרויסגעגאַנגען אויפן טראַדיציאָנעלן שבת־שפּאַציר און די עלטערן האָבן אונדז פון באַלקאָן אָבסערווירט און געשעפּט נחת.

אין בין־השמשות, ווען מיר האָבן זיך צוריקגעקערט אַהיים, האָבן מיר פונדערווייטנס שוין דערהערט די האַרציקע, נאָגנדיקע תפילות פון מיין מוטער: "גאָט פון אברהם, פון יצחק און פון יעקב"... מיטן אָפּזינגען דעם "המבדיל" האָבן מיר זיך אָפּגעזעגנט מיטן טייערן שבת.



ההורים של סלקה קליין.
עלטערן פון סאלקע קליין לאה און ברוך בינם קליין.

יאָ, דאָס איז געווען אמאָל ביז אלעס איז אַוועק מיטן פייער, אָבער אין זכרון וועט עס בלייבן אויף אייביק.

אַבְרהם פּייפלאָוויטש
בית־עליעזרי

זעלעווער עפּיזאָדן

בין אדם לחברו

געווען איז עס אין די מיטעלע דרייסיקער יאָרן ווען דער עקאָנאָמישער בויקאָט מצד די פּוילישע מושלים איז געווען אין פולן ברען, ווען פאַר פאַרשידענע עבירות און אין דעם אויך עקאָנאָמישע, האָט געדראָט דער טרויעריק־באַקאַנטער לאַגער אין קאַרטוז־בערעזע פון וואַנען מענטשן זענען צוריקגעקומען נאָך עטלעכע מאָנאַטן פולשטענדיק צעבראָכענע און צעקאַלעטשעטע.

אין איינעם פון די־אָ טעג, ווען מיין פאָטער האָט זיך געפונען ביי משה טרויבע, האָט ער באַמערקט דורכן פענסטער דאָס אָנקומען פון אַן אויטאָ פון לאַסקער שטייער־אַמט וועלכע פלעגן מאַכן אומגעריכטע רעוויזיעס זוכנדיק אומלעגאַלע וואַלוטע ביי יידן און אַך אין ווי איז געווען צו דער פאַמיליע אויב זיי האָבן דאָרט עפּעס געפונען. מיין פאָטער וועלכער האָט אינסטינקטיוו געפילט אַז גרשון ליפּמאַן וועלכער האָט געהאַנדלט מיט וואַלוטע, געפונט זיך אין אַ גרויסע סכנה איז תיכף אַריין צו גרשונען אין שטוב בכדי אים צו אַלאַרמירן. די פאַמיליע, דערהערנדיק די ידיעה, זענען אַריינגעפאַלן אין אַ פּאַניק, נישט געוווסט וואָס צו טון, זיי האָבן נאָר אָנגעוויזן אויף אַ קישעלע ווי זיי וואָלטן געגעבן אָנצוגעהערן אַז דאָרט געפונט זיך די געפאַר. מיין פאָטער האָט זיך נישט פאַרלוירן, שנעל באַהאַלטן דאָס קישעלע אונטערן פאַלטן און אַרויס דורך אַן אונטער־טיר צו זיך אין שטוב. די ריזיקע איז געווען גרויס און ווען דער פאָטער האָט דאָס קישעלע באַהאַלטן ביי זיך אין שלאָפצימער, האָט ער אַ גאַנצע נאַכט נישט צוגעמאַכט קיין אויג און כסדר געזאָגט תהילים.

באַלד אינדערפרי, נאָך אַ שלאָפלאָזע נאַכט פול מיט שרעק און פחד, האָט דער פאָטער מיך געשיקט געוויר ווערן צו ביי גרשון ליפּמאַן איז אַלעס אין אָרדנונג. ווען כ'האָב געבראַכט די גוטע בשורה אַז אַלס איז אַדורך בשלום, האָט דער פאָטער

צוריקגעבראַכט דאָס קישעלע. די פֿאַמיליע מיט גרשונען בראש האָבן געבעטן ביים פֿאָטער ער זאָל נעמען אַ באַלוינונג פֿאַר דעם סכנהדיקן טאַט, אָבער דער פֿאָטער האָט זיך קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט, מיטן מאָטיוו אַז ראַטעווען אַ ייד איז אַ מצוה און פֿאַר אַ מצוה באַקומט מען שכר אַנדערשוווּ...

אויך פֿון נעמען אַן הלוואה אין וועלכער מיר האָבן זיך גענויטיקט און וואָס גרשון ליפּמאַן האָט געבעטן צו נעמען ביי אים, אַן פּראָצענטער, האָט זיך דער פֿאָטער אָפּגעזאָגט, ווייל סקאָן ווערן אויסגעטייטשט ווי אַ באַלוינונג.

אַזוי האָבן זיך יידן אויפגעפירט בין אדם לחברו, שלא על מנת לקבל פרס.

קונדסים

כ'זאָל זאָגן אַז אין חדר זענען מיר געגאַנגען מיט גרויס חשק — פֿאַרקערט, מיר האָבן נאָר אויסגעוואַרט אויף עפּעס אַ יומא־דפגרא ווען מיר זענען געווען באַפֿרייט פֿון חדר. ווער זאָגט נאָך ביי די מלמדים וועלכע האָבן זיך אויסגעצייכנט אין לאָזן אין גאַנג ביי יעדר קלייניקייט זייערע קאַנטשיקעס — דאַן איז דער חדר געווען פֿון די שווערסטע אָפּקומענישן. שטאַרק ליב געהאַט די מלמדים האָבן מיר אויך נישט און ווען סהאָט זיך נאָר געמאַכט אַ געלעגנהייט אָפּצוטון אַ קונדסיש שטיקל, האָבן די חדר ייִנגלעך, ריזיקירנדיק מיטן באַקומען אָנגעבראַכן די ביינער, מיט חשק עס אדורכגעפֿירט. אַזאַ געלעגנהייט האָט זיך מיר געמאַכט אין אַ סוכות־טאָג ווען מיין מלמד ר' אבא איז געקומען אויף אַ באַזוך אין אונדזער יאָר־סוכה און צווישן אנדערן האָט ער געגעבן אָנצוגעהערן מיין פֿאָטער אַז היי יאָר איז עפּעס די סוכה נישט אַזוי למהדרין. נו, מילא, האָב איך זיך געטראַכט, דאַרף מען טאַקע כשרן די סוכה. אומר ועושה. איך האָב געכאַפּט אַן עמער וואַסער, ארויפגעלאָזט זיך דורך דער לייטער צום סאַמט סכך און דעם עמער וואַסער גלייך אַראָפּגעלאָזט אויפן רבין. צוריקקומענדיק אין דער סוכה ווו דער רבי איז געשטאַנען אַן אָפּגעצוואָגענער פֿון קאָפּ ביז פּיס, האָב איך באַקומען פֿונעם פֿאָטער צוויי פֿייערדיקע פּעטש — דאָס איז דער שכר פֿאַרן כשרן די סוכה — האָט ער צוגעגעבן.

אַ צווייט קודסיש שטיקל אַרבעט האָבן מיר אדורכגעפירט שוין זייענדיק גמרא־ייִנגלעך און פּונקט איז פֿאַרגעקומען אין שטעטל אַן אינטערעסאַנטער מעטש וואָס מיר האָבן פּשוט געחלשט צו זיין דאָרט אַנוועזנד. אָבער גיי פֿאַרצייל דעם רבין אַ מעשה וועגן אַ מעטש וואָס בלויז פֿאַרן געדאַנק וואָלטן מיר געהאַט צו זינגען און צו זאָגן. דאַן האָבן מיר פֿאַרטראַכט אַ טאָפּלטן פּלאַן. ערשטנס האָבן מיר זיך איינגעשאַפֿן "כראַבאַנזשעס" וועלכע מיר האָבן אריינגעלאָזט אין פֿעסל וואָס האָט

געדינט פאַר אַ טיש אין חדר און ווען די חיהלעך האָבן אָנגעהויבן שפּאַצירן צום סאַמע רבין, האָט אַ צווייטע גרופּע געמאַכט אַן אַלאַרם אַז סאיז אויסגעבראָכן ערגעץ נאָענט אַ שריפה. אויסנוצנדיק די דאָפּלטע מהומה, האָבן מיר זיך הענדים־פענדים געלאָזט צום פעלד ווו סאיז פאָרגעקומען דער מעטש.

דעם מעטש האָבן מיר טאַקע געזעען אָבער די אָנגעקלאפּטע ביינער וואָס מיר האָבן צו מאָרגנס באַקומען, האָבן מיר געפילט א היפש ביסל טעג. סהאָט זיך נישט געלוינט...

שרה מרים קיפפער
אויסטראליע

יידישע פעלטשער און אקושערקעס אין זעלעוו

צווישן די יידישע פערזענלעכקייטן וואָס האָבן זיך אויסגעצייכנט און געווען באַוווסט מיט זייער הומאַנער הילפסאַרבעט פאַרן ישוב, זענען בלי־ספק געווען די מעדיצינישע טוער וואָס האָבן צו דער דאַמאָלדיקער צייט, ווען אין זעלעוו איז נאָך קיין דאָקטאָר נישט געווען, (צו א דאָקטאָר האָט מען געמוזט פאָרן קיין לאָסק) אויסגעפירט אַ וויכטיקע און פאַראַנטוואָרטלעכע אַרבעט פאַרן וויל פון דער באַפעלקערונג בכלל און פאַרן יידישן ישוב בפרט. די יידישע פעלטשער און איבערהויפט די יידישע אַקושערקעס, האָבן מיט זייער איבערגעגעבנקייט און מסירת־נפש אַרויסגערופן צו זיך דרך־ארץ מצד דער גאַנצער באַפעלקערונג פון שטעטל און אויך פון דער אַרומיקער דאָרפישער אומגעגנט.

עטלעכע פרטים, זיכער נישט קיין אויסשעפנדיקע, וועל איך זיך באַמיען צו פאַרצייכענען.

* * *

דער ערשטער יידישער פעלטשער און יידישע אַקושערקע, מיין זיידע שייע־בער קיפפער און די באָבע לאה ("לאה די פעלטשערין"), זענען אָנגעקומען קיין זעלעוו אין די אָנפאַנג נייַנציקער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט. געקומען זענען זיי פון דזשאַלאָשין דורך אַ צופעליקייט. איינמאָל בעת אַ חתונה ביים דזשאַלאָשינער רב איז דאָרט געווען אַנוועזנד אַ געוויסער שטשופּאַק פון זעלעוו און ער האָט פאַרגעלייגט מיין זיידן אַז ער זאָל זיך באַזעצן אין זעלעוו וואָס נויטיקט זיך אין אַ יידישן פעלטשער. שוין פון די ערשטע צייטן נאָך זייער באַזעצן זיך אין זעלעוו, האָבן זיי אַרויסגערופן צו זיך יראת־הכבוד פאַר זייער גרויסער הילף. איבערהויפּט איז געווען שטאַרק פּופּולער די באָבע לאה וואָס האָט דעם באַרוף איבערגענומען

פון איר מוטער הינדע וואָס איר געווען אַ באַוווסטע הייבאַמע אין דזשאַלאָשין. די באָבע פלעגט אויך אָפּנעמען קינדער ביי קריסטן אזוי אין שטעטל ווי אויך די אַרומיקע דערפער. מיט דער איבערגעגעבענער ארבעט האָט זי זיך אָפּגעגעבן ביזן לעצטן מאָמענט. אויסגעהויכט די נשמה האָט זי אין סוף פון ערשטן וועלט־קריג



לאה די אקושערקע

אהיימקומענדיק פון אַ ברית. בשעת דער קבורה זענען געוואָרן אָנגעצינדן הונדערטער ליכטלעך דורך קינדער וואָס זי איז געווען זייער הייבאַם.

דער זיידע שייע־בער איז געשטאָרבן פריער פון דער באָבען און אויף זיין פאַרלאנג איז ער געוואָרן געבראַכט צו קבורה אין דזשאַלאָשין.

מיין מוטער אסתר האָט ממשיך געווען די טראַדיציע פון דער באָבע לאה און עלטער־באָבע הינדע און זיך אויך אָפגעגעבן מיט דער אָקושערן־פּראָפעסיע. זענענדיק אַז אָן בילדונג איז נישטאָ קיין פּערספּעקטיוו, האָט מיין מוטער דורך אַ גאָר־קורצער צייט אַדורכגעמאַכט דעם גימנאַזיע־עקזאמען און איז אָנגעקומען, צוזאַמען מיט נאָך 4 מיידלעך פון 38 קאַנדידאַטינס און דער באַרימטער וואַפּעל־בערג־קליניק אין ווארשע און דאָרט געענדיקט אַלס דיפּלאָמירטע אַקושערין.



אסתר גיטל קיפפער



זוסמאן קיפפער

ליידער האָט אַ שווערע קראַנקהייט אַוועקגעריסן פון אונדז די מוטער און אין עלטער פון 35 יאָר האָט זי אונדז פאַרלאָזט אויף אייביק.

זעקס יאָר צייט זייטן טויט פון אונדזער מוטער ביזן טויט פון דער באָבע לאה, האָבן מיר, די קינדער, זיך דאָרט דערצויגן.

דער פאָטער זיסמאַן איז חוץ אַ פריזיער געווען אויך אַ פעלטשער און ביי דער פריזיערײ האָבן ארויסגעהאַנגען דריי מעשענע טעלער — אַ סימן פון אַ פעלטשער.

אויך דער מאַמענס שוועסטער, די מומע הענע בראַנד, איז געווען באַוווסט אַלס קוואַליפיצירטע אַקושערקע ווי אויך אַלס איבערגעגעבענע און האַרציקע פרוי. זי האָט זייער פיל געהאָלפן די ארעמע קימפעטאָרינס. נישט נאָר וואָס זי האָט פון זיי נישט גענומען באַצאָלט פאַר איר ארבעט נאָר האָט אויך אומזיסט געברענגט פאַר זיי און פאַר די ניי־געבוירענע פעקלעך מיט מלבושים.



הענע די אקושערקע

אינדערצייט פון גרויסן חורבן זענען צוזאַמען מיט די איבעריקע זעלעוואר יידן אומגעקומען אויף קידוש־השם, מיין פאָטער זיסמאַן וועלכער איז אַוועק־געשטאָרבן אין יאָר 1941 אין רעזולטאַט פון היטלערישן טעראָר ווי אויך די קינדער פון מיין שוועסטער פריווע און איטשע יאַקובאָוויטש וועלכע זענען אַוועק קיין אַרגענטינע און איבערגעלאָזט צייטווייליק די קינדער ביים זיידן און צוליבן קריגס־אויסברוך האָבן זיי נישט געהאַט קיין מעגלעכקייט זיך צו פאַראייניקן מיט די עלטערן. די קינדער, שמואל אברהם איז אומגעקומען אין איינעם פון די פויזנער לאַגערן און אסתר גיטל איז אומגעבראַכט געוואָרן אין כעלמנאָ.

די מומע הענע איז אומגעקומען אין טרויעריק־באַרימטן כעלמנאָ־לאַגער צוזאַמען מיט מיינע שוועסטערין הינדע און חנה פייגע.

* * *


אין יאַנואַר 1935 האָב איך פאַרלאָזט אונדזער באַליבט שטעטל ווו כהאָב די ערשטע טריט געשטעלט און אויך חתונה געהאַט און אַוועק אין ווייטן אוסטראַליע. מיין אַוועקפאָרן איז געווען פאַר מיין פאַמיליע און פאַר דעם גרויסן קרייז נאָענטע און באַקאַנטע, אַ גרויסע בייעס, ווייל איך בין געווען פון די ערשטע



שרה מרים קיפפר בשנת 1934
שרה מרים קיפפער אין יאָר 1934

וועלכע האָבן זיך אַוועק געלאָזט אין אַזאַ מרחק. מיט מיין אַוועקפאָרן האָב איך געהאַט פאַר אַ ציל ביי דער ערשטער געלעגנהייט אַרויסצונעמען פון אַנטיסעמישן פוילן מיין איבערגעבליבענע פאַמיליע. ליידער, טראָץ אַלע אַנשטרענגונגען דורך מיר און מיין געזעליקן מאַן איז דאָס אונדז נישט געלונגען, צוליב מאַטעריעלע אומשטענדן. איצט נאָך קרוב פירציק יאָר, שטייט מיר פאר די אויגן דער פראַסטיקער

יאַנואַר טאָג פון 1935 ווען דאָס יידישע שטעטל האָט זיך מיט אונדז געזעגנט. איך באַגיס זיך מיט טרערן דערמאָנענדיק זיך דעם לעצטן האַנט־דרוק, דעם



זוסמן קיפפר עם הנכדים — זוסמאַן קיפפער מיט די אייניקלעך

לעצטן טוליע פון מיין איבערגעבליבענע משפחה וועלכע האָבן נאָך געציילטע יאָרן געטיילט דעם גורל צוזאַמען מיט די איבעריקע זעלעוו'ער יידן.

זאָלן די ווערטער זיין פאַר זיי אַ נר־תמיד.

וואָווע ריפשטיין ז״ל

איכה ישבו...

אַ, מיין טייערע און באַליבטע היים, אומפאַרגעסלעך האַרציק שטעטל זעלעוו: ביז מיין לעצטן אָטעם־צוג וועל איך מיט בענקשאַפט און טרערן דיך דערמאָנען, איבער דיר טרויערן. אַוועק פון אונדז, פאַרניכטעט און געשענדעט געוואָרן אַזאַ טייערער איבערגעגעבענער יידישער ישוב. פאַרניכטעט נישט דורך פאַרפלייצונג און ווולקאַנען־אויסברוך, דורך שריפה אָדער שטורעם־ווינטן, חרוב ונחרב געוואָרן דורך מענטשן־חיות, דורך נאַצישן צורר.

לאַנגע יאָרן האָבן יידישע דורות געשאַפן, דורך שווערע האַרעוואַניע, אַן עקזיסטענץ פאַר זיך און פאַר די קינדער, געחלומט וועגן בעסערע הייַנטס און נאָך שענערע מאָרגנס, נישט געטראַכט אַז דאָס אַלעס וועט אַוועק מיט רויך, מיט פייער, אָנגעצינדן דורך בעסטיעס.

אָ, אונדזער הייליק יידיש זעלעוו! אויסגעשאָכטן יידיש שטעטל! אויך דעם בית־העלמין האָט די שריפה נישט אויסגעמיטן. דאָרט ווו מיר פלעגן קומען אויסוויינען פאַרביטערטע הערצער, פרעגן זיך אַן עצה ביי די הייליקע קברים, בעטן אַ רפואה־שלימה פאַר קראַנקע און אומגליקלעכע, אַוועקלייגן אַ קוויטל אויפן קבר פון אַ צדיק, אויסבעטן אַ גוטן זיווג פאַר אַ טאָכטער — אויך דאָס אָרט האָבן וואַנדאַלן געשענדעט און פאַרניכטעט, אָפּגעווישט און אויסגעגלייכט מיט דער ערד.

אַוועק אונדזער יידיש שטעטל מיט אירע קדושים וואָס האָבן מיטן לעצטן שמע־ישראל אויסגעהויכט זייערע ריינע נשמות. הי״ד.

* * *

אונדזער שטעטל איז אין פאַרגלייך מיט די שכנהדיקע שטעטלעך, עקאָנאָמיש געווען נישט שלעכט אַוועקגעשטעלט. די הויפּט־פרנסות זענען געווען פון דער

אַנטוויקלטער טעקסטיל־אינדוסטרי אזוי אין די גרעסערע פאַבריקן פון משה און יחיאל ליבערמאַן, יצחק פריינד, יענקל לעווי, פּיק, טייטלבוים, שפּיגעלמאַן און אַנדערע ווי אויך פון די קלענערע וואַרשטאַטן, די אזוי־גערופענע כאַלופּניקעס וועלכע האָבן זייער פּראָדוקציע אויסגעאַרבעט אין זייערע היימען. יידן האָבן זיך אויך מפרנס געווען פון אנדערע פאַכן ווי שניידער, שוסטער, קצבים, בעקער און בעלי־עגלות. אַ געוויסער טייל האָט געלעבט פון מסחר באַזיצנדיק פאַרשידענע געוועלבער ווי אויך פון מסחר מיט די דערפער, דאָרפגייער. אין אַלגעמיין איז די פּרנסה־פראַגע געווען ביי אונדז פיל לייכטער ווי אין די דערנעבנדיקע שטעטלעך ווידאַווע, סטערצעוו, שאַדעק און אַנדערע.

אויך די קולטורעל־געזעלשאַפטלעכע אַרבעט איז אין זעלעוו געווען שטאַרק אַנטוויקלט און איז געפירט געוואָרן דורך איבערגעגעבענע עסקנים אויף אַ מוסטערהאַפטן אופן. אַ בכבודיק אָרט אין דער טעטיקייט האָט פאַרנומען די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע מיט איר אָנפירער מרדכי שעראַדזקי ז״ל. ביי דער אָרגאַניזאַציע האָט עקזיסטירט אַ רייכע ביבליאָטעק ווי אויך אַ דראַמאַטישער קרייז וואָס איז געווען זייער באַליבט ביי דער יידישער באַפעלקערונג. מרדכי האָט נישט בלויז פּראָפּאַגאַנדירט פאַרן ארץ־ישראל, האָט אויך עולה געווען מיט זיין פאַמיליע אין יאָר 1924 און געהאָלפן בויען סלאַנד ביז ער איז געפאַלן פון אַן אַראַבישע קויל אינדערצייט פון באַפרייאונגס־קריג. אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע איז אויך געווען טעטיק מיין ברודער יחיאל ז״ל. אויך ער האָט עולה געווען מיט דער פאַמיליע אין יאָר 1925. לײַדער האָט ער נישט אויסגעהאַלטן די שווערע באַדינגונגען וואָס זענען געווען אין דער דאַמאָלדיקער צייט און נאָך דריי יאָר איז ער צוריק קיין זעלעוו און געטיילט דעם טראַגישן גורל פון אלע יידן, ער איז אומגעקומען מיט זיין פרוי און 4 קינדער אין די נאַצישע טויטן־לאַגערן.

אויסער די שוין דערמאָנטע טוער מרדכי שעראַדזקי און מיין ברודער יחיאל, זענען אויך געווען אין דער פאַרוואַלטונג פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אברהם שייבע, עלע גרינבערג, שלמה שטערן, שלמה מארקעוויטש, יחזקאל בערגמאַן זכרונם לברכה און זיי צו לאַנגע יאָרן יהושע לוסטיגמאַן, נתן דינרי־גאָלדמינץ און דער שרייבער פון די שורות. אַ טעטיקייט האָט אויך געפירט די לינקע פועלי־ציון מיט יחיאל בירנבוים אינדערשפּיץ.

דער רעליגיעזער סעקטאָר — אין דאָס איז געווען דער איבערוויגנדיקער מערהייט פון דער יידישער באַפעלקערונג — האָט געהאַט צו איר רשות אַלע נויטיקע זאַכן פאַר דער רעליגיעזער הצטרכות. אַ שיינע שיל מיט אַ בית־המדרש ווו

בחורים האָבן עוסק געווען אין תורה ימים ולילות. געווען אויך עטלעכע שטיבלעך (גערער, אַלעקסאַנדערער און ראַדאָשיצער).

אין שטעטל זענען אויך געווען אַ גרעסערע צאָל מלמדים ביי וועלכע יידישע קינדער האָבן באַקומען זייער דערציונג. עס זענען געווען באַוווסט אברהם מלמד, יום־טוב מאיר, גוטמאַן, זלאַטשעווער מלמד, דער געלער משה, סקליינע מלמדל און ר׳ מרדכי מלמד. פון ר׳ מרדכי׳ן ווו ס׳האָבן געלערנט שוין מער דערוואַקסענע און אויך געלערנט גמרא מיט תוספת, זענען, די תלמידים איבערגעגאַנגען אין בית־המדרש, געוואָרן בית־מדרש בחורים.

אַ וויכטיקע טעטיקייט אין שטעטל האָבן געפירט פאַרשידענע חברות ווי די חברת־תהילים, גמילת־חסדים, לינת־הצדק, הכנסת־כלה ווי אויך די חברה־קדושה, ווו מיין זיידע ר׳ נחמן שטארק ע״ה איז געווען גבאי. מיין זיידע וועלכער איז אויך געווען דאַזאָר און כלל־טוער האָט פיל ענערגיע געווידמעט דער חברה־קדישה. צוויי מאל אין יאָר פלעגט די חברה איינאָרדנען גרויסע סעודות. איין סעודה איז פאָרגעקומען ווינטער ביי פרשת שמות. אין דעם טאָג האָבן די מיטגלידער געפאַסט און נאָכן תענות האָט מען זיך גענומען צו דער סעודה מיט פיש און פלייש און דער עיקר אַ היפשע דאָזע משקה. נאָכן עסן און טרינקען האָט מען זיך געלאָזט אין אַ ריקוד ביז חצות. די צווייטע סעודה איז פאָרגעקומען אין שמיני־עצרת. נאָכן דאַווענען איז פאָרגעקומען ביים זיידן אַ טראַדיציאָנעלער קידוש. דריי אַזייגער נאָכמיטאָג זענען זיי זיך ווידער צונויפגעקומען און זיך פריילעך געמאַכט ביי אַ פאָר פעסעלעך ביר ביז 7 אָוונט, דערנאָך זענען אַלע געגאַנגען מיט געזאַנג און טענץ צו די הקפות.

נאָך דער פטירה פון מיין זיידן אין יאָר 1920 איז ר׳ מאיר קופערוואַסער געוואָרן דאַזאָר און אין אַ פאָר יאָר שפּעטער האָט דעם אַמט איבערגענומען ר׳ משה גאָלדשטיין, אדער ווי מהאָט אים גערופן ״דער טויטער משה״.

אין די צוואַנציקער יאָרן זענען געווען דריי שוחטים: ר׳ משה מאיר, ר׳ יידל הענעך און דער דוואָרטער שוחט. שמשים זענען געווען צוויי: מרדכילע און משה פייוויש שמש.

צוליב דער פאַרהעלטנמעסיק נישט שלעכטער עקאָנאָמישער לאַגע, איז דער צופלוס פון יידן קיין זעלעוו געווען אַ גרויסער, דער עיקר פון די שטעטלעך ווו די פרנסה־פראַגע איז געווען אַ שווערע. אין יאָר 1939 האָט זיך געפונען אין זעלעוו 600 יידישע פאַמיליעס.

אזוי האָט זיך געפירט אַ יידיש פול־לעבן אין אונדזער טייער שטעטל ביזן

חודש אלול 1939, ביז די דייטשע באַנדעס ימח שמם וזכרם האָבן געבראַכט פאַרניכטונג און פאַרוויסטונג פאַרן כלל ישראל ובתוכם פאַרן זעלעווער יידישן ישוב.

מיט מיינע קורצע זכרונות ווענד איך זיך מיט אַ הייסן רוף צו אונדזערע קינדער וואָס זענען דעם גהינום נישט אַדורכגעגאַנגען. געדענקט! פאַרגעסט נישט אַז אַלע דערציילטע גרוילן זענען קוים אַ ברוך־טייל פון דעם שאול־תחתיות וואָס אייערע זיידעס און באָבעס, פעטערס און מומעס זענען אַדורכגעגאַנגען און צום סוף אומגעבראַכט געוואָרן אויף קידוש־השם. געדענקט אין דער לעצטער צוואה פון די לויטערע נשמות שנהרגו ושנשחטו.

פאַרצייכנט אין חודש סיון תשכו
מאי 1966 אין לאנדאָן

אישים, מוסדות וארגונים

פערזענלעכקייטן, ארגאניזאציעס און אינסטיטוציעס

זאב שקופף

החיים הדתיים בעיר

רבנים ודיינים

רבה של העיר רבי ישראל יעקב גרינפלד זצ״ל היה מגדולי הרבנים בפולין היה גאון עצום בתורה וגדול במידות, נערך על כל חלקי אוכלוסיה יחסיו עם הבריות היו מצויינים. הוא היה שונא בצע ולא רצה להנות מכתרה של תורה, כמעט ולא הכיר צורת מטבע. בעד דיני־תורה לא רצה לקחת תגמול אלא אם כן המתדיינים בעלי יכולת היו. פעם שם איש אחד מאנשי העיר (בזמן מכירת החמץ) בכיסו דולר אחד — ברצונו היה להנאות את הרב זצ״ל. כשהעירו לרב זצ״ל על כסף בכיסו הוציא את הדולר הסתכל בו בכל צדדיו ושאל: ״מה זה״? כשאמרו לו שזה דולר הופתע ושאל: ״האם זה המטבע שקופץ?״ כי אז קפצו והאמירו מחירי הדולרים מיום ליום. כה רבה היתה תמימותו של הרב זצ״ל שהתבטאה בשטחים רבים. הוא היה חסיד גור והרבי זצ״ל חילק לו כבוד רב, אך תמיד נשאר תמים ועניו כל ימיו עד יום פטירתו כמה שנים לפני השואה.

אחריו נתקבל לרב העיר בהסכמת כל אנשי העיר הרב הגאון והצדיק: יוסף דנציגר הי״ד. הוא היה בן אחיו של הרבי מאלכסנדר הצדיק ר׳ יצחק מנחם דנציגר זצ״ל אביו הגאון וצדיק ר׳ שרגא פייבל זצ״ל מת על קדוש השם ע״י הפולנים שהעלילו עליו שהיה עובד לטובת הבולשביקים. הרב ר׳ יוסף דנציגר היה גאון בתורת הנגלה והנסתר, הוא היה משכיל ונבון והכיר כמה שפות. הרביץ תורה ברבים ובפרט הרצה שעוריו הנפלאים בארגון צעירי אגודת ישראל. כדיין שימש בעיר הגאון ר׳ הניך קריגר (ר׳ הניך ליטורמורסקר) דמות משפיעה. נתפרסם כתלמיד חכם גדול ואיש החסידות והמוסר. מראה פניו אמר הדר ויוקרה, היה מקובל על כל העיר בתור אחד הפוסקים המובהקים, כולם התיחסו אליו באהדה ודרך־ארץ, גופו התמיר ולבושו הנאה ויחסו הנעים עם הבריות עוררו התפעלות בלב כל. בימי הנאצים היה הוא היחידי שלא רצה לגזוז זקנו כפקודת

הנאצים, הם תפסוהו הוליכוהו לספר אבל לא עשו לו דבר. עד שנספה בשואה יחד עם כלל ישראל.

אנשי מעלה ומרוממים במידות היו גם השוחטים בעירנו אף הם מכובדים היו על הבריות ועשו מלאכתם מלאכת הקודש באמונה. שמם נישא בהערצה בפי כל. נזכיר לטובה שמותיהם והם: השוחט ר׳ משה מאיר ויזל ז״ל, השוחט ר׳ יהודה הניך שלומוביץ ז״ל, השוחט ר׳ משה מנדל צוקר ז״ל והשוחט ר׳ אברהם יצחק קרימלובסקי ז״ל, כולם אישים מרוממים מצויינים בתורה וחסידות ויראת שמים. הם כולם (פרט להצדיק ר׳ משה מאיר ויזל זצ״ל שנפטר כמה שנים לפני השואה) מילאו מלאכתם עד רגעם האחרון כשנספו בשואה.


בתי־הכנסת

אנשי העיר רובם ככולם היו דתיים וקבעו מקום לתפילה בבתי הכנסת הרבים בעיר. תושבי העיר הקפידו בשמירת מצוות. לא היה בית שהמטבח לא היה בחזקת כשרות. לא היו מחללי שבת מלבד ספר אחד שפתח את המספרה בשבת ואז געשה ורעשה כל העיר. בתי הכנסת היו מקום תפילה ותורה ובהם השתקפו רבגווניהם של המתפללים מחוגים ושכבות שונים.

בית הכנסת המרכזי היה בנין ישן נושן עשוי עץ, כנראה היה הוא בית הכנסת הראשון וגם האחרון עד השואה בעיר. בחוץ לא הצטיין בית הכנסת בהידור רב אך תוכו מלא היה קדושה ורוממות. כאן התפללו חלק נכבד ומכריע של תושבי העיר. מובן שרבה של העיר עם נכבדי הקהילה התפללו בבית כנסת זה.

כל החגיגות לרגל אירועים ממשלתיים חגיגיים נערכו כאן. עבודתם הראשונה של הנאצים ימ״ש, היתה להרוס בית כנסת זה.

גם בית המדרש הראשון בעיר היה בנין ישן נושן של עץ. בבית המדרש לא הנהיגו שום חדש. חשמל לא היה בו התאורה היתה במנורות נפט, אך על יד מנורות הנפט לא פסק כאן קול התורה יומם ולילה. בשעות הבוקר המוקדמות התמלא בית המדרש ביהודים תמימים ויראים והראשונים ביניהם היו תמיד האופים שעם תום עבודתם בלילה באו ישר לבית המדרש לומר תהילים או ללמוד פרשת השבוע וכדומה, ובמשך כל היום כולל עד שעות מאוחרות בלילה ישבו בחורים אברכים ותלמידי החכמים ולמדו בהתעמקות ועיון. בבית המדרש הזה היו הרבה ספרים מספרי ראשונים ואחרונים, הרבה שסי״ם וכל מה שנחוץ ללימוד התורה בעיון. במשך הזמן נבנה בית מדרש חדש שהיה אח״כ לאחד הבנינים המפוארים בעיר.



בחורי בית־המדרש — בית־מדרש בחורים.

בית החסידים של גור

בבית החסידים של חסידי גור התרכז הכוח המאורגן ביותר בעיר. הם שהקימו את הבנין הענקי של בית הספר יסוד־התורה וחלק מהבנין שימש כשטיבל נוסף לחצר גדול.

כשליש מהאוכלוסיה היה חסידי גור בתוכם תלמידי חכמים גדולים ועסקנים ציבוריים מפורסמים. העיר משופעת היתה במפעלי תעשיה של טקסטיל וחלק נכבד של בעלי התעשיה עם פועליהם ובעיקר פועלי אריגה התפללו ב״שטיבל״ האוירה במקום היתה חסידית מובהקת.



צעירי זלוב — זעלעווער יונגעלייט.

אם מדברים על בית התפילה אין לעבור בלי להזכיר את הגבאי החביב של ״השטיבל״ ר׳ יעקב אבנר פיבלוביץ ז״ל. יהודי יקר בעל שאר־רוח שבמסירות עילאית יוצאת מהכלל. עשה פעלים למען ״השטיבל״. הוא היה סוחר עצים וכפי שסיפר לי נכדו ר׳ אברהם פייבלוביץ החי בארץ במושב בית אליעזרי בדרום (אגב, יהודי ירא ושלם וכמעט היחידי במושב המחנך בנים ובנות לתורה וליראת שמים)



קבוצת פועלי אגודת ישראל

כמעט שהסבא שלו לא התפשט בלילות. עד השעות המאוחרות בערבים ישב ב״שטיבל״. בבוקר השכם הקדים את האחרים ב״שטיבל״ וכך בילה לילות בתורה וימים בעסקי הכלל. בבית החסידים התרכזו כמעט כל תלמידי החכמים בעיר, ואזכיר רק אחדים מהם: הדיין ר׳ הניך קריגר זצ״ל מהפוסקים המפורסמים בכל הסביבה, ר׳ יצחק פריינד זצ״ל מחשובי הגאונים והחסידים, ר׳ ראובן דוד מורגנשטרן זצ״ל למדן ובקי בספרי ראשונים ואחרונים, אוצר בלום שידע בעל־פה כל ספרי החסידים, ר׳ משה ליב פוזנצבסקי חסיד מובהק. ועוד רבים דוגמתם שעל כל אחד מהם היה אפשר לכתוב ספר. מקום מיוחד ב״שטיבל״ היה לר׳ יעקב לוי ז״ל בעל בית חרושת גדול לטקסטיל מן היוזמים הראשונים של מעשי חסד וכל דבר שבקדושה. כל אוכלוסית העיר כולל לא יהודים התיחסו ליהודי הזה בכבוד הכי גדול, ר׳ משה ליברמן ז״ל (אבי העסקן הנודע ר׳ פישל ליברמן הי״ד שהיה ראש מועצת הקהילה העברית בלודז׳ חבר מועצת העיר בלודז׳).

ר׳ משה ליברמן קיבל אות הצטיינות מנשיא פולין מושציצקי בעד אזרחות טובה. ר׳ מרדכי קוזימינסקי בעל תפילה מהולל — יהודי פיקח וממולח. תלמיד חכם גדול עסק כל השנים בחינוך והדרכה. חלק נכבד מהתלמידי חכמים בעיר למדו אצלו, את ה״שטיבל״, מילאו אף פרחי החסידים אברכים, תלמידי חכמים ועל כולם הגאון ר׳ ישראל יעקב גרינפלד זצ״ל.

בית החסידים זה הטביע חותמו על חיי העיר לכל מכלול גווניהם.

בית החסידים אלכסנדר

״שטיבל״ גדול במרכז העיר התרכז גם כן חלק גדול ונכבד מתושבי העיר חסידי אלכסנדר היו פעילים בכל שטחי החיים. הקימו ישיבה לבחורים קול התורה נשמע ב״שטיבל״ מהבוקר עד הערב. אחרי פטירת רב העיר הגאון והצדיק ר׳ ישראל יעקב גרינפלד נתקבל בתור רב העיר הגאון והצדיק ר׳ יוסף דנציגר הי״ד, בן אחיו של האדמו״ר מאלכסנדר זצ״ל. הרב התחבב על כל חלקי העיר. מובן שחסידי אלכסנדר קיבלו כוח חזק עם התמנותו של הרב בכח הארגוני הרב שניחון בו ובפעליו המגוונים. הרב ז״ל היה מידידיה הנאמנים של צעירי אגודת ישראל בעיר וחיזק את ידיהם בעבודות הקודש. יש לציין כי הרב ז״ל בימי השואה קרא להתקוממות נגד המרצחים בכל האמצעים שבידינו. בית החסידים רדושיץ במרכז העיר, היה מקום תפילה של המוני יהודים תמימים בעלי לב חם לכל דבר שבקדושה. היו ביניהם גם עסקנים חשובים בכל השטחים כשהאדמו״ר מרדושיץ זצ״ל הרב הצדיק ר׳ חיים אשר פינקל ביקר בעיר — לבשה העיר חג. אין לתאר

את רוממות ההוד של ביקור כזה, רישום הביקור הזה הורגש ימים רבים והטביע חותמו גם על לא יהודים שהתפעלו מפניו הקורנות.

בית החסידים סטריקוב לא היה גדול בכמות אבל רב באיכות. מתפלליו היו תלמידי חכמים מובהקים אנשי תורה ויראה, בלטה בתוכם דמות של ר׳ אליעזר דוב שילית כתלמיד חכם עצום. מתפללי בית החסידים פעילים היו בחיים הציבוריים ובפרט בשטח החינוכי.

נוסף לבתי הכנסת ובתי המדרש הנ״ל התקיימו מניינים רבים בעיר וביניהם מניין גדול לצעירי אגודת ישראל ולפועלי אגודת ישראל.

מוסדות חינוך

בעיר התקיימו מוסדות חינוך מפותחים וביניהם בית ספר יסודי לבנים. זה היה בית ספר יהודי יחיד שהוכר גם ללמודים כלליים. רוב ילדי ישראל למדו בבית ספר זה שריכז בתוכו את טובי המלמדים והמורים. המנהל הראשון של בית הספר היה הרב הגאון ר׳ ישראל יהושע הרצברג זצ״ל ששימש אח״כ כאחד הרבנים הראשיים לתל־אביב.

התקיים גם בית ספר לבנות בית יעקב מיסודה של האשה המחנכת הידועה שרה שנירר זצ״ל. זה היה בית ספר בלעדי לבנות בעיר. המורות היו בוגרות הסמינר בית יעקב בקרקוב. חינוכו והשפעתו היו רבים ועצומים ועשו פרי הילולים. מלבד אלה התקיימו שיעורי תורה וחינוך בתנועות נוער דתיות כצעירי אגודת ישראל ופועלי אגודת ישראל. המוסדות האלה התנהלו בראשותו של ר׳ מיכאל רוזנזאפט בעצמו, תלמיד חכם ועסקן ממדרגה ראשונה ור׳ מרדכי מנדל גרניביץ ה׳ יאריך ימיו.

מוסדות דת

בעיר התקיימה חברה קדישא על יסוד התנדבות. הכבוד היותר גדול בעיר היה להיבחר כגבאי של חברה קדישא.

התקיימה בעיר מקוה טהרה בפיקוחה של הנהלת הקהילה ומשחטה לעופות בהנהלת השוחטים הנזכרים במאמרנו לעיל. בלי כל המוסדות האלה אין לתאר את חיי קהילה. בכל בתי התפילה התקיימו שמשים. כדאי להזכיר את הבולט בהם ר׳ דוד וולף זלוצבסקי ז״ל יהודי נמרץ ומלא מרץ.

כמו־כן פעלו מוסדות כלכליים ופילנטרופיים. כדאי להזכיר את ה׳ הבנק קופיצקי קרדיטובא מיסודה של אגודת ישראל. היו גם גמחי״ם רבים אם בכלל

בתי הכנסת ואם ע"י הקהילה היו גם קופות להכנסות כלה ולשאר ענייני חסד וצדקה.

ראשי הקהילה

1) ר' חיים ליברמן ז"ל מחסידי גור יהודי פיקח ועסקן ציבורי נכבד חרשתן בעל השפעה גדולה בעיר השתתף במשלחת שבאה לארץ ישראל בשנות העשרים במטרה לקנות אדמה לשם התיישבות דתית.

2) ר' משה גולדשטיין ז"ל יהודי מוכשר בכישורים וסגולות רבים פעיל בענייני ציבור בעל אוזן קשבת לצרכי הכלל והפרט היה לו בן יחיד אברך משי הרש איצה שהיה מחונן בכל המעלות ופעל הרבה בגיטו לודז' למען אחיו הסובלים.

3) ר' יצחק פרידמן יהודי בעל מעוף ומרץ יוצא מהכלל.

4) ר' מיכאל רוזנפט ת"ח נודע ועסקן נלהב היה חבר בועדה המדינית של אגודת ישראל העולמית.

5) נפתלי מאיר עסקן ציבורי מובהק שהתחיל כראש הקהילה ולבסוף שימש ראש מועצת היהודים (יודנרט) תחת הנאצים.

זאב שקופף

בני־ברק

הרב ר׳ ישראל יעקב גרינפלד זצ״ל

מפי אחד מבני עיר זלוב הרב יוסף פרסטר שיחי׳. הרב פרסטר הוא אחד משרידי ומזקני עיר זלוב שלמרות שעזב את העיר בדמי יומין בכל זאת זכורים לו דברים מעניינים מאד מהעיר ומצטיינים בדיוקם.

הרב פרסטר שהוא תלמיד חכם מובהק, גר כעת בזכרון־מאיר, בני־ברק. יושב ועוסק בתורה ומחבר ספרים.


הוא זוכר בדיוק את הרב הגאון ר׳ ישראל יעקב גרינפלד, רבה של זלוב מרגע שבא לעיר בערך בשנת תרמ״ח. הוא מספר כי הרב זצ״ל קיבל היתר־הוראה בגיל 18 מהגאון בעל „נפש חיה״ ותיכף הוצע לו לקבל את הרבנות בעיר פינטשנה ע״י רדומסק ושאל חוות דעתו של בעל „נפש חיה״ אז ענה לו הגאון: ״אם אתה לא תהיה רב מי כן צריך לשמש ברבנות״? כשהרב שאל את הגאון — ״מילא עם כשרות עוד ניתן עצה אבל מה יהיה עם דיני־תורה ממון של זה ביד זה?״ ענה הגאון — ״תתנהג כמוני, אני איני מוצא שום פסק בדיני תורה״. אח״כ סיפר הרב מזלוב שכבר 42 שנה רב ועוד לא הוציא פסק דין.

פעם כשהרב חזר מהאדמו״ר מגור ז״ל, נכנס לר׳ יוסף שהיה גר באותו זמן בוורשה ועל שאלתו איך היתה הנסיעה? — ״כשאני בא לשם, אני מקבל הרהור תשובה״ — ענה הרב.

בקמינסק ראה את הרב בוכה ועל שאלתו מה הסיבה, ענה הרב לר׳ יוסף — ״תלמיד שלי יעשה לי זאת? רצה שאתן לו היתר־הוראה ולא נתתי לו, נסע לזלושין להרב ושם כן קיבל היתר־הוראה״. מדובר על תלמידו ר׳ פייוויש אוברבוים ז״ל שנכנס עםהרב למחלוקות גדולות. ובזמן הזה לא היה לרב ממה לחיות והרבי מגור זצ״ל תמך בו תמיכה כספית.

פעם התבטא הרב ״יכולתי לתת לי עצה עם הרודפים, אבל כל זמן שהנני נמצא בחיים, אינני רוצה לעשות כלום״.

אחרי פטירת הרב, ביקר ר' פייוויש אצל הרבי מגור והאדמו"ר זצ"ל אמר לו "הכל היה בסדר עד שלא התחילו עם הרב וכעת, שהרב אינו בחיים, יש לפייס את האלמנה".




שלושה מכתבים אלה מהרה"ג והצדיק ר' ישראל יעקב גרינפלד זצ"ל אבד"ק זלוב, נכתבו אל הרב החסיד ר' יוסף זצ"ל יוסקוביץ מלודז.

2 בניו של הרה"ח ר' יוסף יוסקוביץ זצ"ל גרו כמה שנים בזלוב. 1. ר' מרדכי זצ"ל, שהיה חתנו של הרה"ח ר' חיים ליברמן זצ"ל. 2. יעקב צבי יוסקוביץ נ"י חתנו של הרה"ח ר' משה ליברמן זצ"ל (אחיו של ר' חיים הנ"ל) שנשאר בחיים אחרי השואה בחסדי השם. הוא ואשתו תחי' (בת ר' משה הנ"ל) נמצאים בישראל.

צילום המכתבים אלה נמסרו לנו באדיבות י. צ. יוסקוביץ


3 שנים אחר פטירתו של הרב, חלתה הרבנית והבן ר' נחמן נסע ללודז' להזמין רופא מומחה וכשחזר הביתה, אמרה הרבנית: "הנך יודע שאני כל כך חולה ואתה עוזב אותי לכל היום, טוב שאבא היה ושמש אותי". על שאלתו של



ב"ה יום א' פ' תצוה תשנ"ו לפ"ק בעלזא

שלום וברכה לכבוד ידידי הרה"ג החסיד
כש"ת מוהר"ר יוסף נ"י

אחדשה"ט, [illegible]



ב"ה יום ג' פ' תצוה [illegible] לפ"ק בעלזא

שלום וברכה לכבוד ידידי הרה"ג החסיד כש"ת
מוה"ר יוסף נ"י

[illegible]

הבן שבטח היא יודעת שאבא כבר 3 שנים אינו בחיים — ענתה הרבנית "אני כן יודעת ובכל זאת אבא היה כאן ואמר שתסע לר' יוסף פרסטר לוורשה ותבקש ממנו להזכיר אותי לטובה לפני הרבי מטשורטקוב זצ"ל".

ר' נחמן נסע לוורשה ודיבר עם ר' יוסף. הוא הזכיר אותה בפני הרבי מטשורטקוב. הרב נתן הברכה והרבנית הבריאה וחזרה לאיתנה.

אח"כ כשהיה ר' יוסף בוינה אצל האדמו"ר מטשורטקוב (שהי גר אז בוינה וסיפר להרבי שהרבנית חזרה לאיתנה, הרב זכר זאת טוב מאד ולא רצה לדבר על זה.

אחרי מלחמת העולם הראשונה כשר' יוסף היה בזלוב שאל את הרב איך היה במלחמה ? "לחם היה — ענה הרב — וגם בשר לשבת, אז מה היה חסר ?" פעם כשישבו ביחד (הרב עם ר' יוסף) ביקש הרב סליחה ממנו והסביר שהוא צריך ללכת להכשיר המקווה. זה היה בערב ראש־השנה וכל יהודי זלוב הלכו לטבילה והיה צורך להחליף המים המלוכלכים.

את החלפים של השוחטים בדק בקפדנות יוצא מהכלל. מהשוחטים לא רצה לקבל שום מתנות, מחשש שוחד. כשהעירו לו פרנסי־העיר : "איך זה ? בטח לכבוד הרב נחוצה "יוביצה" חדשה" — ענה להם הרב : "אם הפרנסים רוצים שלרב שלהם תהיה יוביצה חדשה, שיקנו זאת מכספי הקהל ולא מכסף של השוחט".

כשבאו לר' מנדל אלתר ז"ל מפאביאניץ (אחיו של האדמו"ר מגור) לקבל היתר־הוראה, שלח אותו לזלוב לרב העיר. והרב החזיק את המועמד חדשיים בביתו, למד אותו ובחן, וכשמצא שיש מקום לתת לו היתר־הוראה, נתן לו בתנאי שלא יפסוק בהלכות נידה.

במקרה מסויים החזיק והתעניין בשאלה אחד קרוב לחצי שעה "לאסור קל מאוד" — ענה לאחד המבקרים.

לרב מזלוב קיימת טבלת זכרון בישיבת חכמי לובלין בזכרון־מאיר בני־ברק.

לר' יוסף פרסטר נשארו לזכרון מהרב ז"ל הטלית שהוא מתפלל בו ביום־כפור וגם התפילין של רבינו־תם.

סבי ר' שיעלה (יהושע) ליסנר זצ"ל

אב־טיפוס, דיוקן של ישיש מיקירי זלוב העיירה, עדין נפש ואציל־רוח אוהב תורה ולומדיה, איש תורה ויראה, אשר בשקידתו וביגיע כפיו בנה בזלוב בית לתפארת. משפחה מסועפת ונרחבת אילן רב



ר' יהושע ליסנר זצ"ל

פארות שורשיו עמוקים וענפיו — מרובים. ר' שיעלה ליסנר בנה נדבך נוסף לבנינה הרוחני של זלוב.


ת. נ. צ. ב. ה.

חיה יוסטמן

אברהם מנדל קליין

היהודי הלבבי מרדכי שרצקי ז"ל

הצירוף הנפלא של הפטריוט הגדול, המסירות והלבביות של החבר מרדכי שרצקי היתה ידועה לא רק בחוגים שלנו או בזמן שהוא היה בזלוב. אפילו בשנים המאוחרות שמו היה דרך־ארץ וכבוד.



מרדכי שרצקי


מרדכי היועץ הנפלא ומארגן נפלא, האידיאליסט ויהודי יקר, רשם תקופה נפלאה בעיירה האומללה שלנו עם דאגתו לישוב, עם מלחמתו העקשת להביא

את עיירתנו בדרך חדשה הוא נרשם בראש העסקנים היהודים וסבלות היהודים היו סבלותיו הוא.

מסירות בלי גבול ואהבה וגעגועים לארץ ישראל, לוו אותו עד יומו האחרון.

* * *

מרדכי הגיע אלינו מלאסק ואחרי החתונה עם אשתו רחל ז״ל הוא התיישב בזלוב ושאב פרנסה מחנות ברזל שהיתה לו בשוק. למרות שהיה לו היתר־הוראה, הוא בחר בפרנסה כסוחר.



רחל שרצקי

בהיותו מחסידי גור והתפלל ״בשטיבל״ של חסידי גור, היה לו מבט רחוק בנוגע לעתיד וסכויי קיום של הישוב ובעיקר בנוגע לגורל הנוער היהודי. הוא יסד ועדה שאליה נכנסו חוץ ממנו, יהושע לוסטיגמן, יעקב אבא ועסקנים אחרים שיסדו ספריה. הנוער התחיל בהתלהבות לקרוא ספרים, מתעניין בבעיות שונות ומתחיל להיות עצמאי במעשיו.

זמן רב זה לא יכול היה להיות סודי בעיקר בעיירה כזו כמו זלוב וב"שטיבל" נודע שמרדכי עזב את דרך הישר ונהיה חס־וחלילה אפיקורס וציוני. החסידים מתחילים לרדוף אותו עד שהוא עוזב אותם. עכשיו מראה מרדכי את כשרונו וגישה בריאה לבעיות. היוזם המוכשר מופיע עם נאומים ותעמולה למען ציון וקורא להתרמות למען קרן־קיימת וקרן־היסוד. לעתים קרובות הוא נואם בבית־הכנסת או בית־המדרש במקום שהוא רוכש הרבה חברים מבין המתפללים לתנועה הציונית.



חיים אהרן שרצקי

בשנים 1915—16 בזמן הכיבוש הגרמני הוא יוזם להקה דרמטית ומשתתף בה כשחקן ובמאי והיה הרוח החיה בכל ההופעות. עם הרבה כשרון ומרץ הוא עובד בכל עבודה צבורית עד שהוא עולה לארץ־ישראל.

* * *

.1924

בעיירה חג גדול. המחנך ומארגן שלנו מהתנועה הציונית, מרדכי שרצקי עם משפחתו (אשתו רחל ושני בניו חיים אהרן ואברהם משה) עולים לארץ־ישראל.

כל העיירה מלווה אותם בחגיגיות ועם תזמורת ושירה. הצעירים קישטו את האופניים שלהם עם סרטים כחול־לבן ודגלים ובהתלהבות והתרגשות נפרדים ממנהלם ויועצם.

אחרי נסיעתו כולם התגעגעו אליו, העיירה מתחילה לחיות ולנשום עם ארץ־ישראל. האוירה מגיעה גם לשורות החסידים. מתחילים לנסוע לרבי להתייעץ ובקבלם את ברכת הרבי מתחילים להתכונן לעליה. חדשיים אחרי נסיעתו יוצא לדרך מרדכי מנדל גרנוביץ עם משפחתו. נוסעים גם הרש ליב שיווק, אהרן פיירמן, אחיו משה וגיסו הרב הרצברג (גיסו של מרדכי שרצקי) האחים מאיר ואחרים.

בשנת 1929 עולה החלוץ הראשון מהעיירה נתן יונה גולדמינץ (היום נתן דינרי מכפר־סבא) אחרי שעבר הכשרה חלוצית הוא מקבל סרטיפיקט.

* * *

זמן קצר אחרי עלייתם לארץ־ישראל, קורה למשפחת שרצקי אסון, הבן הבכור חיים אהרן, צעיר מוכשר ואינטיליגנטי חלה פתאום ונפטר.

גם ידידנו היקר מרדכי לא זוכה לראות את ארצנו המשוחררת ומשגשגת, הארץ שהוא כל כך אהב בכל רמ״ח אבריו. בשנת 1948 בעת מלחמת השחרור, בעמדו ליד חנותו ברחוב נחלת־בנימין בתל־אביב, הוא נופל קרבן מכדור מרצח ערבי.

המלוה המסורה שלו, אשתו רחל, נפטרה אחרי כמה שנים אצל בנו אברהם משה ברמת־גן. מיידיש: אברהם שרצקי, רמת־גן.

אברהם מענדל קליין
תל־אביב

דער הארציקער ייד מרדכי שעראדזקי ז״ל

דאָס נאָבעלע געשטאַלט פון דעם פלאַמיקן פּאַטריאָט, פון האַרציקן און איבערגעגעבענעם חבר מרדכי שעראַדזקי, איז געווען באַקאַנט נישט נאָר ביי זיינע קרייזן אָדער אינדערצייט ווען ער איז געווען טעטיק אין זעלעוו. אפילו אין די שפּעטערדיקע יאָרן האָט זיין נאָמען ארויסגערופן דרך ארץ און פאַרערונג.

מרדכי, דער מיטרייסנציקער אָראטאָר און גלענצענדער אָרגאַניזאַטאָר, דער אידעאַליסט און טייערער ייד, האָט אַריינגעשריבן אַ הערלעך קאַפּיטל פון אונדזער אומגעבראַכט שטעטל. מיט זיינע זאָרגן פאַרן ישוב, מיט זיין עקשנותדיקן קאַמף ארויפצופירן אונדזער שטעטל אויף נייע שליאַכן, נייע וועגן, האָט ער זיך פאַרשריבן אין דעם סאַמע אויבן־אָן פון יידישע עסקנים פאר וועמען יידישעליידן זענען געווען זייערע אייגענע ליידן.

אויבערגעגעבנקייט אָן גרענעץ און אומשאַצבארע ליבע צום אויסגעבענקטן ארץ־ישראל — האָט אים באַגלייט ביז זיינע לעצטע טעג.

* * *

אָנגעקומען איז מרדכי פון לאָסק און נאָך דער חתונה מיט זיין פרוי רחל ז״ל באַזעצט ער זיך אין זעלעוו און שעפּט זיין פרנסה פון אַן אייזן־געשעפט וואָס ער האָט געהאַט אין מאַרק. כאָטש ער האָט געהאַט היתר־הוראה, קלויבט ער בעסער אויס זיין פרנסה אלס סוחר.

נאָך זייענדיק אַ גערער חסיד און דאַוונדיק אין גערער שטיבל, האָט ער געהאַט אַ ווייטן בליק וועגן דער צוקונפט און עקזיסטענץ־אויסזיכטן פונעם ישוב, איבערהויפּט וועגן גורל פון דער יידישער יוגנט. אין דער אַ צייט שאַפט ער (שטרענג געהיים) אַ קאַמיטעט אין וועלכן סגייען אַריין, חוץ אים, יהושע

לוסטיגמאַן, יעקב אבא און אַנדערע טוער וועלכע אָרגאַניזירן אַ ביבליאָטעק. די יוגנט האָט מיט התלהבות אָנגעהויבן לייענען ביכער, פֿאַראינטערעסירט זיך מיט פֿאַרשידענע פּראָבלעמען און אָנגעהויבן ווערן געזעלשאַפֿטלעך טעטיק.

לאַנג האָט דאָס נישט געקאָנט בלייבן קיין סוד, איבערהויפּט אין אַזאַ שטעטל ווי זעלעוו און אין גערער שטיבל איז מען געוווּיר געוואָרן אַז מרדכי איז אוועק פֿון דרך הישר, געוואָרן חס וחלילה אַן אַפּיקורס, אַ ציוניסט. די חסידים הויבן אָן אים רודפֿן ביז ער פֿאַרלאָזט זיי. איצט באַווייזט זיך שוין מרדכי מיט זיין טאַלאַנט און פֿעאיקייטן אין דער עפֿנטלעכקייט. דער באַגאַבטער אָראַטאָר טרעט אַרויס מיט ציוניסטישע רעפֿעראַטן און פֿאַרלעזונגען, פּראָפּאַגאַנדירט די ציון־אידעע און רופֿט אַנטייל צו נעמען אין די באַשטייערונגען פֿון קרן־קימת און קרן־היסוד. זייער אָפֿט טרעט ער אויס מיט רעפֿעראַטן אין דער שיל אָדער אין בית־המדרש ווו ער געווינט אַ גרויסן טייל פֿון די מתפּללים פֿאַר די ציוניסטישע פֿאָנדן.

אין די יאָרן 1915־16, בעת דער דייטשער אָקופּאַציע, שאַפֿט ער די טיי־האַלע און דעם דראַמאַטישן קרייז ווו ער נעמט אָן אַנטייל אַלס אַרטיסט ווי אויך אַלס רעזשיסער און ער איז געווען דער לעבעדיקער גייסט פֿון אַלע אונטערנעמונגען.

אומדערמידלעך, מיט פֿלייס און ענערגיע פֿירט ער אָן מיט אַלע געזעלשאַפֿט־לעכע אַרבעטן ביז ער איז עולה קיין ארץ־ישראל.

* * *

.1924

אין שטעטל איז אַ גרויסער יום־טוב. אונדזער דערציער און אָרגאַניזאַטאָר, פֿאָרזיצער פֿון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע מרדכי שעראַדזקי מיט זיין פֿאַמיליע (פֿרוי רחל און צוויי זין חיים אהרן און אברהם משה) זענען עולה קיין ארץ־ישראל. ס׳גאַנצע שטעטל באַגלייט זיי פֿייערלעך מיט מוזיק און געזאַנג. די יוגנטלעכע האָבן פֿאַרפּוצט זייערע ראָווערן מיט בלוי־ווייסע בענדער און פֿענער און מיט ענטוזיאַזם געזעגענען זיי זיך מיט זייער פֿירער און וועגווייזער.

נאָך זיין אָפּפֿאָר זענען אַלע געוואָרן באַהערשט פֿון אַ בענקעניש. ס׳שטעטל הויבט אָן לעבן און עטעמען מיט ארץ־ישראל. די שטימונג דערגרייכט אויך צו די חסידישע ספֿערן. מ׳הויבט אָן פֿאָרן צום רבין זיך אָן עצה האַלטן און באַקומענדיק דעם רבינס ברכה, הויבן זיך חסידים אָן צו גרייטן צו דער עליה. צוויי מאָנאַטן נאָך זיין אַוועקפֿאָרן לאָזט זיך אין וועג אַריין מרדכי מענדל גראַניעוויטש מיט זיין פֿאַמיליע. עס פֿאָרן אויך הערש לייב שיוועק, אהרן פֿייערמאַן, זיין ברודער משה

און שוואַגער, הרב הערצבערג (מרדכי שעראַדזקיס שוואַגער), די ברידער מאיר און אַנדערע.

אין יאָר 1929 איז עולה דער ערשטער חלוץ פון שטעטל נתןיונה גאָלדמינץ (היינט נתן דינרי פון כפר־סבא). נאָכן אַדורכמאַכן אַ חלוצישע הכשרה, באַקומט ער אַ סערטיפיקאַט.

* * *

אַ קורצע צייט נאָך זייער אָנקומען קיין ארץ־ישראל, טרעפט דער פאַמיליע שעראַדזקי אַן אומגליק. דער עלטסטער זון חיים אהרן, אַ יונגער, באַגאַבטער און אינטעליגענטער בחור ווערט פלוצים קראַנק און שטאַרבט אַוועק.

אויך אונדזער טייערער פריינט מרדכי האָט נישט זוכה געווען צו זען דאָס בליענדיקע, זעלבסטשטענדעקע לאַנד וואָס ער האָט אַזוי שטאַרק ליב געהאַט מיט אַלע זיינע רמ״ח איברים. אין יאָר 1948 בעת דער באַפרייונגס־מלחמה, שטייענדיק ביי זיין געשעפט אויף דער נחלת בנימין גאַס אין תל־אביב, פאַלט ער אַ קרבן פון אַן אַראַבישער קויל.

זיין טרייע לעבנסבאַגלייטערין רחל איז געשטאָרבן זייענדיק אין די עלטערע יאָרן ביי זייער זון אברהם משה אין רמת־גן.

נתן דינרי

ווען יידיש זעלעוו האט געלעבט...

די ווייטערדיקע פאַרצייכענונגען זענען נישט קיין אויסשעפנד בילד וועגן זעלעווער יידישן לעבן. דאָס זענען דערינערונגען ביז מיין עליה קיין ארץ־ישראל, ד. ה. ביזן יאָר 1929. אין די לעצטע צען יאָר, ביז 1939, האָט זיך דאָס לעבן אין יידישן זעלעוו פונאַנדערגעוואַקסן אויפן געביט פון געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט און ס'איז אויך רייכער געוואָרן די גאַלעריע פון עסקנים און כלל־טוער.

איך האָף אַז אונדזערע לאַנדסלייט וועלכע האָבן זיך דאָרט געפונען ביז די לעצטע טראַגישע טעג, וועלן דערגענצן די אָנגעשריבענע דורך מיר זכרונות.

פון טראַדיציאָנעלן לעבנס־שטייגער

די שיל


די שיל איז געווען אַן אָביעקט וואָס האָט באַגלייט דאָס יידישע לעבן פון סאַמע געבוירן ביזן אָוועקגיין אין עולם האמת. אויב אַ קימפעטאָרין איז געגאַנגען שווער צום קינד, איז דאָס ערשטע געווען צו לויפן אין שיל בעטן. אויב אַ קינד איז געבוירן געוואָרן צום גדליה, האָט מען דעם ברית געפּראַוועט יום־כיפור אין שיל. ווען אַ יונג פּאָרפאָלק האָט מיט מזל געשטעלט אַ חופה, האָט זיך דאָס גאַנצע שטעטל דאָרט געטראָפן. תשעה באב איז פאַר אונדז קליינוואַרג געווען אַ גאָר וואָזשנע אַטראַקציע ווען מ'האָט געשלעפּט טישן מיט בענקלעך צו דער שיל און פאַרשטייט זיך אַז צוריקגעבראַכט האָט מען דאָס מעבל צעבראָכן און צעהאַקט. דאָס זעלבע בעת אַ בר־מצוה אָדער ווען אַ ייד איז ניצול געוואָרן פון אַ צרה, האָט ער געבענטשט גומל אין שיל. יונגעלייט, פּריזיוויניקעס, וואָס האָבן געוואַרט אויף אַ נס זיי זאָלן באַפרייט ווערן פון מיליטער, האָבן דאָרט גאַנצע נעכט געזאָגט תהילים. אַז אַ ייד האָט געהאַט טענות צו עמיצן אָדער ער האָט געהאַלטן אַז דער עטאַט פון צאָלן שטייערן פאַר דער יידישער קהילה איז נישט ריכטיק אָפּגעשאַצט

און מ׳דאַרף זיך אָפּרעכענען מיט אַ דאַזאַר, ווו האָט מען זיך אָפּגערעכנט און ווו האָט מען געגעבן קלעפּ? טאָקע אין שיל...

אויב ס׳איז עמיץ ר״ל נפטר געוואָרן, זענען די קרשים געוואָרן געשניטן אין שיל און אויך דער בר־מינן איז געוואָרן דאָרט אַהינגעפירט. אַלס האָט זיך געדרייט אַרום דער שיל. ראש־השנה צום שופר בלאָזן אָדער שמחת־תורה צו די הקפות, האָבן זיך דאָרט געטראָפן אַלע יידישע מיידלעך פון שטעטל.

רבנים

דער ערשטער רב אין שטעטל איז געווען הרב וויינבערג. ער איז געוואָרן באַשטימט נאָך דעם ווי זעלעוו איז געוואָרן אומאָפּהענגיק פון לאָסק. ער איז געווען



הרב וויינבערג זצ״ל
ערשטער זעלעווער רב, גרינדער פון דער יידישער קהילה

רב נישט אין מיין צייט. דער זיידע פלעגט מיר זייער פיל דערציילן וועגן דעם גרויסן תלמיד חכם און יראת־שמיים. ער איז אויך געווען באַרימט מיט זיינע קלוגע עצות. מען דערציילט אַז איינמאָל איז אַ ייד געקומען פרעגן אַן עצה וועלכן

פעלער זאָל ער מאַכן זיין זון בכדי ער זאָל באַפרייט ווערן פון מיליטער, האָט דער רב אים געפרעגט: ווען דיין זון איז געבוירן געוואָרן און האָסט געזען אַז אַלע גלידער זענען ביי אים נאָרמאַל ווי ביי אַלע קינדער, ביזטו געווען צופרידן? זיכער — האָט דער ייד געענטפערט. אויב אַזוי — האָט דער רב ממשיך געווען — ווי שעמסטו זיך נישט צו פרעגן ווי צו מאַכן פון קינד אַ קאַליקע מיט די אייגענע הענט? זאָלסטו פון דעם אַפילו נישט קלערן. ער האָט אויך געהאַט אַ חוש פאַר הומאָר. איינמאָל בעת דער בעל־תקיעה האָט זיך געגריבלט אין סוד פון שופר בלאָזן, האָט דער רב געעפנט דעם מחזור און געוויזן אי סדי ראשי־תיבות ש. ב. וועלכע געפינען זיך ביי אַ געוויסער תפילה. דאָס איז דער סוד, זאָגט אים דער רב, שופר — בלאָז, און גריבל זיך נישט...

נאָכן הרב וויינבערג איז געווען רב אין שטעטל הרב גרינפעלד. דיינים זענען געווען ר׳ פייוויש אַבערבוים פון די אַלעקסאַנדערער חסידים און ר׳ הענעך לוטאָ־מיערסקער פון די גערער.

ווען ביי ר׳ פייווישן זענען אַוועקגעשטאָרבן צוויי פרויען, האָבן די גערער עס אויסגעטייטשט אַז עס איז אַ שטראָף מן השמים ווייל ער איז געוואָרן דיין פון די אַלעקסאַנדערער חסידים.

שוחטים

די ערשטע שוחטים וואָס איך געדענק, זענען געווען: ר׳ משה מאיר וויזעל, אַדער ווי מ׳האָט אים גערופן דער אלטער שוחט און יידל הענעך — דער יונגער שוחט.

ר׳ משה מאיר איז געווען אַ ייד אַ חכם און מיט גוטע מידות. ער פלעגט נישט רופן די מענטשן מיט זייערע צונעמענישן ווי ס׳איז געווען אָנגענומען אין שטעטל, נאָר ביי זייערע ריכטיקע נעמען. אין די יום־טובים האָט ער אויך גע־דאוונט פאַרן עמוד מיט אַ כאָר. ר׳ יידל הענעך איז געווען א גערער חסיד און אַ זייער אָפּגעהיטענער ייד. ער האָט געהאַט זיינע ספּעציפישע דרכים. ביים לייענען די מגילה, צוקומענדיק צו „המן״, האָט ער זיך נישט פאַרלאָזט אויפן יונגוואַרג וועלכע האָבן גערעשט און געגרעגערט נאָר אַליין צוגעטאַפּעט מיט די פיס. דאָס זעלבע ביי „שמע ישראל״ — האָט ער פאַרמאַכט די אויגן און געטאַפּעט אין פאַדלאָגע. ווי געזאָגט — זיינע דרכים און זיין סוד. ליצים פלעגן זאָגן אַז ווען ער שעכט אַן עוף איז עס שוין טויט פאַר דער שחיטה. כ׳דערמאָן זיך איינמאָל אין אַ ווינטער האָט ער געשאָכטן אַ בהמה אין דער שטוב פון אַ קצב (קיין שעכט־הויז

איז דעמאָלט נאָך נישט געווען) האָט ערביים בודק זיין די בהמה, געהאַלטן אַ לענ־גערע צייט די האַנט אינוויינינק, האָט אים דער קצב געפרעגט מיט ציטערניש: ר׳ יידל הענעך, פאַרוואָס האַלט איר אַזוי לאַנג די האַנט אינוויינינק? ס׳איז מיר פשוט דאָרט וואַרעם — האָט ער געענטפערט...

ער האָט זייער אַכטונג געגעבן אויף צניעות. אויב אַ מיידל איז געקומען מיט אַן עוף און זי איז געגאַנגען אין קורצע אַרבל, האָט ער נאָכן שעכטן, זי באַ־שפריצט מיט בלוט און נאָכגעשריגן: חצופה! חצופה!..

ער איז אויך געווען זייער עקסטרעם. ווען יהושע לוסטיגמאַן האָט פאַרלאָזט פוילן, האָט מען אים שבת מכבד געווען מיט אַן עליה און יהושע אַלס ציוניסט האָט געוואָלט מאַכן אַ מי שברך פאַרן ד״ר חיים ווייצמאַן. אויף דעם האָט ר׳ יידל הענעך בשום אופן נישט מסכים געווען. פאַרשטייט זיך אַז ס׳האָט זיך געמאַכט היימלעך. אָבער יהושע האָט נישט מוותר געווען כאָטש אויך דער רב האָט זיך אריינגעמישט לטובת יידל הענעכן. דער סוף איז געווען אַז אַ צווייטער בעל־קורא פון בית־המדרש האָט געמאַכט דעם מי שברך.

ווען ר׳ משה מאיר האָט איבערגעגעבן די שחיטה, האָט דעם אמט איבערגענומען זיין זון ר׳ בינם און נאָך זיין פטירה (ער איז אין אַ קורצער צייט נפטר געוואָרן) איז אָנגעקומען אַ יונגער שוחט, שוין מער אַ וועלטלעכער, אויף „פּראָבע״ אָבער ער איז נישט פאַרבליבן.

געווען אויך אַ שוחט ר׳ משה מענדל צוקער, אַן אַלעקסאַנדערער חסיד, גע־לייענט דעם „היינט״ און אויך געדאַוונט מיט אַ כאָר און זייער אויסגענומען ביים קהל. מ׳דערציילט אַז אַ פרוי, זייענדיק שטאַרק צופרידן פון זיין דאַווענען און ווילנדיק אים אָפּדאַנקען, האָט אים געווונטשן: ר׳ משה מענדל, איר זאָלט זוכה זיין איבעראַיאָרן צו האָבן ס׳ליכטיקע גן־עדן...

מיינע ברידער האָבן מיר דערציילט אַז ווען דער פאָטער ז״ל איז נפטר געוואָרן, האָט ער זיך געווונטשן צו זיין אונדזער פאָטערס שכן. זעט אויס אַ זער האָט פאַר־געפילט אַז ס׳וועט קומען אַ צייט ווען נישט אַלע וועלן האָבן די זכיה געבראַכט צו ווערן צו קבר־ישראל.

מוהלים

אַלע מוהלים פון שטעטל, ר׳ משה מאיר שוחט, ר׳ משה לייב און ר׳ הענעך טראַובע, האָבן אַדורכגעפירט זייער אַרבעט נישט על מנת לקבל פרס. נישט געזוכט חלילה קיין כבוד. געטון עס אַלס מצוה, לשם שמים.

בעלי־תפילות

אין גערער שטיבל זענען די בעלי־תפילות געווען: שמאי קלוג, מרדכי מענדל גראנאָוויטש׳ס שווער, משה ליבערמאַן און מרדכילע מלמד אָדער ווי מ׳האָט אים גערופן, מרדכעלע ווידאָווער. שמאי קלוג פלעגט אויך „אריינכאַפּן״ אַ נעילה אין בית־המדרש. מדרכעלע ווידאָווער פלעגט אין חודש אלול זיך אַריינכאַפּן קיין גער ברענגען עפּעס אַ נייעם „מאַרש״ און פון אָנהויב חודש האָט ער זיך פאַר־בינדן דעם האַלדז מיט אַ וואַלענע פאַטשיילע, ער זאָל זיך חלילה נישט פאַרקילן.

אין בית־מדרש האָבן געדאַוונט ר׳ איטשע מאיר לעווין און ר׳ הירשל גליק.ביידע מיט האַרציקע שטימען. ער זענען אויך געווען בעלי־תפילות: וואָלף שבתאיס אָדער וואָלף ראַטנבערג, יצחקל פרינט און הערשל שוסטער.

ש מ ש י ם

מרדכעלע שמש. חוץ דעם אַמט אַלס שמש, האָט ער אויך געהאַט די אויפ־גאַבע צו רופן פרייטיק פאַרנאַכט און שבת אין דער פרי אין שיל אַריין. ער פלעגט אויך רופן דורך קלאַפּן מיטן האַמער אין די טירן אָדער פענצטער אין מיטן דער וואַך. אויב ער האָט געגעבן דריי קלעפּ איז אַלץ געווען אין אָרדנונג און ביי צוויי קלעפּ, האָט מען געוווּסט אַז ס׳האָט עפּעס פּאַסירט — עמיץ איז נפטר געוואָרן.

משה פייוול שמש פלעגט זיך אויך צוכאַפּן צום ברעטל, געווען בעל־מתחיל אין שיל.

ווען ער איז נפטר געוואָרן, האָט זיין זון אברהם איבערגענומען דעם אַמט.

זעלעווער מלמדים

ווי ס׳איז געווען אָנגענומען, האָט מען קינדער פון 4 יאָר „אָנגעדינגען״ אין חדר בכדי צו 6 יאָר זאָלן זיי שוין קאָנען לערנען חומש. פון די ערשטע דרדקי־מלמדים איז געווען מיין עלטער־זיידע אביגדור. מ׳האָט אים גערופן „פּיקסלשוואַנץ״. פאַרוואָס אַזאַ נאָמען — ווייס איך ביז היינט נישט. די וווינונג איז באַשטאַנען פון איין צימער. דאָס איז געווען דאָס עס־צימער, שלאָף־צימער און פאַרשטייט זיך ס׳חדר. קיין לאָמפּ צום באַלייכטן איז נישט געווען. די באַלויכטונג איז באַשטאַנען פון לאַנגע, אָנגעצונדענע שפּענער, וועלכע האָבן געברענט ביים קאַמין. פאַר־שטייט זיך אַז דער רויך האָט זיך לייטיש געפילט אין שטוב. שבת און יום־טוב איז געוואָרן אָנגעצינדן חוץ די ליכטלעך אויך קנייטלעך אין אַ גלאָז אייל. צו

די דרדקי־מלמדים האָט אויך געהערט אברהם מלמד, אַ ייד אַן אביון. אין איין צימער האָבן זיך געפונען חוץ די תלמידים, 7 נפשות, בתוכם דריי גייסטיק־קראַנקע. אַ נס נאָך וואָס זיין פרוי, די רביצן, האָט אים צוגעהאָלפן אין דער פרנסה. זי האָט געלערנט מיט מיידלעך אלף־בית און געזאָגט מיט זיי „מודה אני" און געלערנט מאַכן אַ ברכה.

יעקב מאיר. ביי אים האָב איך אויך געלערט. זומער־צייט איז נאָך געווען צו דערליידן אָבער ווינטער איז פשוט נישט געווען קיין אָרט פאַר אַלע תלמידים. חוץ דעם חדר האָט ער געמאַכט מעטריקעס פאַר יידישע קינדער. זיין ווייב ראָצע האָט צוגעהאַנדלט מיט מאַנופאַקטור, פאַרקויפט אויף אויסצאָל, ד. ה. אויף ראַטעס.

די גרעסטע שמחה איז געווען ווען עמיצער פון די פאַרמעגלעכע עלטערן האָבן געמאַכט זייער קינד אַ חומש־סעודה. דאָס איז געווען אַ געשעעניש אין שטעטל.

דער ווייטערדיקער עטאַפּ איז געווען — מלמדים פון חומש־רש"י.

נח קליג. חוץ חומש מיט רש"י, אויך אָנגעהויבן אַ שטיקל גמרא.

אברהם יצחק. ס'קליינע מלמדל. ביי אים האָב איך געלערנט ווי אויך געגעסן ווייל מיר האָבן געוווינט הינטער דער שטאָט. יעדן אויף דער נאַכט איז מיין פאָטער געקומען מיך אַהיים נעמען. ספּעציעל איז מיר געבליבן אין זכרון זיין פרוי, די רביצין. איר איבערגעגעבנקייט און ליבשאַפט צו אונדז קינדער איז נישט צו באַשרייבן. זי האָט זיך געפירט מיט אונדז ווי אַן אמתע מאַמע. פורים־צייט ווען מ'האָט אויפגעהערט צו לערנען אויף דער נאַכט, האָט זי פאַר אונדז געמאַכט אַ חגיגה פון די קאָפּיקעס וואָס מיר האָבן געזאַמלט פון אָנהויב ווינטער, נישט פאַרדינענדיק דערביי.

גוטמאַן פרענקעל און דער געלער משה. ערשטע גמרא־־מלמדים. דער אָנ־הויב־וועג פון ווערן זעלבסשטענדיקע לערנער.

דער זלאַטשעווער. ביי אים האָט מען שוין געלערנט אַ ביסל תוספות. אַן ערנסטער מלמד, האָט געהאַט אַ גוטן שם אין שטעטל.

דער גרויסער יצחק. געווען אויף דער זעלבער מדרגה ווי דער זלאָטשעווער. דעם זעלבן נוסח פון לערנען.

מרדכעלע ווידאַווער. געווען אויך אַ בעל־תפילה. זיינס אַ תלמיד האָט שוין געקאָנט לערנען אַ שיעור אין בית־מדרש.

הערשל קלמן יעקב'ס. זייער אַ שטרענגער מלמד. ביז דאָנערשטיק איז נאָך געווען צו דערליידן, נאָר טאָמער האָט מען דעמאָלט נישט געקאָנט דאָס שטיקל

גמרא מיט תוספות, זענען געפלויגן נישט בלויז פעטש נאָר אויך ס׳געפעס פון שטוב...

ר׳ יצחק. אַ בן־תורה און אַ מופלג. אַ ייד וואָס האָט נישט געוווסט קיין צורת־המטבע. געלערנט לשמה און נישט גענומען קיין שכר־לימוד. נישט אַלע האָבן זוכה געווען ביי אים צו לערנען, די עלטערן פון די קינדער פלעגן געבן מתן־בסתר. זיין פרוי האָט צוגעהאָלפן צו דער בידנער אויסקומעניש, האָבנדיק אַ מאַנגעל צו וועש.

וועלטלעכע לימודים

חוץ ביי די מלמדים, האָבן טייל קינדער אויך געלערנט פויליש און רעכענען ביי יענקל לערער. מיין פאָטער האָט אים באַצאָלט 25 רובל (אַ היפּשע סומע אין דער דעמאָלטיקער צייט). לאַנג האָב איך ביי אים נישט געלערנט. איך האָב פאַר־לאָזט נאָכן באַקומען אַ פּאָר פייערדיקע פעטש.

עס זענען אויך אָרגאַניזירט געוואָרן קורסן צו לערנען העברעאיש, אָרגאַניזירט דורך מרדכי שעראַדזקי. דער ערשטער לערער איז געווען מרדכי אַלעי פון לאַסק. דערנאָך איז געקומען (אויך פון לאַסק) זאב בירנשטיין. ער האָט אויך אנטיילגע־נומען אין געזעלשאַפטלעכן לעבן ווי אויך געשפּילט טעאַטער („חסיה די יתומה״). עס זענען אויך געווען די לערער פּיני לעווין און ראָכנבערג, דער לעצטער איז אויך געווען לערער אין דער רעגירונגס־שול פאַר קריסטלעכע קינדער. איך האָב אויך באַזוכט די אָוונט־קורסן אין דער פּוילישער שולע. ווען די מוטער האָט זיך דערוווסט דערוועגן, האָב איך אָריינגעכאַפּט אַ לייטישע פּאַרציע פאַר דעם, וואָס כ׳לערן אין איינעם מיט שקצים און שיקצעס...

תהילים־זאָגער

פאַר דער חברה תהילים־זאָגער האָט נישט געפעלט קיין אַרבעט, ווען האָבן זיך דען יידן נישט גענויטיקט אין אַ קאַפּיטל תהילים ? אויב אַ פרוי איז געגאַנגען שווער צום קינד, איז מען געלאָפן אין שיל זאָגן תהילים. איז עמיץ חלילה קראַנק געוואָרן און די מעדיצין איז שוין געווען אומבאַהאָלפן — פלעגט מען ארויס צום בית־עולם, רייסן קברים און זאָגן תהילים. אויב דער קראַנקער איז אַוועק בדרך כל האדם, האָט מען געזאָגט תהילים לעלית נשמתו. וועגן יום־כיפור איז דאָך שוין אָפּגערעדט. ביי יעדער הפסקה, פון כל־נדרי ביז נעילה — האָט מען אָריינגע־כאַפּט אַ פּאָר קאַפּיטלעך תהילים. יעדער ייד, בן־תורה און סתם עמך האָבן געהאַלטן תהילים פאַר דער בעסטער תרופה אויף אַלע צרות.

כ׳בין איינמאָל געווען אָנוועזנד ביי אַ בר־מינן, האָב איך געהערט ווי אַ ייד, נישט קיין גרויסער תלמיד־חכם און נישט קיין קליינער עם־הארץ, האָט אַזוי לאַנג געזאָגט תהילים ביז ער האָט אויך אַריינגעכאַפּט אַ הלל...

ווען פרנסה איז געווען בדוחק, פלעגן די ווייבער שיקן די מענער אין שיל אַריין זאָגן תהילים ווייל דאָס וועט זיכער העלפן.

חברה ״לינת־הצדק״

צווישן די פאַרשידענע צדקה־פושקעס, איז אויך געווען אַ פושקע פאַר הכנסת־אורחים. דאָס איז געווען דער בודזשעט פאַר אויסהאַלטן דעם הקדש פאַר אָרעמע וואַנדערער, וועלכע האָבן איבערגענעכטיקט אין שטעטל. די חברה האָט זיך אויך פאַרנומען מיט נעכטיקן ביי קראַנקע בכדי צו פאַרלייכטערן דער פאַמיליע.

ס׳איז אויך געווען אַ חברת ביקור־חולים, וועלכע האָבן באַזוכט קראַנקע צוגעבנדיק זיי מוט און האָפנונג.

חברה־קדושה

צו ווערן אָנגענומען אַלס חבר אין דער חברה קדישא — איז נישט געווען פון די לייכטע זאַכן. ס׳איז געווען אַ זכות דאָרט אָנצוהערן. חוץ דעם האָט יעדער חבר, נאָך מאה ועשרים, זוכה געווען צו זיין קבין וואַסער ביי דער טהרה. יעדער פּרעטענדענט איז אַדורכגעגאַנגען אַ חקירה ודרישה. די הויפּט־גבאים זענען געווען ר׳ ישכר לוי און מיין זיידע. נאָך יעדן נפטר איז געוואָרן געמאַכט ביים זיידן אַ לחיים. שמיני עצרת איז פאָרגעקומען אַ קידוש רבא און יעדער חבר האָט באַקומען פאַרן הויזגעזינט אַ לייטיש שטיק לעקעך. ביי פרשת שמות פלעגן די חברה מאַכן אַ סעודה גדולה און יעדער האָט באַקומען פאַר די בני־בית אַ פערטל גאַנדז — אין אַלגעמיין האָט מען פאַר אַ חברה־קדישא־מאַן געהאַט דרך־ארץ און אויך מורא געהאַט.

חסידים

צו זיין אַ חסיד, איז געווען אַ שטיק ייחוס. אויב אַ כלה־מיידל האָט געשטאַמט פון אַ חסידישער היים, איז עס געווען אַן ערנסטער ביישטייער צום נדן. דער רוב חסידים אין זעלעוו, האָבן אָנגעהערט צום גערער הויף. ווען די חסידים זענען צוריקגעקומען, נאָך אַ יום־טוב, פון גער, איז זייער התפעלות נישט געווען צו דערשאַצן.

די גערער חסידים האָבן אויך געפירט אַ פּאָליטישע טעטיקייט אין די ראַמען פון דער אגודת־ישראל, איבערהויפּט זענען זיי געווען אַקטיוו אין זייער עקשנות־דיקן קאַמף קעגן דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, בשעת די פאַרשידענע וואַלן, אַזוי צו דער קהילה ווי אויך צום שטאָט־ראָט און סיים.

עס איז אויך געוואָרן געשאַפן, דורך די גערער חסידים, די פרויען־אָרגאַניזאַציע „בית־יעקב", וועלכע האָט געפירט אַ טעטיקייט צווישן פרויען, לויט די ריכטליניעס פון „אגודת־ישראל".

עס זענען אויך געווען אַלעקסאַנדערער חסידים, מער ליבעראַלע און ווייט פון עקסטרעמקייט.

צווישן די חסידישע שטיבלעך איז אויך געווען דאָס ראַדישיצער. דאָרט האָבן זיך געפונען עמך און ווייניקער זיך געמישט אין פּאַרטייאישע מאַכינאַציעס.

ס'פלעגן אויך, פון צייט צו צייט, קומען אַדורכפאָרנדיקע רביים, וועלכע האָבן געטיילט סגולות פאַר נאַאיווע נויטבאַדערפטיקע.

אָרגאַניזאַציעס און געזעלשאַפטן

ציוניסטן

די אינטענסיווע טעטיקייט פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, האָט אויך מיטגעווירקט פאַר דער שאַפונג פון פאַרשידענע ציוניסטישע שאַטירונגען, וועלכע האָבן געפירט אַ טעטיקייט צווישן דער באַפעלקערונג בכלל און דער יוגנט בפרט. בעת די פאַרשידענע וואַל־קאַמפּאַניעס איז ספּעציעל געווען בולט דער „מזרחי", וועלכער האָט זיך פאַרמאָסטן מיט דער „אגודת־ישראל". עס איז געווען טעטיק פּועלי־ציון רעכטע מיט שלמה מאַרקעוויטש בראש. מאַרקעוויטש, אַליין אַ באַ־ווּסטזיניקער בחור, האָט באַזאָרגט די יוגנט מיט ליטעראַטור און געפירט אַ קול־טור־טעטיקייט. עס פירט אויך אַ ברייטע אַרבעט די פּועלי־ציון לינקע מיט יחיאל בירנבוים אין דער שפּיץ. פאַראַן ביי זיי אַ דראַמסעקציע און אין די ווייטערדיקע יאָרן אויך געשאַפן, אַ ספּאָרט־אָפּטיילונג און אַן אָרקעסטער. אין מיין צייט געדענק איך אויך, וועגן צוויי בונדיסטן, הענעך שמולעוויטש און צאַלעצקי. דער לעצטער האָט גלייכצייטיק געשפּענדעט פאַרן קרן־קימת.

אויך קאָמוניסטן האָבן נישט געפעלט. ווי איך געדענק, זענען דאָס געווען וואָווע שמולעוויטש און שמערל שמיד. וואָווע איז דערנאָך אַוועק קיין ראַטן־פאַרבאַנד פאַרווירקלעכן זיין אידעע...

דראַמאַטישע סעקציעס

אַ ספעציעל פּרעכטיק קאַפּיטל פון קולטורעלער טעטיקייט אין זעלעוו, האָבן אַריינגעשריבן די דראַמאַטישע סעקציעס מיט זייערע דרייסטע און גלייכ־צייטיק אינהאַלטספולע פאַרשטעלונגען. נאָך היינט צו טאָג, נאָך אַזוי פיל צענד־ליקער יאָרן, טראַכט איך, וויפל טאַלאַנטפולע און איבערגעגעבענע יוגנט־לעכע מיר האָבן פאַרמאָגט. ס'איז נישט צו באַגרייפן ווי יידישע יוגנטלעכע נישט האָבנדיק אונטער זיך געענדיקט דראַמאַטישע סטודיעס און זיכער ביי זייערע טאַטע־מאַמע קיין טעאַטער נישט געשפּילט, האָבן אַזוי מייסטערהאַפט און רעאַל אויסגעפירט פאַרשידענע ערנסטע ראָלן פון קלאַסישע פּיעסן, ווי, „דער דיבוק״, „די יידישקע״, ״קעניג ליר״ און אַנדערע. די אַלע דערגרייכונגען זענען גע־ווען צו פאַרדאַנקען דעם שעפער און איניציאַטאָר, דעם לעבעדיקן גייסט פון די אַלע אונטערנעמונגען, מרדכי שעראַדזקי, וועלכער האָט מיטגעריסן מיט זיין התלהבות פיל אַנדערע יוגנטלעכע.


עס נעמען אויך אַן אקטיוון אַנטייל אין די פאַרשטעלונגען, פריווע קופּער („צעבראָכענע הערצער״), אליהו גרינבערג (אַלס גלח אין „די יידישקע״) לו־זער גרינבערג און ציפּע קליין (אין די הויפּט־ראָלען פון אוגוסט סטרינדבערג „דע רפאַטער״), מאַניע הערלינג און זאב באַרנשטיין („חסיה די יתומה״).

די דראַמסעקציע פון דער לינקער פועלי־ציון, האָבן פאַרגעשטעלט עטלעכע באַרימטע פּיעסן, צווישן אַנדערע: „דער דיבוק״, „די רומענישע חתונה״ און דער „דאָרפס־יונג״ מיט דער באַטייליקונג פון משה זאַנשיין,ביילע און יידל קלוג, די ברידער פּילע און דרוקער (רעזשיסער) פון לאָדזש.

איך דערמאָן זיך, ווען נאָך איינער אַ פאַרשטעלונג, האָט זיך באַוויזן די אַלטע גאַנשעראָווסקאַ, וועלכע איז געווען רעזשיסערין פון פּוילישן טעאַטער — האָט זי אַרויסגעוויזן אַ גוואַלדיקן התפעלות פאַר דער געלונגענער אויספירונג פון אונדזערע אַמאַטאָרן.

ליי־און שפּאר קאַסע

די אַרבעט פון דער קאַסע איז געווען אַ פאַרצווייגטע און האָט זייער פיל אַרויסגעהאָלפן דער באַפעלקערונג, איבערהויפּט דעם אָרעמען טייל, עמך, וועלכער האָט דאָרט געפינען נישט בלויז פינאַנסיעלע הילף נאָר אויך מאָראַלישע.



פאמיליע גאלדמינץ

נתן דינרי כפר־סבא

זעלעווער יידן — בויער פון ארץ־ישראל

נאָכן ערשטן וועלט־קריג, איבערהויפּט נאָכן פאַרעפנטלעכן די באַלפור־דעקלאַראַציע, האָט זיך צווישן דער יידישער באַפעלקערונג אין זעלעוו — ווי אין אַנדערע יידישע שטעט און שטעטלעך אין פּוילן — באַמערקט אַ טענדענץ פון אויסוואַנדערונג. איבערהויפּט האָט זיך פאַרשטאַרקט דער דראַנג פון עולה זיין קיין ארץ־ישראל. אַן אינטענסיווע עליה אין גרעסערן מאַסשטאַב איז פאָרגעקומען אין די גראַבסקי־צייטן, די אַזוי־גערופענע „גראַבסקי־עליה״.

פון אונדזערע זעלעווער יידן, האָט זיך דער רוב איינגעאָרדנט און אויפגעבויט משפחות אין לאַנד. אָבער אַ געוויסער טייל האָבן נישט אויסגעהאַלטן דעם נסיון צוליב די קאַלאָסאַלע שוועריקייטן אין דער דעמאָלטיקער צייט, ווי אויך ווייל זיי האָבן זיך געפונען אונטערן איינפלוס פון די איבערגעבליבענע פאַמיליעס אין פּוילן, וועלכע האָבן זיי צוריקגערופן.

דער גורל פון די צוריקגעפאָרענע איז געווען דער זעלבער טראַגישער ווי פון אַנדערע יידן אין זעלעוו, זיי זענען אומגעבראַכט געוואָרן אין דער געטאָ און אין די טרויעריק־באַרימטע טויטן־לאַגערן. אין די ווייטערדיקע שורות, וועל איך זיך באַמיען צו פאַרצייכענען, אין קורצן, אַ טייל פון די אַ זעלעווער יידן.

* * *

יעקב אבא

פון פאַך אַ בעקער און געווען נישט שלעכט סיטואירט אין זעלעוו. נישט קוקנדיק וואָס ער איז געווען אַ בעל־פּרנסה, האָט ער איבערגעלאָזט אַלע גליקן און עולה געווען מיט זיין פאַמיליע. אויך אין ארץ־ישראל האָט ער געאַרבעט אַלס בעקער. זיין זון אברהם, איז איינער פון דיטוער אין דער הסתדרות אין חיפה. זיינע טעכטער שולמית און לאה האָבן אויפגעבויט פאַרצווייגטע פאַמיליעס אין ישראל.

רבקה גליקסמאן, משה שווייגערס טאכטער

זי איז אָנגעקומען אין לאַנד אין יאָר 1922, אַדורכגעמאַכט די חבלי־קליטה, פאַרבליבן און אויפגעבויט אַ פאַמיליע.

ישעיה גראַניעוויטש

אין זעלעוו האָט ער געהאַנדלט מיט לאָטעריע־צעטלען, געקומען אין לאַנד מיט 4 טעכטער: זלאַטע ז״ל, אסתר ייטא און רחל לאה. אַלע, חוץ זלאַטע, זענען פאַרבליבן און זיך איינגעאָרדנט.

זיין זון מרדכי מענדל

ביי די הייניטצייטיקע באַדינגונגען איז שווער צו באַגרייפן די קאָלאָסאַלע שוועריקייטן וואָס מרדכי מענדל איז אַדורכגעגאַנגען און דאָך אויסגעהאַלטן דעם נסיון. נישט געוואָרן באַהערשט פון יאוש און מיט די לעצטע כוחות זיך געקלאַמערט און פאַרבליבן. ער איז געקומען צוזאַמען מיט זיין פרוי, לאה דעם געלען שמש׳ס טאָכטער, מיטגעבראַכט האַנט־שטיל און טרייב־מאַשינען מיטן געדאַנק צו שאַפן אַ טעקסטיל־פאַבריק. אָנקומענדיק קיין בני־ברק, האָט זיך פאַר זיי אַנגעהויבן דער אמתער יסורים־וועג ביים שאַפן פאַר זיך אַ דאַך איבערן קאָפּ ווי אויך אַ שטיקל פרנסה. זיי האָבן אויסגעבויט אַ צריף אין דיזאַמדן (כבישים אין בני־ברק זענען דעמאָלט כמעט נישט געווען) אויף אַ באַרג און ביז מ׳איז דאָרט דערגאַנגען, האָט אויסגעפּעלט אָטעם. נאָך ערגער איז געווען מיטן שאַפן אַ פרנסה־קוואַל. די געפּלאַנטע טעקסטיל־אונטערנעמונג האָט זיך נישט איינגעגעבן, האָבן זיי געקויפט צוויי קי, געטראַכט אפשר וועט דאָס געבן חיונה. ווייזט זיך אָבער אַרויס אַז נישט זיי האָבן געמאָלקן די קי נאָר די קי האָבן זיי געמאָלקן און קוים מיט צרות פטור געוואָרן פון זיי. אָבער מען מוז דאָך עפּעס טון, קויפט ער צוויי קעמלען, איבערצופירן וואַסער פון ירקון קיין בני־ברק. אָבער וואָס ווייסט אַ זע־לעוועער ייד אין קעמלען? דאָס זעלבע וואָס אַ קאָזאַק אין קבלה. פּאַסירט אַז די קעמלען האָבן זיך אָפּגעריבן די רוקנס און ס׳איז נישט געווען מעגלעך מיט זיי צו אַרבעטן. אויך די פרנסה איז אַוועק, פאַרקויפנדיק די קעמלען פאַר 5 פונט. זוכנדיק ווייטער אַ פרנסה־קוועלע, באַשליסט ער צו עפנען אַ געוועלב פון גאַלאַנטעריע און מאַנופאַקטור. וואָלט שוין אפשר יאָ געווען אַ שטיקל עקזיסטענץ מעגלעכקייט, קומען גנבים און טראָגן אַרויס אין אַ פרייטיק־צונאַכטס ס׳ביסל סחורה און אויס סוחר.

נישט קוקנדיק אויף די אַלע געוואַלדיקע שוועריקייטן, האָבן זיי נישט רע־זיגנירט און מיט דער צייט סוף־כל־סוף זיך איינגעאָרדנט.

שמעון הערלינג

אַהערגעבראַכט די גאַנצע פאַמיליע. וואָלף מיט מאַניען ז״ל, משה מיט זעלדן ז״ל, חיה צביה, פעסא, פערל (זי איז דערטרונקען געוואָרן אין שווים־באַסיין אין פתח־תקוה) ווי אויך זייער זון שמואל מאיר.

מאַניע הערלינג ז״ל איז אָנגעקומען קיין זעלעוו מיט איר מאַן וואָלף פון ביאַלאַ־פאָדלאַסק נאָכן ערשטן וועלט־קריג. זיי האָבן געוווינט ביי מאָטיס טישלער אין דער הויף אין איין צימער וואָס האָט געדינט פאַר אַן עס־צימער, שלאָפצימער, צימער פאַר די קינדער און פאַר אַ סאַלאָן. מאַניע האָט זיך געוואָרפן מיט ברען אין דער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט אין שטעטל. זי איז געווען אַ טיכטיקע טוערין אין דער פרויען־אָרגאַניזאַציע וואָס האָט זיך געשאַפן צו יענער צייט און גלייכ־צייטיק געגרינדעט די יוגנט־אָרגאַניזאַציע וואָס איז שפּעטער איבערגעגאַנגען צום „השומר־טרומפּלדור״. מאַניע נעמט אויך אַן אָנטייל אין דראַמאַטישן קרייז און דאָס איז אין דער דעמאָלטיקער צייט געווען אַ געוואַגטקייט, אַז אַ פאַר־הייראַטע פרוי זאָל שפּילן טעאַטער.

אָנקומענדיק צוזאַמען מיט דער גאַנצער פאַמיליע קיין ישראל אין יאָר 1924, זענען זיי זיך מפרנס, ווי אַ סך עולים, מיט אַ פערד און וואָגן וואָס זיי האָבן געקויפט.

מיט דער צייט איז וואָלף קראַנק געוואָרן און אַוועקגעשטאָרבן. מאַניע האָט נאָך אַ צייט חתונה געהאַט צום צווייטן מאָל מיט אַ טישלער פון תל־אביב און געלעבט אַ שיין לעבן, ביז דער גורל האָט זי אַוועקגעריסן נאָכן באַקומען אַ הארץ־אַטאַק.

כבוד איר אָנדענקען!

הרב הערצבערג ז״ל

מרדכי שעראַדזקיס שוואָגער. געווען באַשעפטיקט ביים רבנישן פאַך. גע־האָט 5 קינדער, איינגעאָרדנטע אין לאַנד.

אלי און אסתר ווייס ז״ל

געקומען אין 25־1924־טן יאָר. זיי האָבן זיך נישט גערעכנט מיט קיין שווע־

ריקייטן. געקויפט אַ פערד און וואָגן און שווער געאַרבעט אין די פּרדסים. זיי האָבן ממשיך געווען ביז די קינדער זענען אונטערגעוואַקסן, דערנאָך איז ער איבערגעגאַנגען צו זיין בעקער־פאַך.



אלי און אסתר ווייס

יעקב ווייס, אליס ברודער

נישט אויסגעהאַלטן דעם נסיון כאַטש ער איז געווען מער־ווייניקער איינגעאָרדנט. ס׳האָט אים צוריקגעצויגן קיין פּוילן און פאַרלאָזט ארץ־ישראל.

דוד וויזל ז״ל

אַ זון פון משה מאיר שוחט. ער האָט געוווינט, פאַרן עולה זיין, אין לאָדזש. מיט אים איז אויך מיטגעקומען זיין זון לייבל, וועלכער פאַרנעמט זיך ביז היינט מיט טעקסטיל־ענינים. לייבל מיט זיין אָרנטלעכקייט איז געראָטן אין זיין זיידן ר׳ משה מאיר.

אברהם יאסקאוויטש, אהרן פייערמאַנס שוואגער

געווען אין לאַנד אַ חודש צייט און צוריקגעפאָרן.

ישראל יאבלאנסקי, אברהם שוסטערס זון

נאָך אַ קורצער צייט, געוואָרן אַרויסגעשיקט דורך די ענגלישע מאַכט.

יוסף ליבערמאַן ז״ל

אַ גאַר אינטערעסאַנט קאַפּיטל וועגן יוסף ליבערמאַן, געפונען מיר אין בוך פון ר׳ יצחק גערשטנקאָרן ז״ל וועגן בני־ברק. געקומען איז יוסף צוזאַמען מיט הערשל און שמואל מאיר קיין בני־ברק מיטן צוועק אויפצושטעלן אַ טעקסטיל־פאַבריק. אויך פרץ פרייטאַג פון בעלכאַטאָוו און ר׳ יצחק גערשטנקאָרן זענען געווען שותפים. אָבער דער וועג איז געווען פול מיט שטרויכלונגען. ווען עס זענען שוין געשטאַנען די ווענט פון בנין, איז אָנגעקומען אַ שטורמווינט און אַלץ אומגעוואָרפן. מיט גרויס מי, נישט שפּאָרנדיק קיין געלט און ענערגיע, האָבן זיי אויף ס׳ניי אָנגעהויבן בויען און אינוועסטירן געלטער אין מאַשינען, קראַפט און האַנט־שטילן, טרייב־מאַשינען און אַנדערע נויטיקע פאַר דער טעקסטיל־אינ־דוסטריע. נישט קוקנדיק אויף דעם קאָלאָסאַלן אָנשטרענג, האָט די פאַבריק (א. ב. „ברקאי״) נישט מצליח געווען צוליב פאַרשידענע סיבות. די הויפּט־סיבה איז געווען, וואָס די פאַבריק מיט אירע אויסאַרבייטונגען, מאַטראַצן־שטאָף און קוכן־האַנטעכער, האָט נישט געקאָנט קאָנקורירן מיט אַזעלכע אונטערנעמונגען ווי האַנס מולער אין כפר־אתא און כאָטש די חברה „ברקאי״ האָט אויפגעזאַמלט געלטער אין אַמעריקע, האָט עס נישט געהאַט קיין ווירקונג. פאַרן שלעכטן אָפּזאַץ פון די פאַרטיקע סחורות אויפן אינערלעכן, גענוג־קליינעם מאַרק, ס׳האָט אויך געהאַט אַ השפעה, די אָנגעקומענע יאַפּאַנישע סחורות (יאַפּאַנישער „דעמפּינג״) וועלכע האָבן פאַרפלייצט די גאַנצע וועלט. אַן ערנסטע שטערונג פאַר די אַ אונטערנעמונג ווי אויך פאַר אַנדערע יידישע אונטערנעמונגען אין דער דע־מאָלטיקער צייט, איז געווען די נעגאַטיווע באַציאונג פון דער ענגלישער מאַנדאַטן־מאַכט צום יידישן ישוב בכלל און צו די יידישע אונטערנעמונגס־קרעפטן בפרט.

ווי לאַנג די פאַבריק האָט עקזיסטירט — ווייס איך נישט, ווייל אין מאַי 1930 האָב איך פאַרלאָזט בני־ברק. ס׳איז מיר באַקאַנט, אַז די פאַבריק איז דערנאָך געוואָרן פאַרקויפט צו דער ציגאַרעטן־פירמע „דובק״.

יוסף ליבערמאַן איז דערנאָך קראַנק געוואָרן אויף אַ שווערע כראָנישע דיזענטעריע און געפאָרן קיין ווין זיך היילן. ווען ר׳ יצחק גערשטנקאָרן איז אויפן וועג קיין אַמעריקע, געפאָרן אים מבקר חולה זיין, האָט ער שוין געטראָפן צו דער לוויה. אַ קורצע צייט דערנאָך, זענען אויך נפטר געוואָרן הערשל און שמואל מאיר.

נפתלי מאיר, ברודער פון הערשל און שמואל


געאַרבעט ביי פאַרשידענע אַרבעטן, געווען אַ געוויסער צייט מזכיר מועצת פועלי בני־ברק. נישט אויסגעהאַלטן דעם נסיון און צוריקגעפאָרן קיין פוילן.

משה פייוולמאַן, דעם געלן שמשס׳ איידעם

געאַרבעט ביי בנין וו יאויך אַלס שערער אין „ברקאי״. מיט אייגענע כוחות אויפגעבויט אַ ווינונג און אויפגעשטעלט אַ פאַמיליע.

אהרון פייערמאַן מיט שפרה׳ן

צוזאַמען מיט אלי ווייס און נאָך עטלעכע, אַרגאַניזירט אַ קאָאָפּעראַטיוו און געארבעט אין פרדסים. דערנאָך געקויפט אַ לאַסט־אויטאָ און גיט זיך איינגעאָרדנט.



שפרה פייערמן

משה פייערמאַן אהרונס ברודער, יחזקאל ראַזנבערג. יחיאל ריבשטיין, הערש לייב שיזועק, ראַזאַ שיזועק, לייבל קופּערוואַסער מיט זיין פרוי. טייל האָבן נישט אויסגעהאַלטן די שווערע חבלי־קליטה און אַ טייל האָבן זיך געפונען אונטערן איינפלוס פון די איבערגעבליבענע פאַמיליעס אין פוילן — אַלע זיך צוריקגעקערט.

מאיר גערשן און זיין פרוי גיטל

די ערשטע צייט געוווינט אין בני־ברק און געהאַנדלט מיט ירקות, דערנאָך זענען זיי אַריבער קיין ירושלים און פאַרנומען זיך מיט גלעזעריי. ביידע אַרבעט־זאַמע מענטשן. וועגן דער פעאיקער גיטל, האָט מיט עטלעכע יאָרן צוריק גע־שריבן דער וואָכן־זשורנאַל „לאשה".

מרדכי שעראַדזקי אין זיין פרוי רחל ז"ל

מיט דרך־ארץ און כבוד דערמאָן איך דעם גייסטרייכן און איבערגעגעבענעם פאַטריאָט וואָס דער ענין ארץ־ישראל איז געווען ביי אים אין אַלע רמ"ח איברים. געקומען אין לאַנד אַריין, כאָטש די נויט האָט אים נישט געיאָגט דערצו און אַלץ אויפגענומען באהבה. ער איז געגאַנגען אין די וועגן פון די „בילויים" נישט האָבנדיק קיין ספעציעלע אַספּיראַציעס. געהאַט סמיכות אויף רבנות און גלייכ־צייטיק געהאַלטן פלאַמיקע ציוניסטישע רעדעס וועלכע האָבן אַנגעשטעקט מיט התלהבות אַלע צוהערער.

אין דער צייט פון דער מלחמת הקוממיות געפאַלן פון אַ בלינדער קויל אין גאַס.

כבוד זיין אָנדענק!

* * *

עס איז זיכער נישט אויסגעשעפט די רשימה פון זעלעווער יידן וועלכע האָבן בייגעשטייערט פאַר דעם אויפבוי פון ארץ־שראל. זייער פיל אָפּשטאַמיקע פון אונדזער זעלעוו נעמען אויך אַן אַנטייל אין דער פאַרטיידיקונג און אין דער פאַרפעסטיקונג פון דער באַפרייטער, פון דורות־אויסגעבענקטער מדינת ישראל.

זאב שקופף
בני־ברק

אגודת ישראל בזלוב

לא ידוע לי מתי נוסד סניף אגודת ישראל באופן רשמי בעירנו. ברם יש להניח שעם יסודה של תנועה זו על ידי גדולי התורה והחסידות במזרח ובמערב אירופה ועם התפתחותה לתנועה עממית גדולה מיד אחרי המלחמה העולמית הראשונה של כל שלומי אמוני ישראל, נוסד גם סניף התנועה בזלוב. עירנו שהיתה עיר חסידית מובהקת, עיר של תלמידי חכמים ואנשי מעשה, מובן שיסוד תנועה הדוגלת לפתור את בעיות היום יומית ברוח התורה עוררה התלהבות ושמחה בחוגי היהדות החרדית בכלל ובנוער הדתי בעיר בפרט.

בראש הסניף, בזמנים הראשונים, עמדו העסקנים הידועים ר׳ מרדכי יוסקוביץ ז״ל ור׳ דוד ליברמן ז״ל.

סניף אגודת ישראל בעיר ראה כתפקידה העיקרי בעיית החינוך של הדור הצעיר. תפקידה בשטח החינוך ראתה אגודת ישראל כעניין שאינו סובל דיחוי לאף רגע ולשם זה הטילה על נציגות הפוליטית שלה, ובעיקר על המדינאי ציר לסיים הפולני, נציגה הדגול של היהדות הדתית ר׳ אליהו קירשברון זצ״ל, להשתדל למען מתן זכות לבתי ספר היסודיים שלה בשם ״יסודי תורה״, כבתי־ספר ממלכתיים. אגודת ישראל ראתה בזה נצחון כביר ואפשרות לתת לילדים חינוך תורתי מקורי בצירוף לימודים כלליים. לשם זה בנה הסניף המקומי בניין דו־קומתי וכמעט כל ילדי העיר הדתיים, כ־90% מילדי העיר, למדו וגמרו בבית הספר הזה נוסף ללימודי הקודש גם את הלימודים הכלליים במסגרת בית־ספר יסודי.

זכורה לי ההלהבות והשמחה שעורר פתיחת בית־הספר הזה בכל שכבות האוכלוסיה היהודית בעירנו. כדאי להדגיש שבזלוב לא היה קיים עוד בית־ספר יהודי חוץ מכמה מלמדים פרטיים בלי זכות של בית־ספר.

אגודת ישראל בעירנו לא הסתפקה רק בבית ספר זה שהיה מיועד רק לילדים בגיל בית־ספר. קצת יותר מאוחר נוסד ע״י הסניף בית ספר לבנות בשם

"בית יעקב" מיסודה של רשת בתי ספר "בית יעקב", פרי מחשבתה של האשה הנפלאה שרה שנירר ז"ל. בבית הספר הזה היה חידושים שלא יודעו מזה. המורות כולן בוגרות של הסמינר "בית יעקב" בקרקוב הצליחו במשך זמן קצר, חוללו נפלאות ורכזו מסביבן את החלק החשוב של ילדות דתיות והוציא מתוכו תלמידות אשר בכל הופעתן ודרך הילוכו אפשר היה להכיר כי בית הספר הצליח למעלה מכל המשוער והתלמידות היו לשם ולתפארת של כל העיר.

במשך הזמן התארגנו בבסגרת בית הספר, ארגון "בית יעקב אשר חיווה אחר־כך את היסוד לארגון "בנות אגודת ישראל". ארגון מאוד פעיל בכל שטחי החיים בעיר ואשר ריכז בתוכו כל בנות הדתיות. הארגון היה פעיל מאוד בשטח החינוך והשעורים וההרצאות אשר התקיימו כמעט מדי ערב בערב משכו תשומת לבן של רוב הבנות הדתיות בעיר. רוח החיים של הארגון היו המורות של "בית יעקב".

כאמור בעיית החינוך של בנים ובנות היווה את אבן היסוד של אגודת ישראל בעירנו ובשטח זה היא עשתה נפלאות. לא היה בעיר שום מפלגה או אירגון שהתימר אפילו במקצת להתחרות עם מוסדות החינוך של אגודת ישראל במקום.

חוץ משטח החינוך לא עקפה המפלגה אף שטח אחד בחיים שלא נטלה חלק (לרוב חלק הארי) ולרוב היתה היא הקובעת בחיים הציבוריים. כדאי להדגיש שכמעט כל השנים עמד איש אגודת ישראל כראש הקהילה היהודית (פרט לשנתיים האחרונות מתוך ריב פנימי בין פלגי החסידים גור, אלכסנדר ורדושיץ). הכרחי להזכיר שמות כמו ר' חיים ליברמן ז"ל ר' משה גולדשטיין ז"ל ר' מיכל רוזנזפט ז"ל, כולם ראשי הקהילה היהודית, עסקנים ידועי שם ואנשי אגודת ישראל מובהקים.

גם ארגוני נוער של אגודת ישראל כמו צעירי אגודת ישראל ופרחי אגודת ישראל היו מן הפעילים בין ארגוני נוער בעיר. צעירי אגודת ישראל פעל גדולות בשטח החינוך, ריכז מסביבו את טובי הנוער הדתי בעיר ביניהם בעלי כשרון ספרותי ורטורי, היה בין הפעילים והמפעילים בכל שטחי החיים בעיר ובפרט בשטח הדתי. והיה בין הסניפים הכי פעילים ומאורגנים בכל המדינה. יש לציין את הכנסים המרשימים בהשתתפות מנהגיה המרכזיים של צעירי אגודת ישראל כמו הרב הגאון ר' צבי הירשהורן יו"ר מרכז צא"י, יצחק ראוויטש, יעקב ברלינר, אברהם מאיר קרונגרד מזכיר הכללי של צא"י ונטע ירוחם ברלינר כולם מנהיגי המפלגה הבולטים.

לצעירי אגודת ישראל היתה מחלקה לנוער בשם "פרחי אגודת ישראל" אשר היה למעשה האוונגרד והעתודה להזרים חברים חדשים לתנועה.

כל ערב השתתפו כמעט כל החברים בשעור תורה ובהרצאות שונות שמשכה את תשומת לבם של כל הנוער הדתי בעיר.

אין לעבור על תנועת צעירי אגודת ישראל בלי להזכיר את היוזם והמבצע של רוב פעולות התנועה אחד מבעלי כשרון הנדירים החבר משה ליב שפיגלמן ז"ל, (היה גם חבר הנהלה הראשית של התנועה), נואם בחסד עליון, סופר מחונן והיה ממש הרוח החיה של התנועה.

עם כל זה שאגודת ישראל השקיעה את מיטב כוחותיה בחינוך הבנים והבנות לא הזניחה שטחים אחרים. לא היה אף שטח אחד בחיים הציבוריים שלא דאגה להם. והעיקר בשטח הסוציאלי כגון עזרה הדדית בשטיבלך שהתבטאו בהוצאות ענקיות, עזרת חולים, הכנסת כלה ועזרה להתבססות באיזה פרנסה. נוסף לזה קופות גמולת-חסדים שהתקיימו בכל ארגוני הנוער שלה והיו לעזרה מכובדת לנצרכי הלואות למטרות חיוניות.

אגודת ישראל יסדה גם בנק שהיתה מסונפת לרשת הבנקים בעיר הבירה ורשה והיוה אחד המפעלים הכלכליים אשר היתה לעזרה למעמד הבינוני והסוחרים הזעירים בעיר בקבלת הלואות בריבית בנקאית. כל אלה ביחד היווה אחד היסודות של חינוך קיום מצווה שבין אדם לחברו.

כידוע היתה זלוב עיר עם מפעלי תעשיה והרבה בתי חרושת לטקסטיל וחלק נכבד מאנשיו התפרנסו מעבודה בבית ובבית חרושת. פועלי אגודת ישראל שהיתה חלק בלתי נפרד מאגודת ישראל, ראתה לפניה תפקיד חיוני ומאוד חשוב בארגון ציבור הפועלים הדתיים ומשך זמן קצר נהיתה לאחד הארגונים הפועלים העיקריים בעיר שריכזה מסביבותיה את כל ציבור הפועלים הדתיים בעיר ודאגה לזכויותיהם הסוציאליות והמקצועיות.

פועלי אגודת ישראל עם כל תפקידה בשטח הסוציאלי והמקצועי (מלחמה קשה היתה לתנועה. לא לכולם היתה אז ההבנה ובפרט בין המעבידים הדתיים, את זכות מלחמת הקיום לפועל הדתי, בתוכם זכות להשתתף בשביתות), לא הזניחה את שטח החינוך ובמסגרתה התקיימו כל יום שעורים והרצאות בשטח היהדות, פעלה רבות בשטח הסברה על זכות הפועל הדתי.

איני חושב שאפשר למצוא במאמר אחד את פעולותיה של תנועה עממית גדולה כמו אגודת ישראל על כל חלקיה ופלגיה. ברם אין לתאר את חיי העיר בלי הפעולות של תנועת אגודת ישראל שהיתה לברכה לכל חלקי העיר.

חיה יוסטמן לבית וולקוביץ —
נכדת משפחת ליסנר

"בית־יעקב" בזלוב זכרונות

זלוב — "זה־לב" אמר פעם אחד הדרשנים שסבבו את עיירות פולין, זה־לב, כך היתה נחשבת בפי הכל כי כזאת היתה "לב" — לב יהודי חם פעם בקרבה, הלך רוח חסידי שורשי מקורי, הצית את הלב הזה.

ומה לא איפוא שבראש דאגותיה — חינוך הבנות? שבעיית הדור הצעיר "העתודה" — תופשת מקום ראשון במכלול בעיותיה?

כי על כן יש לזכור בתקופה שלפני כ־50 שנה ויותר לא היה חינוך חרדי לבנות ותופעות של נטישת בית ההורים, והתנכרות והתנערות מכל הזיקה ליהדות ולערכיה, היתה תופעה שכיחה. וכל זאת רצו למנוע בזלוב, רצו "להציל" את הבנות החרדיות מצפורני החילוניות, הטשטוש ושבירת המסגרת הרוחנית־משפחתית לה הורגלו.


ולשם כך קם והיה "בית יעקב". קם והיה — כדי למנוע תופעות של נטישת בית ההורים והחינוך היהודי, קם והיה — כדי לבצר ולחזק בקרב הבנות את הרצון ואת הידע, את המחשבה ואת הלהט — לקיום מצוות.

קם והיה — והצליח במשימתו.


* * *

זכורני עוד לפני כ־50 שנה ביקרה בזלוב גב' שרה שנירר ע"ה מחוללת תנועת "בית־יעקב", עמדה ונאמה הסבירה והלהיבה, וכך אמרה: רק חינוך יהודי מקורי שיושתת על ידע על הקנית ידע בכל נושאי היהדות: בהיסטוריה המפוארת של העם היהודי, ידע והתמצאות בתנ"ך ובמקורות יהודיים, בשילוב עם חינוך מעשי לקיום מצוות — רק חינוך כזה יהיה בר־קימא.

דבריה התקבלו. בית יעקב בזלוב — בראשית דרכו.



„בית־יעקב".
במרכז — אין צענטער: חיה יוסטמן



בית יעקב שולע אין זעלעוו



„בית־יעקב".
במרכז — אין צענטער: מאניע לעווין

* * *

את הידע הכללי רכשו הבנות בבית הספר העממי. באופן רשמי היה בבית הספר הגוי שיעור לדת (ריליגיה), אבל השיעור נמסר ללא קורטוב של יהדות. זוכרת אני את המורה מרקוס ואת המורות פטשניאק, ווינמן שתפקידם היה למסור שיעור בדת לבנות היהודיות, אבל הם מסרו את השיעור ללא קורטוב של יהדות, ולא בהתאם לרוח התורה.

את הלימוד הזה את ה"אידישקייט" רכשו הבנות ב"בית יעקב". בכל יום התכנסו בנות למשך כשעתיים ושמעו שיעורים בהיסטוריה יהודית, בדינים, ובתנ"ך, מפי מורות בוגרות סמינר "בית־יעקב".

המורה הראשונה היתה גב' פסיה שאייר — היתה בחורה בעלת כשרון־רב ויכולת ארגון וריכוז. בהתלהבות ובעניין רב הקשיבו הבנות לשיעוריה רבי ההשפעה. אחריה היו עוד כמה מורות, וגם אני זכיתי להיות מורה בזלוב — בבית יעקב. הבנות למדו בדירה שכורה, ובה אירגנו פעולות חברתיות־רוחניות נעימות. במסגרת ארגון ה"בתיה" נפגשו מדי שבת כל התלמידות ומדריכות מן העיירה מסרו שיעורים. ארגונן של הבנות הגדולות נקרא היה "בנות".

הקמנו ספריה לבנות מורכבת מספרי קריאה מותאמים למסגרת. מדי פעם בפעם אירגנו הצגות יפות שהכנסתם היתה מוקדשת לצרכי צדקה, זוכרת אני את ההצגות "רות" ו"בוסתנאי" שנערכו באולם היחיד בעיירה — אולם הקולנוע ושמשכה אליה אפילו את קהל הגויים.

בראש ה"בית יעקב" עמד ועד שהיה מורכב ממספר אברכים חסידיים, ביניהם: זוכרת אני את ר' יעקב פיק, ר' יעקב לנדא ועוד.

כל בנות העיירה, מכל שכבות הכלכליות התלכדו ביחד מתוך אחוה וידידות מתוך הרגשת שותפות וידידות ב"בתיה" וב"בנות", כאשר לפני כולן המטרה להרחיב את גבולות הארגון, מתוך אהבת־אחים נפלאה שכמוה אפשר למצוא רק — בעיירה יהודית. עוד נשמר בזכרוני ההמנון של "בתיה":

"בתיה שוועסטערלעך
איינס אין איינס געקליבען
בתיה שוועסטערלעך
א מעכטיקער פארבאנד"...

והתרגום:

„אחיות בתיה
טובות אחת לאחת
אחיות בתיה
הן ארגון אדיר"...

והנה שמורה עמדי תמונה מתקופת היותי מורה בבית יעקב בזלוב, הפנים כל־כך מוכרות היטב לכולנו: הנה אחיותי פרל ואסתר וולקוביץ, הנה לאה זיסל קוז'מינסקי, לוטקה שפיגלמן, פרידה בלומה ליסנר, טאובה ליסנר ועוד.

* * *

אבל על כל אלה עלה הכורת, שפך את חמתו החריב והרס את תפארתה של זלוב החיים היהודיים החמים והנעימים נמחקו כליל מזלוב העיירה.

אבל נצח ישראל לא ישקר כאן בארץ ישראל קם דור חדש ניצוצות־גיצים שרידם לעבר המתואר והם נושאים בגאון, ובתפארת את שלהבת הקודש שלהבת י־ה, ומציתים מחדש ביתר שאת וביתר עוז את הלפיד שנחרך אשר שום אש שבעולם לא יכלה לו. „בית־יעקב".

„הרנינו גויים עמו כי דם עבדיו יקום ונקם ישיב לצריו וכפר אדמתו עמו".

ירחמיאל גאָלדמינץ

פאַרטייען, אָרגאַניזאַציעס און אינסטיטוציעס

ווי אין אַלע אַנדערע שטעט און שטעטלעך אין פּוילן, האָט זיך אויך אין זעלעוו געפירט אַ לעבהאַפטע קולטור־געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט. איבערהויפּט איז די אַרבעט געווען בולט ביי דער יידישער יוגנט וועלכע האָט זיך מיט ענערגיע און ענטוזיאַזם באַטייליקט אין אַלע קולטורעלע פאַראַנשטאַלטונגען. אין דער וויטערדיקער קורצער פאַרצייכענונג וועל איך איבערגעבן עטלעכע ניואַנסן פון דער אַ טעטיקייט אין די 30־ער יאָרן.

ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע

די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע וואָס איז געוואָרן געשאַפן און אָנגעפירט דורך מרדכי שעראַדזקי, האָט איר טעטיקייט ממשיך געווען אויך נאָכן אָפּפאָר פון מרדכין קיין ארץ־ישראל. דער דראַמאַטישער קרייז און די ביבליאָטעק האָבן פאַרגעזעצט זייער אַרבעט מיט דערפאָלג. עס ווערט אויך געשאַפן אַ יוגנט־אָרגאַניזאַציע „הנוער־הציוני", וועלכע פירט אַ טעטיקייט אין די ראַמען פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. צוליב פינאַנסיעלע שוועריקייטן, דינט דער לאָקאַל פון דער אָרגאַניזאַציע אויך פאַר דער טעטיקייט פון דער פאַרטיי „פּועלי־ציון" — רעכטע. נאָך אַ געוויסער צייט, ווען די מיטגלידערשאַפט פון דער „פּועלי־ציון" און איר יוגנט־אָרגאַניזאַציע „פרייהייט" ווערט פילפאַכיק פאַרגרעסערט, שאַפן זיי אַן אייגענעם לאָקאַל מיט אַלע באַקוועמלעכקייטן פאַר דער טעטיקייט פונעם דראַמאַטישן קרייז און ביבליאָטעק.

רעכטע "פּועלי־ציון"

מיטן איבערגיין אין אייגענעם לאָקאַל און האָבנדיק אַזעלכע באַגאַבטע אָנפירער ווי שלמה מאַרקעוויטש, פּאַטאַשניק און אַנדערע, הויבט די פאַרטיי אַן

אַ פאַרצווייגטע טעטיקייט אַזוי אין דער פּאַרטיי ווי אויך צווישן דער יוגנט פון דער „פרייהייט" און די סקויטן־אָרגאַניזאַציע.



פעילי מפלגות בזלוב — פאַרטיי־טוער אין זעלוב
יושבים מימין — זיצן פון רעכטס: א. מ. קליין, ישראל ווייס.
עומדים מימין — שטיי ןעפון רעכטס:
שמעון שמידט, ג. דינרי—גולדמינץ, דוד בערקאָוויטש, שלמה מאַרקעוויטש
משה לוזר קרוינקאָפּ.

זייער אָפט ווערן אַראָפּגעבראַכט רעפערענטן וועלכע רעפערירן אויף פאַר־שידענע אַקטועלע טעמאַטן. ס׳ווערן אַרגאַניזירן אָוונט־קורסן ווו צווישן אַנדערע קעגנשטאַנדן, ווערט געלערנט שרייבן יידיש פאַר די יוגנט וועלכע לערנען אין די פוילישע גרונט־שולן. זייער אימפּאָזאַנט און רייך באַזוכט זענען געווען די אַזוי־גערופענע קעסטל־אָוונטן וועלכע זענען פאָרגעקומען יעדן צווייטן פרייטיק צו־נאַכטס. איין מאָל אין חודש איז געוואָרן אַרגאַניזירט אַ קולטור־אָוונט ווו מ׳האָט פאָרגעשטעלט פאַרשידענע איינאַקטערס, דעקלאַמירט, פאָרגעלייענט מאָנאָלאָגן א. א. וו. יעדן חנוכה און פורים זענען געוואָרן אַרגאַניזירט טאַנץ־אָוונטן ווו די יוגנט האָט פריילעך פאַרבראַכט. עס איז אויך געוואָרן אַרגאַניזירט פאַר דער יוגנט פאַרשידענע אויספלוגן קיין לאָדזש, בעלכאַטאָוו, זדונסקע־וואָליע און אַנדערע ער־טער און אין זומער זענען געוואָרן געשאַפן יוגנט־קאָלאָניעס ווו די יוגנט האָט פאַרברענגט דריי טעג אין אַ חברישער אַטמאָספער.



תנועת הנוער „פרייהייט"



יידישע קינדער קאָלאָניע אין זעלעוו



„פרייהייט" בשנת 1933

אַ גאָר לעבהאַפטע טעטיקייט איז געוואָרן געפירט ביי די זאַמלונגען פאַרן קרן־הקימת ווו ס'איז פאַרגעקומען אַ פאַרמעסט צווישן די ציוניסטישער יוגנט־אָרגאַניזאַציעס, ווער ס'וועט פאַרקויפן מער שקלים בכדי זיך צו פאַרזיכערן די רעכט אויף שיקן מער דעלעגאַטן צו די ציוניסטישע קאָנגרעסן. מיר האָבן אויך מאַסנווייז זיך באַטייליקט אין די „בלימל־טעג" וואָס זענען פאָרגעקומען יעדן פסח און סוכות.

אַ גרויסער רושם האָט איבערגעלאָזט דער רעפעראַט פון פּ. פּ. ס.־דע־פּוטאַט דעבוא, וועלכער האָט צו יענער צייט באַזוכט ארץ־ישראל. מיר האָבן איינגעאָרדנט די אונטערנעמונג און דער רעפערענט האָט געהאַלטן אַ פאַרלעזונג א. ד. ט. „וואָס איך האָב געזען אין ארץ־ישראל". די פאַרלעזונג איז געוואָרן באַזוכט דורך יידן און נישט־יידן און געהאַט אַ קאָלאָסאַלן דערפאָלג.

"פועלי־ציון" — לינקע

אויך די לינקע „פועלי־ציון", אָנגעפירט דורך יחיאל בירנבוים און אַנד. האָט געפירט אַן אַקטיווע און אַנזעבאַרע אַרבעט. זייער לאָקאַל האָט זיך געפונען אין צענטער פון דער יידישער אָרעמער באַפעלקרונג, אויף דער „פייפערוווקע". זיי האָבן געהאַט אַ רייכע ביבליאָטעק ווי אויך אַ דראַמאַטישן־קרייז. די אָנגעפירטע דורך זיי קולטורעלע אונטערנעמונגען זענען געוואָרן אויפגענומען דורך דער יידישער באַפעלקערונג מיט סימפּאַטיע. די לעצטע יאָרן איז דער איינפלוס פון דער לינקער „פועלי־ציון" געפאַלן לטובת דער יוגנט־אָרגאַניזאַציע „פרייהייט". ס'האָבן אויך נישט געפעלט, ווי אין אַנדערע שטעטלעך צו דער דעמאָלטיקער צייט, קוריאָזן ווען די לינקע און רעכטע האָבן געפירט צווישן זיך שטרייטן, ווי „אַראָפּרייסן" פאַר־לעזונגען, שטערן זאַמלונגען פאַר די ציוניסטישע פאָנדן א. אַ. וו. אָבער אויך דאָס איז געווען אַ סימן פון אַקטיווער אימפּולסיווער טעטיקייט...

די יידישע קאָמוניסטן האָבן קיין ספּעציעלע טעטיקייט נישט געפירט. צוליב דער אומלעגאַלער טעטיקייט, האָבן מיר נישט געהאַט קיין אינפאָרמאַציעס וועגן דער צאָל חברים. זייערע מיטגלידער זענען געווען פאַרטרעטן אינעם פּראָפעס־יאָנעלן טעקסטיל־פאַריין און געווען דאָרט טעטיק אין איינעם מיט די קריסטלעכע אַרבעטער.

די יידישע יוגנט האָט אויך געפירט אַן אינטענסיווע ספּאָרט־טעטיקייט אין די ראַמען פון די ספּאָרט־געזעלשאַפטן „הפועל", „שטערן" און „בית"ר". עס זענען אויך געווען יידישע ספּאָרטלער וועלכע האָבן געשפּילט פוטבאָל אין איינעם

מיט קריסטלעכע ספּאָרטלער. אין דער צייט פון קריג איז אויך געווען אַ פאַל אַז יידישע פוטבאָליסטן זענען אַרויסגעטרעטן צוזאַמען מיט דייטשע ספּאָרטלער אויף אַ פאַרמעסט אין בעלכאַטאָוו.

אַ קורצע צייט זענען אויך געווען טעטיק הכשרה־פונקטן פון „החלוץ־הכללי" און „החלוץ הדתי" אָבער צוליב שוועריקייטן ביים באַקומען אַרבעטס־פּלעצער, זענען די פונקטן געוואָרן איבערגעטראָגן אין אַנדערע ערטער.

צווישן די וויכטיקע אינסטיטוציעס וועלכע האָבן געפירט אַ טעטיקייט ביי דער יידישער באַפעלקערונג איז געווען די באַנק וואָס איז געשאַפן געוואָרן אין די יאָרן 1930—31 דורך נפתלי מאיר. די באַנק איז נישט געווען אַנגעשלאָסן אין קיין צענטראַלע דעריבער איז איר טעטיקייט געווען אַן אָרטיקע און באַגרענעצטע. אַ ברייטערע אַרבעט האָט אַדורכגעפירט די האַנטווערקער־קאַסע אין וועלכן עס זענען געווען אַנגעשלאָסן אַגרויסע צאָל בעלי־מלאכות (שניידער, שוסטער און אַנדערע). די פינאַנסיעלע רעסורסן זענען געווען, אויסער דעם מיטגלידס־אָפּצאָל וואָס יעדער מיטגליד האָט אַריינגעטראָגן, פון פאַרשידענע זאַמלונגען. די קאַסע איז געווען אַנגעשלאָסן אין דער צענטראַלער האַנטווערקער־קאַסע. די שטיצע וואָס זיי האָבן דערטיילט נויטבאַדערפטיקע, האָט געגעבן אַ קאָלאָסאַלע הילף פאַר אַ גרויסן טייל פון די יידישע האַנטווערקער. אַ גרויסןביישטייער צו דער הילף פאַר דער יידישער באַפעלקערונג האָט בייגעטראָגן די גמילת־חסדים־קאַסע וועלכע האָט געבאָרגט אויך גרעסערע סומען נאָכן אויספירן די נויטיקע פאָרמאַליטעטן (וועקסלען, זשיראַנטן א. אַ. וו.).

אַזוי האָט זיך געפירט אַן אינטענסיוו יידיש לעבן ביז אונדזער באַליבט שטעטל איז פאַרשניטן געוואָרן דורך די נאַצישע רוצחים.

צירל קליין־כהן תל־אביב

מיין אומפארגעסלעכע פאמיליע

מיט טרויער און ווייטיק דערמאָן איך מיין טייערע משפחה, וועלכע האָבן מיטגעטיילט דעם טראַגישן גורל פון אַלע יידן אין דער גרויזאַמער צייט. זאָלן די ווערטער, געשריבן מיט בלוט און טרערן, זיין אויפן אַרט פון אַ מצבה אויף די אומבאַקאַנטע קברים פון מיינע נאָענטע, וועלכע זענען אומגעקומען אויף קידוש־השם און פאַר מיינע טייערע וועלכע זענען געשטאָרבן מיט אַ נאַטירלעכן טויט און זייערע מצבות און קברים זענען געשענדט און פאַרניכטעט געוואָרן דורך נאַצי־וואַנדאַלן אין די שוואַרצע היטלער־יאָרן.

מיין פאָטער ר׳ יצחק מאיר (איטשע מאיר) כהן איז אָנגעקומען מיט דער פאַמיליע פון לאָדזש קיין זעלעוו אין יאָר 1906. אין שטעטל איז ער געווען איינער פון די טעקסטיל פאַבריקאַנט. אַלס מענטש מיט וועלטלעכע אָנשוונגען, באַטייליקט זיך מיין פאָטער ז״ל אַקטיוו אין דער געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט פון שטעטל. איבערהויפט מערקט זיך זיין אַקטיווע, פרוכטבאַרע טעטיקייט אין די יאָרן פון ערשטן וועלט־קריג אַזוי אין דער געזעלשאַפט „ביקור־חולים״ ווי אויך אין דער באַקאַנטער טיי־האַלע וווּ די יוגנט און דערוואַקסענע זענען זיך צונויפ־געקומען ביי אַ גלעזל טיי און קולטורעל פאַרבראַכט די אָוונטן נאָך אַ קאַש־מאַרן מלחמה־טאָג.

ער העלפט אויך אַרויס די נויטבאַדערפטיקע יידישע באַפעלקערונג, וועלכע ליידט פונעם בושעוודיקן הונגער מיטן פונאַנדערטיילן ברויט פאַר די הונגעריקע, וואָס איז אין יענער צייט געבאַקן געוואָרן ספּעציעל אויף דעם צוועק.

אין דער צייט פון ערשטן וועלט־קריג ווען עס קומען אָן צאָלרייכע רעק־וויזיציע־גזירות פון דער דייטשישער אָקופּאַציע־מאַכט, פאַרנעמט זיך מיין פאָטער מיטן שרייבן ביטעס צו דער מאַכט און אין פיל פאַלן איז דער ענטפער גע־ווען אַ פּאָזיטיווער און טייל רעקוויזיציעס זענען אַנולירט געוואָרן.

אין יאָר 1935 וווינענדיק שוין אין לאָדזש (מיר האָבן פאַרלאָזט זעלעוו אין יאָר 1926), טרעפט אונדז אַ שווער אומגליק. דער פאָטער באַקומט אַ שווערן האַרץ־אַטאַק און אויפן אָרט הויכט ער אויס די נשמה.

אַ קורצע צייט נאָכן פאָטערס טויט, פאַרלאָז איך פוילן און פאָר קיין ארץ־ישראל ווו איך האָב חתונה מיט אברהם מענדל קליין, וועלכער האָט מיך אויסגעפאָדערט.



לעלייתה של צירל קליין ארצה — צום עולה זיין פון צירל קליין

מיין מוטער פערל כהן, פון דער היים אַלשער, אַ קלוגע און באַשיידענע פרוי (האָט געענדיקט עטלעכע קלאַסן גימנאַזיע), האָט זיך אויסגעצייכנט מיט איר באַשיידנקייט און גוטהאַרציקייט. כאָטש זי האָט דיספּאָנירט מיט זייער ווייניק צייט ווייל אין דער שטוב זענען געווען 7 קינדער (5 טעכטער און 2 זין) איינס קלענער פון צווייטן און דערצו האָט זי צוגעהאָלפן אין געשעפט, האָט דאָס איר נישט געשטערט זיך צו פאַרנעמען מיט וווילטעטיקע זאַכן. זי האָט געהאַט פאַרשטענדעניש פאַר אַלעמען וועלכע האָבן זיך גענויטיקט אין הילף, צי דאָס זענען געווען אומגליקלעכע אלמנות מיט קינדער צי אַנדערע נויטבאַדערפטיקע, האָט זי זיך נישט באַגנוגנט מיט בלויז אַ גוט וואָרט, אַן עצה, נאָר געשאַפן מאַטעריעלע הילף פאַר זיי. איבערהויפּט איז די הילף געווען בולט פאַר די יום־טובים און פאַר פסח. אויב האָט זיך עמעץ גענויטיקט אין אַ גרע־

סערע מאַטעריעלע הילף, האָט מיין מוטער מאָביליזירט באַקאַנטע און שכנים און דאָס אַלץ אַדורכגעפירט שטיל, באַשיידן און אָן רעש, בכדי די נויטבאַדערפטיקע זאָלן נישט פילן אַז דאָס איז אַ נדבה. אין פיל פאַלן האָט מיין מוטער אַזוי



מימין — פון רעכטס: צירל, הענדל וקראסל

אָרגאַניזירט, אַז עס האָט געהייסן אַז זי באַרגט אַבי די מענטשן זאָלן זיך נישט פילן געטראָפן.

ווען די נאַצי־מערדער פאַרנעמען לאָדזש און פאַריאָגן די יידישע באַפעלקערונג אין הונגעריקן געטאָ, טיילט מיין פאַמיליע דעם טרויעריקן גורל פון אַלע יידן.

עס קומען אום אויף קידוש־השם מיין טייערע מוטער, מיין עלטסטע שוועס־טער הענדל וועלכע איז אין זעלעוו געווען טעטיק אין דער ציוניסטישער אָר־גאַניזאַציע און געווען אַ געוויסע צייט ביבליאָטעקאַרין פון דער ציוניסטישער ביבליאָטעק, איר מאַן לאַזער שטערן פון זעלעוו, זייער איינציק קינד קראַסעל, מיין ברודער אברהם שמואל מיט זיין פרוי און קינד, מיין ברודער משה, מיינע שוועסטערן ייטאַ און מינדל.

מיין שוועסטער קראַסעל איז געוואָרן אַוועקגעריסן פון אונדז נאָך פאַרן קריג אין עלטער פון קנאַפּע 17 יאָר. זי איז געווען זייער באַגאַבט און פאַרמאָגט אַ פילבאַרע נשמה. פאַר אירע אויסערגעוויינלעכע פעאיקייטן איז זי געוואָרן אָנגענומען — נאָך אַן אינטערווענץ פון פוילישן פירער פּילסודסקי און דע־מאָלטיקן בילדונגס־מיניסטער — אין דער גימנאַזיע, באַפרייט פון שכר־לימוד. ליידער האָט זי זיך אָנגעשטעקט מיט אַ לונגען־קראַנקהייט ביי אַ שילערין פון באַלעט, וועלכער זי האָט געהאָלפן מאַכן די לעקציעס (אין דער היים האָבן מיר דערפון נישט געוווּסט) און אַוועק פון אונדז אין די בליענדיקע יאָרן.

אויך איר קבר איז געוואָרן פאַרשוועכט דורך די נאַצישע באַנדיטן.

פאַרצייכנט אין טיפן טרויער דורך דער איינציק־
פאַרבליבענער טאָכטער און שוועסטער, צירל.

נ. דינרי

זעלעווער יידן

הערשל מאַנדעל — "אַבלאַפּ".

געהאַט אַ געוועלבל פון נאַשערייען און געטראַנקען. אַן עמך־ייד מיט אַ האַרציקן הומאָר. שטענדיק געווען ביי אים אַ רעזערוו מיט וויצן און גלייכ־ווערטלעך. מיר פלעגן ביי אים קויפן אייזקרעם (לאָדעס) און צו טרינקען. ווען ס'האָט אים אמאָל אַ קונה געמאַכט אַ באַמערקונג אַז ער שווענקט נישט אויס דאָס גלאָז, האָט אים הערשל געזאָגט: זע נאָר דעם אינטעליגענט, אַ האַלבע שטאָט האָט שוין היינט געטרינקען פון דעם גלאָז נישט אויסגעשווענק־טערהייט — — — געווען אַ נחת־רוח מיט אים צו פאַרברענגען.

יוסף שיוועק

פון פאַך אַ שניידער. ליב געהאַט אַ סך צו רעדן. זיין אשת־חייל האָט אים פעסט געהאַלטן, גענוג געווען זי זאָל אים זאָגן: יאָסל! נאָך איין וואָרט וויל איך הערן! — און עס איז געוואָרן שאַ־שטיל. דערנאָך זיך איינגעגלידערט אין גע־זעלשאַפטלעכן לעבן און געוואָרן ראַטמאַן אין דער יידישער קהילה.

רישקעלע "מיטן גוידער"

געווען אַ סוחרטע און געפירט אַ מאַנופאַקטור געשעפט. איר זון יחיאל האָט סימפּאַטיזירט מיט דער צעירי־מזרחי.

מ. ש.

נישט קיין וואַזשנער תלמיד־חכם. ווען זיינע קינדער זענען געקומען פון חדר האָט ער זיך פאַראינטערעסירט וואָס זיי האָבן דאָרט געלערנט און ווען זיי האָבן אים געזאָגט אַז זיי האָבן געלערנט ויתרוצצו הבנים בקרבה און עס פאַר־

טייטשט אויף מאַמע־לשון, איז ער געוואָרן מלא כעס און אויסגעשריגן: „וואָס? אַזעלכע זאַכן שטייען אין דער תורה? כ'דאַרף נישט אַזאַ תורה!"...

זיין ברודער י. ש.

ער האָט ליב געהאַט די אכילה. ווען זיין ווייב פלעגט זיין נישט געזונט, פלעגט ער איר זאָגן: „ממה נפשך, ביזטו קראַנק טאָ שטאַרב, ביזטו ווידער געזונט, קאָך זשע אַפּ קאַרטאָפל מיט באַרשט. נאָכוואָס די קונצן...

דער בלינדער עמנואל

געווען אַ וועבער און געאַרבעט פון פאַרטאָגס ביז שפּעט אין דער נאַכט. זיך נישט פאַרגינען אָפּצושטעלן די אַרבעט אפילו צום עסן. די עקאָנאָמישע לאַגע געווען נישט פויגלדיק. ווען ער האָט געבעטן אַ הוספה און דער פאַבריקאַנט האָט זיך פאַרקלאָגט אויף דער שלעכטער צייט, האָט ער אים געענטפערט אַז ער גלויבט אים אַז די צייט איז אַ שלעכטע, ס'איז נאָר פאַראַן אַן אונטערשיד, וואָס ער, דער פאַבריקאַנט, עסט יעדן טאָג פלייש און עמנואל קאָן זיך דעם לוקסוס דערלויבן קוים אויף שבת.

אין די שפּעטערדיקע יאָרן ווען ס'איז שוין געווען אַ פּראָפעסיאָנעלער פאַר־איין ווי אויך אַן אַרבעטער־פּאַרטיי פּ. פּ. ס. איז ער געווען אַנוועזנד, ערב דעם 1־טן מאַי, אויף אַ פאַרלעזונג וועגן דעם באַדייט פון ארבעטער־יום־טוב וועלכער איז אויסגעפאַלן אין שבת. אויב אַזוי — האָט זיך עמנואל אָנגערופן צו די יידישע אַנוועזנדע — וועלן מיר טאַקע מאָרגן דאַוונען מיטן ערשטן מנין און דערנאָך גיין אויף דער דעמאָנסטראַציע. גיי שאָץ אָפּ אַ יידישע נשמה...

לאה שמאי'ס, היינט לאה גראַניעוויטש

געקומען אין לאַנד אַריין אין יאָר 1923. איר פאָטער שמאי האָט געהאַנדלט מיט שניט־סחורה. געווען זייער טיכטיקביים פאַרקויפן. זי האָט זיך גאַרנישט געשעמט, גענומען אַ פעקל סחורה און פאַרקויפט פון שטוב צו שטוב, יעדן טאָג אין אַ צווייטער גאַס.

עס זענען געווען פיל פרויען וועלכע האָבן אָנגעפירט מיט דער טעקסטיל־פּראָדוקציע אין דער צייט ווען זייערע מענער האָבן זיך געפונען, צוליב געשעפטס־ענינים אין לאָדזש. אַרבעט האָט נישט געפעלט. ס'איז באמת צו באַוואונדערן ווי די אשת־חייל'ס האָבן זיך אַן עצה געגעבן נישט האָבנדיק די

עלעמענטאַרסטע אויסשולונג. מ׳דאַרף נישט פאַרגעסן אַז דער עיקר איז געוואָרן פּראָדוצירט אין דרויסן ד. ה. אַרויסגעגעבן אַרבעט צו כאַלופּניקעס און מיט יעדן וועבער, טרייבער אָדער טרייבערקע איז געווען אַ היפּש ביסל אַרבעט ביים צונויפ־שטעלן די מוסטערן, אויסרעכענען די קאַלקולאַציע, אויסצאָלונגען, פאַרשרייבן אין קראַנקן־קאַסע און קאָנטראָלירן ווען אַ וועבער האָט נישט געליפערט די סחורה צו דער צייט. געוואָר ווערן וואָס ס׳האָט פּאַסירט און דאָס איז געווען אַ מהלך צופיס פון עטלעכע קילאָמעטער.

עס איז אויך געווען אַן אַרבעט פון קאָנטראָלירן דעם אָראַפּגענומענעם "מאַץ".

"מאַץ" געהער צו די ספּעציפישע יידישע פּרנסות אין לאָדזשער קאַנט, דאָרט ווו די פּראָדוקציע איז געוואָרן אויסגעפירט דורך כאַלופּניקעס און יעדער וועבער אָדער טרייבער, האָט אַראָפּגענומען פאַר זיך אַ ביסל גאַרן. דער באַדייט פון "מץ" איז "מדה צודקת", אויף פּראָסט מאַמע־לשון הייסט עס, לקחן מיט חסד, נעם נישט צופיל... דאָס איז געווען אַ באַוווּסטע און נאָרמאַלע דערשיינונג. דעריבער איז דער כאַלופּניק געוואָרן קאָנטראָלירט דורכן פאַבריקאַנט צי ער האָט נישט צו פיל געלקחנט. ס׳זענען געווען פאַלן, אַז דער פאַבריקאַנט אַלייו האָט געקויפט דעם מאַץ, פאַרשטייט זיך פאַר אַ ביליקערן פּרייז.

די אויפקויפער פון מאַץ, האָט מען גערופן "מאַץ־יידן", ביי זיי האָט מען געקאָנט באַקומען גאַרן פון אַלע מינים.

צווישן די טיכטיקע פרויען וועלכע האָבן אָנגעפירט מיט די אַלע דערמאָנטע אַרבעטן, געדענק איך —

דינה לוי

ישראלקע יאַכלאָוויטש׳ס פרוי. דאָרט האָב איך געאַרבעט אַלס אָנגעשטעל־טער.

שבע "לאַטש"

געווען געגנוג אַ פאַרמעגלעכע אָבער אַ קאַרגע. צוליב דעם דער צונאָמען "לאַטש" — ווייל ס׳איז איר געווען אַ שאָד צו טראָגן די שיך. געווען ביי איר אַן אײדעם אויף קעסט, זיכער דאָרט קיין האָניק נישט געלעקט. איר שניר איז געווען אַ באַוווּסטזיניקע פרוי, מ׳האָט זי גערופן די „גייענדע ענציקלאָפּעדיע".

ייטא חיים שמעונס

אַ מיידל פון חסידישע עלטערן, ר׳ יצחק מלמדס אַן אייניקל. געשטרעבט

צו אַ פֿאַרגעשריטן קולטורעל לעבן. פֿאַר איר בונטאַרישקייט האָט זי געהאַט גרויסע צרות פֿון אירע עלטערן. אָבער נישט מותר געווען.

די שלומטע

אַן אלמנה, געהאַט אַ גאַלאַנטערי־געשעפֿט, אַליין געפֿירט און מיט אייגענע כּוחות דערצויגן עטלעכע קינדער. צוויי זין זענען אַוועקגעפֿאָרן קיין אויסלאַנד. אַ טאָכטער איז מאיר גרשונס פֿרוי, וואָס וווינט אין ירושלים.

שמואל גרונם

אַ ברודער פֿון שבע „לאַטש". געאַרבעט ביי שבתאי פֿאַרבער. זיין צוגאָב־פּרנסה איז געווען וואָס ער האָט פֿאַרקויפֿט יעדן פֿרייטיק ווייַן אויף קידוש. ווען ער האָט זיך אַרומגעטראָגן מיטן הילצערנעם פּעסעלע, האָט ער עס באַהאַלטן אונטערן כאַלאַט פֿאַרן חשש פֿון יין־נסך. געוווינט אויף אַ בוידעם און אויב מ'איז שוין צו אים אַרויפֿגעקומען גאַנצערהייט, האָט מען געמוזט גומל בענטשן.

זיין ווייב, ליבע, האָט אויך צוגעהאָלפֿן צו דער פּרנסה, זי האָט געהאַנדלט מיט מאַץ און אויך קאָנקורירט מיט דער רביצין ביים פֿאַרקויפֿן הייוון.

ווען ליבע איז נפטר געוואָרן, איז שמואל גרונם געגאַנגען יעדן חודש אלול אויף קבר־אָבות און איר געווונטשן זי זאָל זיך אויסבעטן אַ גוט יאָר...

לייב לאַסקער־ליפּמאַן

אַ ייד אַ מופלג און אַ בן־תורה, אַנגעפּיקעוועט מיט אַ סך גלייכווערטלעך. געווען אַ גערער חסיד נאָר צום רבין נישט געפֿאָרן. ער פֿלעגט זיך אויפֿהויבן צוויי ביי נאַכט, גיין לערנען אין שטיבל אַריין. אַ מטופּל מיט קינדער און געשמט אַלס קאַרגער. וועגן זיין קאַרגשאַפֿט דערציילט מען אַז אין דער צייט פֿון ערשטן וועלט־קריג האָט ער געהייסן באַקן זיין פֿרוי חלות אויף שבת, ווען מ'האָט אים געפֿרעגט היתּכן? חלות זענען דאָך טייער? האָט ער אים געענטפֿערט אַז דאָס מאַכט אים אויס ביליקער ווייל פֿון אַ חלה עסט מען בלויז די המוציא און ברויט עסן די קינדער אומבאַגרענעצט. ווען זאַלץ איז געווען אַ יקר המציאות, האָט ער געהייסן זיין ווייב זי זאָל קאָכן אָן זאַלץ. אָבער זיין ווייב האָט זיך אַן עצה געגעבן, פֿאַר אים האָט זי געקאָכט אָן זאַלץ און פֿאַר דער איבעריקער פֿאַמיליע מיט זאַלץ...

אויף אַלע פֿאַרגעקומענע געשעענישן האָט ער געהאַט זיינס אַ ווערטל.

ווען ער פלעגט זען א פרוי גייט געאַרעמט מיטן מאַן, האָט ער געזאָגט: נאָך א נס וואָס מיין ווייב איז נישט קיין בלינדע, כ'דארף זי נישט פירן אונטערן אָרעם — — —

ער האָט געהאַנדלט מיט אַלעם. מיט תבואה, מעל און אויך אויפגעקויפט ביי די וועבער מאַץ.

לייב לאַסקערס טעכטער

די עלטסטע געדענק איך נישט איר נאָמען, זי איז געווען זייער איבער־געגעבן דעם מאַן און דער פאַמיליע. זעלדע, האָט געהאַט א מאַנופאַקטור־געשעפט, געווען אַ סוחרטע אין פולן זין פונעם וואָרט. איר מאַן האָט געהערט צו די משכילים אין זעלעוו, געלייענט דעם "היינט". פּראַדל, האָט געפירט א הורט־געשעפט פון טאַבאַק. א פרוי מיט טעמפּעראַמענט, מ'דערציילט, אַז ווען די נאַציס האָבן אויסגעזידלט זעלעוו, האָט זי אַן פחד געזאָגט צו די דייטשן, אַז זיי וועלן האָבן אַ שוואַרצן סוף. ייטא האָט זיך אינטענסיוו מיטבאַטייליקט אין מסחר פון תבואה וואָס עס האָט געפירט איר פאָטער. זי האָט זיך גאָרנישט געשעמט און מיטגעפאָרן מיטן פאָטער קיין פּאַביאַניץ האַנדלען.

אהרן לעקעך־בעקער

אַ געראָער חסיד און אַן איידעלע משפחה. זיין זון זאב געפינט זיך אין ישראל. ביי אים פלעגן יידן שבת נאָכן דאַווגען, קידוש מאַכן און פאַרבייסן מיט אַ געשמאַק שטיקל לעקעך. מ'פלעגט ביי אים אויך באַקומען אַ בעסערן אייזקרעם (גלידה), איבערהויפּט פאַר די ווען ס'האָט נישט געפּאַסט צו עסן ביי הערשל "אָכלאָפּ".

צביה גרינפעלד

דעם רבס שניר. אַן אלמנה און געפירט אַ קאָלאָניאַל־געשעפט. שפּעטער חתונה געהאַט מיט אַ שוחט פון לאָדזש.

שבתאי פילעס קינדער

באַגאַבטע און אַקטיווע טוער אין דער לינקער פועלי־ציון. גענומען אַן אָנטייל אין דער דראַמאַטישער סעקציע און אויך זיך באַטייליקט אין כאָר ביים חזן.

פרעסע — אויסצוגן

וועגן דער טעטיקייט פון פועלי־ציון לינקע אין זעלעוו. גענומען פון "די פרייע יוגנט", יוגנטלעכער חודש אָרגאַן. דערשינען אין ווארשע.

דעם ערשטן מאַי האָבן מיר איינגעאָרדנט אַ מאַי־אַקאַדעמיע. אייניקע חברים האָבן רעפערירט וועגן דער אויפגאַבע פון דער פּראָלעטאַרישער יוגנט. די אַקאַדעמיע איז אין אַ געהויבענער שטימונג געוואָרן פאַרענדיקט מיטן געזאַנג פון דער שבועה.

6־טן יוני 1926 נומער 6

שבת דעם 4/9 האָבן מיר איינגעאָרדנט אַן אויספלוג אין וואַלד. עס איז געוואָרן גערעדט וועגן דער באַדייטונג פון אינטערנאַציאָנאַלן יוגנט־טאָג. חברים און חברות האָבן דעקלאַמירט און געזונגען אַרבעטער־לידער. מיטן געזאַנג פון דער שבועה, האָט זיך פאַרענדיקט דער אויספלוג.

אָקטאָבער 1926 נומער 10

די זעלעווער פּאַרטיי יוגנט האָט זיך משתתף געווען מיט אַ שפּענדונג פאַר דער אַלגעמיינער פּראָלעטאַרישער יוגנט מיט 10 זלאָטעס.

דעצעמבער 1926 נומער 12

מיר פירן אַ סיסטעמאַטישע קולטורעלע און פּאָליטישע אויפקלערונגס־אַרבעט. די אַרבעט ווערט געפירט אין פאַרשידענע גרופּירונגען. ס'קומען אויך פאַר שמועסן וואָס ווערן באַזוכט דורך אומפּאַרטייאישע סימפּאַטיקער. מיר באַזיצן אַן אייגענע ביבליאָטעק און דער טיראַזש פון "די פרייע יוגנט", ווערט פאַר־



חברי הועד של פועלי־ציון ו„פרהייט״
מימין — פון רעכטס: הרשל שטרן, ירחמיאל גאָלדמינץ, שלמה מרקביץ,
אברהם אבא, יעקב שיבק.

גרעסערט מיט יעדן חודש. מיר באַטייליקן זיך אין אַלע אַקציעס לויט די אינ־
סטרוקציעס וואָס מיר באַקומען פון דער צענטראַלע אין וואַרשע.

מאי 1927 נומער 5

באַריכט פון זעלעוּוער סניף וועגן דער 1־טער מאַי פייערונג.

יוני 1927 נומער 6

באַריכט וועגן דער פייערונג פון אינטערנאַציאָנאַלן פּראָלעטאַרישן יוגנט־
טאָג.

אָקטאָבער 1927 נומער 10



הכשרה של „העובד הדתי" בזלוב
הכשרה־פּונקט פון „העובד־הדתי"

יעקב צבי

על כתב יד מופלא בחסידות

(קטע ממאמר ב״נחליאל״ שבט תשכ״ה)

מאז בואי, אחרי נשואי לזלוב, עיירה סמוכה ללודז, הפניתי תשומת לבי לכתב יד שכתב הרה״ק ר׳ יוסף יהודה מבלטה, מראשוני החסידים אבי הרה״ק רבי אפרים פישל מסטריקוב זצ״ל. כתב יד זה נמצא ברשותו של החסיד ר׳ יששכר לוי, נינו של הרה״ק ר׳ פישל מסטריקוב. אמרו שר׳ יששכר שומר על כתב יד זה כבבת עינו, אינו מראה תוכנו לאיש, כך ואין לדבר על אפשרות של הצצה אפילו חטופה לכתב יד יקר זה.

אהבה העזה לספרים, לחקירות ביבליוגרפיות אשר תוססה בי, לה נתתי ביטוי משחר של ילדותי, שטופחה בביתו העשיר של אבי, גדול בתורה וגדול בחסידות רבי יוסף זצ״ל, לא נתנה לי מנוח, גמרתי אומר להגיע לכתב יד זה בעד כל מחיר.

אחד מידידי הקרובים בזלוב היה ר׳ מיכל רוזנזפט זצ״ל, תלמיד חכם מובהק ועסקן ואיש המעשה, עוסק בצרכי ציבור באמונה ויחד עם זה חובב ספר ויודע ספר. בכל שעה פנויה מעסקיו המסועפים או מענייני הכלל בילינו יחד, אם בלימוד בצוותא ואם בויכוחים על מחקרים שונים, אבי חותנו היה ר׳ יששכר לוי אותו ביקשתי לא פעם שישפיע על זקנו שיקבלני בביתו, שיראה לי את כתב היד, אבל ר׳ מיכל דחה אותי ביקש, טען וחזר וטען שכתב יד זה בדרך הקבלה ואין להבין את תוכן הדברים, לשם מה לעמל למטרה זו.

אבל שאיפתי גברה והלכה לחשוף את המסתורין סביב לכתב יד זה. החלטתי לפנות באורח ישיר לרבי יששכר, שלא העלים ממני את סיפור כתב היד, איך הגיע לידו.

לפני כששים—שבעים שנה — פתח רבי יששכר, בא לביתי יהודי מבאלטה ובקשה בפיו: בידו, אמר, כתב יד מאביו של הרה״ק רבי פישל מסטריקוב ובת

שלו הגיעה לפרקה ולכן מוכן היה למכור את כתב היד, או, ביקש כי אושיט לו את עזרתי להדפסתו. לקחתי ממנו את כתב היד ועשיתי דרכי לגור, לאדמו״ר בעל ״שפת אמת״ זצ״ל.

בפתח החיבור מונה הרה״ק רבי יוסף יהודה את שמות בניו, את הרה״ק ר׳ פישל׳ה הוא מכנה ״ובני חסיד ר׳ אפרים פישל מפולין״. כשנתתי את כתב היד לאדמו״ר, הוא הבחין בפתיחה זו, התרגש ביותר ואמר: ״הוא ידע מהו כותב, ובני החסיד, ובני החסיד״.

נשארתי לשבת בגור — המשיך ר׳ יששכר בסיפורו — כתב היד היה אצל הרבי, ביום הראשון, כשבאתי להיפרד ביקשתי את הספר. ענה ואמר: כתב היד נמצא אצל בני (ממלא מקומו ברבות הימים, האדמו״ר רא״מ מגור) להדפיס את החיבור, ס׳איז דאָ זאכן וואָס איז נישט פאר דער וועלט, אויסקלויבן ווער ויעט עס מאכן — לבחור מה להדפיס ומה לא — מי יעשה מלאכה זו?

כתב היד נשאר כבר בגור, שלחתי את היהודי מבאלטה לגור והאדמו״ר רבי אברהם מרדכי שילם לו מחירו. כעבור עשרים שנה, אחרי פטירת הרבי בעל ״שפת־אמת״ ובנו מילא מקומו, נסעתי לגור לאדמו״ר ובין יתר הדברים אמרתי לו ״הבאתי לרבי את החיבור של אבי האדמו״ר ר׳ פישל מסטריקוב, אני נינו, מאוד הייתי רוצה להעתיקו״. האדמו״ר מגור נענה לבקשתי. כעבור שנה קיבלתי העתק מכתב יד.

סיים ר׳ יששכר את סיפורו, ניגש לארון והוציא את החיבור, החזיקו בידו מבלי לתת לי לנגוע בו, דפדף בו לעיני וסירב להרשות לי לעיין בו כסדרו, אמר, כי ישנם בחיבור סודות, שלא כל אחד רשאי לדעתם.

כעבור שנה נפטר רבי יששכר בהיותו כבן תשעים. ר׳ מיכל רוזנזפט, נכדו, קיבל בירושה את כתב היד, מאז עיינתי בו, העתקתי קטע, פה ושם, ובשנת תרצ״ח ואז גרתי בלודז׳ באתי לידי הסכם עם ר׳ מיכל, מסרתי לו כערבון מאה ספרים מספרייתי שהוא בחרם והוא השאיל לי את החיבור עד אשר אסיים להעתיקו. בטרם סיימתי את מלאכתי ופרצה מלחמת העולם האחרונה, שטפה באש ומים את פולין כולה, היו אנשים ואמרו שבעיירות קטנות יוטב ליהודים מאשר בערים גדולות, שם יניחו אותם הגרמנים לנפשם. ברחתי עם רבים אחרים מלודז לזלוב, ומזוודה מלאה כתבי יד שונים וביניהם כת״י זה בידי. חזרנו כבר ברגל ללודז אולם את המזוודה לא הוצאתי מידי, כשגורשנו מביתנו בעיר ועברנו לגיטו ליצמנשטט לקחתי בראש וראשונה את כתבי היד שרכשתי לי.

פעם בלילה אחד בשנת תש״ד, בתקופה בה עבדתי בבית־הקברות היהודי,


נוכחתי לדעת שבאו מים עד נפש, שעת חיסול סופי של שרידי קהילת לודז ואני בתוכם מתקרבת במהירות. החלטתי להציל את כתבי היד. יצאתי לשדה הקברים עם המזוודה ובה כתב־היד הכנסתי את המזוודה לקבר פתוח שהוכן לנפטרים, כיסיתיו בזפת, סתמתיו ועשיתי צורת קבר. עזר לי אחד. מעובדי בית־הקברות. למחרת גורשתי למחנה השמדה באושוויץ.

שוחררתי אחרי המלחמה ומחלה קשה פקדה אותי, שכבתי בבית־החולים בטרזנשטט ומשם הועברתי ללודז, מרותק למיטתי למעלה מחצי שנה. פעם ביקר אותי הצעיר שעזר לי להחביא את המזוודה, בקשתיו בכל לשון כי יסור לבית־הקברות יוציא את המזוודה משם. חלפו ימים ושבועות והוא שוב לא ביקר בביתי. כשהופיע כעבור זמן ממושך, סיפר לי בלשון רפה שלא רצה לצער אותי בעת מחלתי, הוא חיפש וחיטט ואת המזוודה לא מצא.


חלפו חודשים מספר והבראתי. הרופא הרשה לי לצאת לטיול בעיר, במרכבה. את טיולי הראשון עשיתי בלווית ידידי ר׳ לייב פרומן, בן הרה״ג ר׳ יעקב יהושע בעל ״נחלת יעקב יהושע״ החי אתנו בתל־אביב, ואגב, נינו של אדמו״ר ר׳ פישל מסטריקוב זצ״ל. נסענו לבית־קברות, שם נעמדתי ליד קבר ואמרתי: פה טמונה המזוודה. מלווי ובפרט ר׳ לייב פרומן החלו לחפור במקום, כעבור רגעים מספר ומזוודה נתגלתה.

כיבוש ושואה

אקופאציע און אומקום



די אײַנזידלונג אין
לאָדזשער געטאָ
אין דער צײַט פֿון
סעפּטעמבער 1941
ביז אויגוסט 1942
לאָדזש
וולאָצלאַוועק
3082
טורעק
אָזאָרקאָוו
קאַליש
וואַרטע
533
שעראַדז
185
זדונסקא וואָלא
פּאַביאַניץ
לאַסק
290
1054
בעלכאַטאָוו
5180
בזשעזשין
1034
984
קעלן
2007
512
4187
בערלין
4415
פראַנקפורט אם מיין
5000
פּראַג
ווין


פרקי
שואה

יצחק קצנלסון

השיר על העם היהודי שנהרג

(קטעים)

"שירה, שירה־נא עוד זאת הפעם האחרונה עַל אדמות,
הפשל ראשך לאחור, גלגל עינים בדבקות ובעים,
ובפעם אחרונה תשירה לו, את נבלך תעיר בקול־ענות:
כי תמו יהודים ואינם עוד, נהרגו, נכרתו ואינם!"
— — איך אשיר — והעולם נהפך עלי שומם?
איך אנגן, בעוד ידי אפרך?
היכן מתי? מתי אני מבקש! אלי, באשר כל גל אשפה שם מתרומם,
באשר תל־אפר שם: הגידו־נא איה אמצאכם ואיך?
זעקו, שאו קול מכל צרור־חול, מתחת לאבנים,
יזעק כל נד אבק, כל אש וכל עשן המתמר —
דמכם הוא ולשדכם, זה מח־עצמים,
זעקו, הרימו קול! הנפש והשאר!
תעלה זעקתכם מבטן חיתו יער, מיאור, ממעי־דג,
שהם אכלו אתכם, זעקו מכבשנים, שועו קטן, גדול,
זעקת־חמס אחפוץ לשמוע, תאינה אחפוץ, שאו קול, לקול
מכם אתגעגע,
זעק, עם ישראל אשר נהרג, שאג, השמיעה קול!
הם, ילדים מישראל, הראשונים היו כולם לגזר־הדין ולאסון,
רובם בלא אב ואם; אכל בהם הקרח, הרעב והכנם;
משיחים קדושים, מקדשים ביסורים... אמרו־נא,
אלה מה חטאו, הצאן?
מדוע זה בימי הכליון הם ראשונים הפקר לרשע,
ראשונים בכף הגם?

יצחק קאצענעלסאָן

זיי זענען דא שוין די וועגענער ווידער!

("דאָס ליד פון אויסגעהרגעטן יידישן פאָלק")

אַ שרעק, אַ מורא אימהדיק, אַ פחד גרויסבאַפאַלט מיך, נעמט מיך אַרום פעסט —
זיי זענען ד שוין די וואַגאָנען ווידער! נעכטן ערשט פאַרנאַכט — אַוועק —
און היינט — זיי זענען דאָ שוין ווידער, זיי שטייען אויפן אומשלאַק שוין...
דו זעסט,
די אָפענע די מיילער? זיי האָבן אויפגעעפנט זיי, אַ שרעק!

ב.

זיי ווילן נאָך! זיי ווילן ווידער שוין, זיי ווערן גאָרנישט זאַט,
זיי שטייען שוין און וואַרטן — יידן! ווען ברענגט מען זיי אַהער?
הונגעריקע — ווי זיי וואָלטן נאָך קיין ייד אין מויל אין זייערן געהאַט...
געהאַט! און אַז געהאַט, איז וואָס? זיי ווילן מערער נאָך, זיי ווילן מער!

ג.

זיי ווילן נאָך, זיי שטייען שוין און וואַרטן ווי געגרייט אַ טיש,
און גרייט צום עסן — יידן! אַהער זיי, וויפיל ס'וועט אַריין!
יידן! 'סאַלטע פאָלק מיט קינדער יונגינקע, יונג אַזוי און פריש,
יונגע טרויבן פון אַן אַלטן צווייג, און יידן אַלט ווי אַלטער שטאַרקער וויין.

ד.

מיר ווילן נאָך, נאָך יידן... וואַגאָנען ווי גזלנים קאַלט און האַרט,
זיי שרייען: נאָך! און מער נאָך! זיי ווייסן נישט פון קיין גענוג,
זיי שטייען שוין און וואַרטן אויפן אומשלאַק... מען וואַרט
אויף אונדז מען וואַרט,
וואַגאָנען תמעוואַטע, ברייט געעפנט אַ סך, אַ גאַנצער צוג.

ה.

זיי זענען פול געווען דאָ ערשט, געשטיקט פון יידן זיך,
דערשטיקט,
יידן טויטע זענען געשטאַנען נעכטן צווישן לעבעדיקע
דאָ געפּלעפּט —
טויטע זענען געשטאַנען און פאַלן נישט געקענט אין דעם
געדריק,
נאָר ס'איז געווען נישט קאַנטיק ווער פון זיי איז טויט און
ווער עס לעבט.

ו.

ביים טויטן יידן האָט זיך לעבעדיק געשאָקלט הין און הער
דער קאָפּ,
און פון לעבעדיקן האָט געגאָסן זיך דער טויטער שווייס;
אַ יידיש קינד בעט ביי זיין טויטער מאַמען: וואַסער! גיב
וואַסער מיר אַ טראָפּ;
עס שלאָגט איר מיט די הענטלעך אין פּנים: לאָז! עס איז
מיר הייס!

ז.

און נאָך אַ קינד, אַ קלייניקעס אויף זיין טויטן פאָטערס
הענט —
יאָ, קינדער, כאָטש פאַרחלשטע, פאַרשמאַכטע קינדער
האַלטן אויס!
דער טאַטע זיינער, כאָטש אַ גרויסער — האָט ניט אויסהאַלטן
געקענט —
ס'קינד ווייס ניט, ס'בעט זיך אַלץ נאָך: קום! קום טאַטע!
קום אַרויס!

ח.

און ווייט דאָרט אין וואַגאָן, אין יענער זייט דאָרט, אין
יענעם עק וואַגאָן
איז עפעס פאַרגעקומען, האָט וואָס פּאַסירט און קיינער ווייס
נישט וואָס ?
דער עולם אָבער שמייכלט, דער עולם אָבער שטויסט זיך אָן,
ס'איז עמיצער אַרויסגעשפּרונגען דאָרט... הערט, הערט אַ שאָס !

ט.

ס'איז ווער אַרויסגעשפּרונגען... און יידן שמייכלען, מען גיט
פאַרשטומט אַ לאַך,
אָ, יידן טייערע, אָ יידן הייליקע איר מיינע וואָס איר זייט !
וואָס פרייט איר זיך ? הערט דער אוקראַאינער —
ער שיסט אַראָפּ פון דאַך,
איז וואָס ? אַבי ס'איז ווער אַרויס ! אַבי עס האָט זיך
עמעצער באַפרייט

י.

און אַז אַ קויל איז וואָס ? עס ווינטשן אַלע זיך דאָ אין
וואַגאָן אַ קויל —
זי מיידט דאַך קיינעם נישט ! בעסער שוין זי טרעפט אונדז
פריי אין פעלד,
איידער — — ווו ? ווו פירט מען אונדז ? ווער זאָגט עס ווידוי
מיטן פולן מויל ?
זאָגט נאָך ! זאָגט אַלע נאָך — און ס'וואַרפט פון היץ אייך
אַלעמען און קעלט.
ליידיקע וואַגאָנען ! איר זענט ערשט פול געווען, יעצט זענט איר
ווידער לער,

יא.

ווו האָט איר זיי אַהינגעטאָן, די יידן ? וואָס איז מיט זיי געשען ?
צענטויזנט אָפּגעציילטע און פאַרחתמ'עט — ווי קומט איר ווידער
דאָ אַהער ?
אָ, זאָגט, וואַגאָנען מיר, וואַגאָנען ליידיקע, זאָגט, ווו זענט
איר געווען ?

יב.

איר קומט פון יענער וועלט, איך ווייס זי מוז ניט זיין דאָ ווייט,
ר'זענט נעכטן ערשט אַוועק פון דאַנען אָנגעלאָדענע און היינט —
איר זענט

וואָס איילט איר זיך אַזוי, וואַגאָנען? וואָס האָט איר ניט אַזוי
קיין צייט?

איר ווערט ווי איך גיך אַלט ווערן, ווי איך צעבראָכן, אַלט און גראָ.

יג.

פון צוקוקן אַליין, פון צוזען אַלץ, פון צוהערן דאָס אַלץ —
געוואַלד!

ווי האַלט איר'ס אויס, אַאון כאָטש איר זענט פון אייזן און
פון האָלץ

אַ, אייזן, ביזט אין דר'ערד געלעגן טיף, אָ אייזן קאַלט,
אָ, האַלץ, דו ביזט אַ בוים געוואַקסן אויף דער ערד, אי הויך,
אי שטאָלץ!

יד.

און יעצט? איר זענט וואַגאָנען, לאַסט־וואַגאָנען יעצט, איר קוקט
זיך צו

איר שטומע עדות פון אַ לאַסט אַזאַ און פון אַזאַ אַ פּיין און
פון אַזאַ אַ נויט?

איר האָט זיך שטומע און פאַרמאַכט צוגעקוקט, אָ, זאָגט
וואַגאָנען ווו

איר פירט, איר האָט דאָס פאָלק דאָס יידישע אַרויסגעפירט
צום טויט?

טו.

איר זענט ניט שולדיק, מען לאָדנט אייך דאָ און מען זאָגט אייך:
פאָרט!

מען שיקט אייך אָפּ מיט פולן, מען טרייבט אייך מיט ליידיקן
צוריק אַהער —

וואַגאָנען איר, איר קומט פון יענער וועלט, אָ זאָגט מיר, זאָגט
אַ וואָרט,

גיט רעדער זיך אַ דריי, דערציילט, און איך, איך לאָז די טרער...!



לוח זה זכרון
ליהודי הקהילה הקדושה
של העיר
זלוב
פלך לודז פולין
נשמות קדושים וטהורים חסידים
יראי ה' של קהילתינו שנהרגו
ושנשרפו ושנטבחו ושנחנקו
ע"י הצוררים הגרמנים ימ"ש
תנצב"ה ה' ינקום דמם
בשנת תש"ב
ב' אלול
מנציחים
כל יוצאי עיר זלוב
בישראל ובגולה
מגילת השמדה

„לוח־הזכרון"

זאב שקופף

לוח־זכרון

לוח הזכרון המוצב על ידי שרידי עיירתנו הקדושה במרתף השואה בהר־ציון, משלב את זכריו יקירינו חללי השואה בלבה של ארצנו הקדושה ועושה את השואה כשלב לתקומת־ישראל שזכינו לה בימינו. היטלר הרשע ימ״ש לא היה יכול לתאר לעצמו כי על חורבת אומתנו נבנה בנין־עד ונמשיך בחיים ובתקומה לאחרי הגאזים והמשרפות. פלא זה של תחיית ישראל משליך זוהר חדש גם על אסון השואה ומקרין גם אותו באור האמונה. לא בא פלא זה אלא להורותנו כי אין מקרה בהיסטוריה אלא הכל מכוון ומודרך מהשמיים, ורק יחיד ומיוחד זה שהוביל אותנו לאור גדול של גאולת ישראל רק הוא יודע את סודם של ימי־האפלה שעלו לנו בכ״כ הרבה דמים ורק הוא היודע למה ולשם מה באו ימי אימים אלה בלווי אכזריות שאין דוגמתה כאקדמה לתחייתה של מדינת־ישראל.

לוח הזכרון בהר־ציון נועד לעורר בלבבות מחשב זו ולהזריח מאור ציון על מחשכי גלויות. אבותינו הקדושים מתו מתוך אמונה בגאולה, כל חייהם היו קודש לאמונה ולגאולה. פניהם היו מכוונים תמיד למזרח והם מתו כשהם שרים אני מאמין בביאת המשיח. אמנם הגאולה השלמה טרם באה, ואנו מחכים לה בכל יום שתבוא, אולם נצנוצי שחר כבר נראו בימינו והם מאירים גם את חשכת השואה באור קלוש. נחמתנו היא שאותו צורר שנשבע להכחיד את כל היהודים, נכחד ונשמד מן העולם ואנו חיים וקיימים ומכריזים על כח החיים שלנו גם עם מזכרת קדושינו המומתים. אותו רשע לא ביצע את זממו אם כי הצליח להרוג מיליונים מאחינו. את נצח ישראל הוא לא השמיד ואת אור אומתנו הוא לא כיבה. נצח ישראל חי וקיים ומושרש על הררי ציון והוא ירפא גם את מחץ־לבנו על אבדן בני עיירתנו יקרים בבת חיוך של רחמים ובקריאה משובבת — נחמו נחמו עמי.

אמנם קשה, קשה עד מאוד להתנחם. אמנם דמעות נוזלות מעינים ללא הפוגה והלב נשבר לרסיסים. בזכרוננו עולים אותם החיים הקדושים והטהורים של

עיירה קדושה בישראל שהיתה מלאה חן, תפארת והדרת־קודש. את אשר ראינו בעינינו לא נראה עוד לעולמים. לא נראה את התורה ואת החסידות, את מידות הטובות ואת הקדושה, את היזמה ואת החיים השופעים, את העסקנות הברוכה ואת מכלול התפארת שהיו בעיירתנו הקטנה והנחמדה. כיסה האדמה על כל אלה והם נגנזו ללא שוב. את אשר ראינו לא נראה עוד לעולמים. בוכה הלב בכיה קורעת שמי שמים על אבדן כל הקדוש, כל היקר לנו מבלי שנבין ונדע למה ומדוע ומבלי שנשכיל לחדור לסתומות ההויה, לחקור ולשאול על מה עלתה ככה בימינו? למה עוללו לנו זאת?

אולם הנעשה אין להשיב. השם ברוך הוא גנז את הסוד הגדול באוצריו ואין אתנו יודע מקומו ומהותו של סוד. אם אשר נשאר גם לנו למנחם נפש הוא המזכרת הקדושה אשר אנו נושאים בלבנו כקמיע של אש. כל עוד מהבהבת אישה של מזכרת זו בתוך נשמתנו עודו חי וקיים עולם נפלא זה שהתמוטט בידי צוררי ישראל. נשמור באהבה על המזכרת, נעלה אותה על לוח לבנו כל יום וכל שעה. נמסור אותה ברטט ובאהבה לבנינו אחרינו, נעמידה סמל לחיינו ודוגמא לעתידנו. נציב לה יד ושם בציון המצויינת, נחרות בעט ברזל את שם עיירתנו הקדושה וקדושיה בלב הר־ציון ונבוא תמיד לכאן להתייחד, להתפלל, להתרומם, לשאוב מלוא אפניים ברכה, לקלל את צוררי עמנו באשר הם שם ולברך את אלוקי ישראל אשר נתן שם ושארית לעמנו בארץ הזאת והמתיק את הגלולה המרה של שואה בתחיית ישראל ובתקומת ישראל.

יהא זכר אבותינו כח מעודד לכולנו להמשיך בתפארת חייהם עדי נזכה לגאולה שלמה אמן. תנצב"ה.

(נאום בהצבת לוח הזכרון על הר־ציון).

מחנה ההשמדה בחלמנו

"חלמנו", הפך למושג מוחשי בתולדות השואה. היה זה "בית־חרושת להשמדה" הראשון מסוגו, שהפעילו הנאצים לרצח־המוני. בחלמנו עונו והושמדו למעלה ממיליון נפשות טהורות. אנו מוצאים לנכון לפרסם קטעים מתוך העדויות הראשונות כפי שהתפרסמו בלונדון בשנת 1942 (בחוברת "סטופ דהן", "עצרו אותם"). מפעל הרצח בחלמנו התחיל לפעול בשלהי שנת 1940, הוא פעל עד ראשית שנת 1945. עם התקרב החזית לפולין, ניסו הרוצחים לטשטש את מעשי ה"גינוסייד" בממדים שאין להם תקדים בהיסטוריה. הם ניסו — בלי הצלחה — לטשטש עקבות הרצח.

לפנינו ארבע עדויות שניגבו ע"י שופט חוקר מהעדים. שלושה מן העדים הם יהודים, ניצולי חלמנו, הרביעי הוא גוי, שכן למחנה ההשמדה, המתאר את התרשמותו ממחנה הרצח, כפי שהוא ראה ושמע מתוך חלונות ביתו.

למרות כל מלאכת־ההטעיה של הנאצים, ידעו יהודי האיזור על הנעשה בחלמנו, מיד עם ראשית הפעלת מכונת־הרצח (בשלהי 1940). ר' הענעך שרייער מיקירי ועשירי קאליש, שהתגלגל בזמן המלחמה לגיטו בקוז'מינקה, הקדיש מרץ וכסף רב בכדי לגלות את עקבות היהודים בקויל ובמקומות אחרים באיזור שנעלמו. ע"י גויים מכרים — בתשלום רב כמובן — גילו הנ"ל להיכן העקבות מובילים. בראשית ינואר 1942 הועברו כאלף מיהודי קוזמינקה, סטאווישין וקאליש ל"מזרח". למרות כל ה"שבועות" והשיכנוע של הנאצי גלר (הממונה על יהודי האיזור), לא הושלו היהודים. הם ידעו בדיוק נמרץ מהו ה"יעד". בזמן ה"אקציה" התמוטט ר' אביגדור בוים מקאליש (היה חבר "מועצת היהודים המצומצמת במקום), בהתייפחו גילה לי מהו טיב ה"יעד". באותם ימי יאנואר, נכנס איש ס.ס. לבית־המלאכה לחייטות ובידו פרווה, אותה ביקש להתקין ולהתאים לו לפי מידתו. העבודה נמסרה לגדליה שר מסטאבישין, גדליה התעלף, הוא הכיר את פרוות אביו, שמואל יעקב, שנשלח לפני יומיים ל"מזרח"... אגב, הפרווה היתה מגואלת בדם. גם בטורק ידעו בדיוק את מסלול של המשאיות השחורות. על־כל־פנים ידידי הבלתי נשכח ר' יוסף בונים יאכימוביץ, איש בעל שאר־רוח, ידע על כך בדיוק נמרץ.

לפי הידוע לנו, התרחשו מחזות־אימים, מקפיאי־דם, לפני ביצוע ההשמדה. הנידונים זורזו, הוכו מכות־רצח ע״י ה־ס.ס. יש והאנשים דעתם נטרפה עליהם. מאידך, היו גילויים של התנגדות. רובם התייחדו ברגעיהם האחרונים עם קונם בתפילה אחרונה, הוידוי. גם אחרי ההמתה, לא חסו התליינים על כבוד הקדושים, הם נזרקו כדומן, חיטטו בגופותיהם (במיוחד אצל נשים), שמא החביאו משהו בגופם במקום סתר... עקרו שיניים... מאחר והתליינים ניצלו את הקרבנות גם כקברנים, קרה שאנשים ממש השתגעו, בהיתקלם בגופות ייקריהם־קרוביהם, אשה, בת־יחידה, ילד פעוט, אב זקן. ארץ אל תכסי דמם!

* * *

״בסוף חודש נובמבר 1940 באה הגסטאפו לחלמנו. מקום זה נבחר ע״י התליינים ב־9 בדצמבר נגמרו כל התיקונים כך שהם היו מוכנים לקבלת אנשים. באותו יום הגיע המשלוח הראשון של יהודים מהעיר קולו (קויל) במיספר 700 נפש. המשלוחים הבאים מדומביה ומהעיירות הסמוכות הובאו לחלמנו בלילה. עד האביב היו מביאים יום־יום משלוחים שהגיעו לאלפיים נפש כל אחד. את האנשים האלה היו מוציאים ליער סמוך, 3 ק״מ מהארמון בחלמנו. ביער זה הכינו את גיא ההריגה, כרו שוחות עמוקות ברוחב של 6 מטר בהן היו שמים את הגופות. בשדה השני התחילו לבנות כבשנים שבהם היו שורפים את גופות ההרוגים. את האנשים הביאו לחלמנו בערמה, באמרם שהם באים לעבוד, היו מצווים עליהם להתפשט, אח״כ מכניסים את האנשים ערומים לגמרי, בלי לחסוך מכות במגלבים. באוטומובילים היו סידורים מיוחדים שהיו גורמים לפליטת גאז לתוך האוטו, כך שהאנשים בתוך האוטו היו מורעלים עוד לפני שהגיעו ליער. פעולה זו נמשכה עד יוני 1941 והופסקה בגלל רקב הגופות...״

לפי עדויות שנרשמו בידי יעקב ולדמן משלטון המחוז בטורק, בנוכחות קצין המחוז טדיאוש קרוינסקי ביום 1 באפריל 1945, הגיע מספר הנרצחים בחלמנו למיליון ושלש מאות אלף. מספר זה נקבע על־סמך עדויות. (מפרשת השואה. תעודות על סבלות היהודים תחת שלטון הנאצים. עמ׳ 25—28).

שמעון סרברניק (בן 15) הובא למחנה השמדה בחלמנו:

״כל זמן שהותי בחלמנו, עבדתי בחטיבת עצים. על רגלי שמו אזיקים, שלא אוכל לברוח. בצבת מוכרח הייתי לעקור מפיות ההרוגים שיניים או כותרות של זהב, להוריד טבעות וצמידים. הייתי נוכח בזמן שריפת הגופות ושברתי בגרזן

עצמות של אנשים. הייתי בין הנידונים למוות וחיכיתי לתורי. נבהלתי מרעש היריות ורעדתי בכל גופי והדבר הזה גרם שהכדור לא פגע בגולגולתי. הקרבנות שנידונו למוות, התנפלו מתוך יאוש על הרוצחים. השתמשתי במבוכה שקמה לרגלי ההתקוממות ובמאמץ עליון ברחתי". (מפרשת השואה. תעודות על סבלות היהודים תחת שלטון הנאצים עמ' 42—43).

על מחנה המוות הגרמני חלמנו, בו מצאו את מותם האכזרי יהודים רבים וביניהם גם יהודי זלוב, — אנו מוצאים מסופר ב"ספר מלחמות הגיטאות". הוצאת הקיבוץ המאוחד, בית לוחמי הגיטאות ע"ש יצחק קצנלסון, ערוך בידי יצחק צוקרמן, משה בסוך. ניסן תשי"ד, 1954, עמ' 594—598.

מספר מיכאל פודחלבניק:

"בשלהי דצמבר 1941 הוקפה העיר קולו ע"י יחידות גרמניות. היהודים הובהלו מבתיהם אל ה"יודענראט", שהיה בניין סמוך לבית הכנסת. הגיעו אוטומובילים ויהודים יצאו מתוך הבנין הם ומשפחותיהם, וצרורות בידיהם. ביציאה עמד שולחן ואליו הסב קצין ס. ס. ובידו רשימת כל היהדים יושבי קולו, וכל אשר נקרא בשמו, נצטווה להיכנס אל תוך האוטומוביל. בכל אוטומוביל הוכנסו ארבעים איש בערך. את הצרורות הטעינו על קרון־גרר. השומרים וכן חברי ה"יודנראט" אמרו כי המוסעים יובלו לעבודה בקו מסילת־הברזל. בשני אוטומובילי־המשא שהובילו יהודים, נהגו גרמנים. במשך היום הוצאו כאלף איש. בין המלווים היה הפולקסדויטשא סיודה מגושצ'יאלאץ, ששירת בעת ההיא במשטרה הצבאית. הוא אמר ליהודים: "אל תפחדו, מובליים אתכם לתחנת בארלוגי ומשם תצאו מזרחה". היהודים תושבי העיר הכירו אותו והאמינו לדבריו. כל מכונית חזרה במשך היום 10—12 פעמים ודבר זה הוסיף תוקף להשערתנו כי אמנם מובלים היהודים לא־הרחק מקולו.

אני לא הייתי בין המובלים, וטעמו של דבר. בעת ההיא רשום הייתי בבוגאי שבמחוז קולו, ולא נמצאתי כלל ברשימת יהודי קולו. הבאתי אל האוטו את אבי, אמי, אחותי עם חמשת ילדיה, את אחי ואשתו עם שלושת ילדיהם. עזרתי להם באריזת החפצים והטענתם על קרון הגרר. הייתי עד להשתדלותו של יהודי אחד, גולדברג שמו, בעל מנסרה בסביבת קולו, שלאחר שילוח בנו, הפציר בהם בשלטונות הגרמניים למנותו מנהל התחנה של קולו. הם הבטיחו לו זו המשרה. יום אחד בא במקרה לבית היודנראט איזה נער וסיפר כי את ההודים מובילים לא לבארלוגי כי אם לחלמנו, במו עיניו ראה זאת. על כן השיבו הגרמנים כי שם רק ממיינים את היהודים ואת החזקים יותר בוחרים לעבודה במערב. ובכך נרגעו

הרוחות. לאחרונה הוצאו החולים. לנהגים ניתנו הוראות לנסוע לאט ובזהירות... האקציה בקולו נמשכה ארבעה—חמישה ימים.

בתחילת ינואר 1942 נלקחתי יחד עם עוד ארבעה־עשר יהודים אל תחנת המשטרה ונעצרתי באשמת בריחתו של דודני מרדכי פודחלבניק. בשבת בשעה ארבע אחר־הצהרים הגיעה מכונית־משא ובה חמישה־עשר יהודים מאיזביץ. אותה שעה הגיעה מכונית־נוסעים ובה קצין ס.ס. שהיה ידוע לי מזמן האקציה בקולו. (הוא, הוא שהיה מוחק מן הרשימה שבידו את שמות הבאים לתוך האוטו). העלו אותנו על מכונית־המשא ויחד עם יהודי איזביץ הובלנו לחלמנו. הגענו אל שטח הפארק שליד הארמון בחלמנו. כל השטח גדור היה בגדר קרשים שנעשתה לא מזמן, כשלושה מטרים לגובה, צפופה היתה הגדר ולא ניתן לראות בעדה דבר מן הנעשה בפנים. השער נפתח והמכונית נכנסה ונעצרה ליד הארמון. בשעת הכניסה לחצר, הרימותי את האברזין והבחנתי בערימה של בגדים משומשים. ירדנו בין שורות של אנשי ס.ס. והובלנו למרתף כשהם ממריצים אותנו בקתות הרובים ובצריחות. ספרו אותנו ונעלו את דלת המרתף מאחורינו. כל אותו שבוע לא נתארע דבר. כלואים היינו בתוך המרתף באפס מעשה. עביט שהוצב לעשיית צרכים, היה מוצא ע״י אחד מאתנו תחת משמר חזק. דבר אחד יכולתי להבחין: בכל מקום ניצבים משמרות חזקים. על קירות המרתף היו כתובות מרובות. בין השאר היתה שם כתובת באידיש: ״כל הבא לכאן — שוב לא יצא חי״. לא עוד השלינו את עצמנו לאשר צפוי לנו. בבוקרו של יום ב׳ נלקחו מאתנו שלושים איש לעבודה ביער. עשרה, ואני בתוכם נשארו במרתף. חלון קטן קבוע היה במרתף אך כולו מוגף קרשים. בשעה שמונה הגיעה מכונית לארמון. שמעתי קולו של גרמני הפונה בדברים אל הבאים ובין השאר אמר: ״אתם תסעו מזרחה, שם מצויים הרבה מקומות עבודה, אין לכם אלא להחליף את בגדיכם בנקיים שינתנו לכם ולהתרחץ״. נשמעו מחיאות כפיים. מקץ שעה קלה הבחנו ברגליים יחפות רצות במסדרון המרתף, בסמוך למקום כליאתנו. כן הגיעו אלינו קולות הגרמנים ״מהר, מהר!״ אין זאת כי אם דרך המסדרון מעבירים את היהודים לתוך החצר הפנימית. פתאום שמעתי חריקת דלת בהיסגרה. נשמעו צעקות, דפיקות בדופן המכונית. אחר כך שמעתי כי מניעים את המכונית ולאחר 6—7 דקות, משנדמו הצעקות, יצאה המכונית את החצר.

אותה שעה נקראנו אנחנו, עשרת הפועלים היהודים, למעלה, אל חדר גדול שעל רצפתו היו מוטלים בערבוביה בגדי גברים ונשים, מעילים ונעליים. נצטווינו להוציאם מהר אל חדר אחר שהיה כבר משופע בגדים ונעליים. את הנעליים

סדרנו בערימה מיוחדת. בגמר עבודתנו הובהלנו חזרה למרתף. ושוב הגיעה מכונית וחזר הכל כמתואר למעלה. וכך יום תמים.

לעת ערב משחזרו החברים מעבודתם ביער, סיפרו כי קברו בקבר אחים גדול את יהודי קלודבה. את הגוויות הוציאו מתוך אוטומובילים גדולים צבועים שחור, בתוכם הומת היהדים, כפי שמסתבר, בגאזי רעל. הגוויות כולן היו עטופות לבנים ובתוך המכונית התגוללו מגבות וחתיכות סבון. דבר זה חיזק את השערתי שלאחר התפשטם, ניתנו ליהודים מגבות וסבון והובאו אל המרתף ל"רחיצה" כביכול. שלושה—ארבעה מקבוצות העובדים ביער לא חזרו אותו יום, לא הניחו את הדעת והומתו ביריה בו במקום.

למחרת היום הייתי אף אני בין היוצאים ליער. בצאתי הבחנתי באוטומובילים גדולים שעמדו בקצה החצר ואחוריהם כלפי הארמון. דלתותיהם פתוחות היו ולוחות היו מונחים להקלת הכניסה לתוכם. השגחתי שעל הרצפה היה סורג של עץ, כמות שמצויים במרחצאות. הכניסו אותנו שלושים פועלים לתוך שני אוטומובילים, אחת של משא והשני של נוסעים, והוסענו אל היער שמאחורי חלמנו. כשלושים אנשי ס. ס. היו לנו למשמר. ביער היתה שוחה כרויה, קבר האחים הגדול ליהודים המומתים. נצטווינו להרחיב השוחה ולהאריכה, ולשם כך ניתנו לנו מכושים ואתים. בשמונה בבוקר הגיע האוטומוביל הראשון מחלמנו. בהיפתח דלתותיו, פרץ עשן חיוורין־כהה. נאסר עלינו אותה שעה להתקרב אל האוטומוביל, אף לא להביט לעבר הדלתות הנפתחות. אך השגחתי כי עם פתיחת הדלתות, הסתלקו הגרמנים מהר מן האוטומוביל. קשה לי לקבוע טיבם של הגאזים שפרצו מתוך האוטומוביל. עומדים היינו במרחק די ניכר והריחות לא הגיעו לאפנו. במסכות־גאז לא השתמשנו. כעבור שלוש—ארבע דקות עלו אל המכונית שלושה יהודים והשליכו מתוכה את הגוויות. בפנים האוטומוביל היו המומתים מוטלים זה על גבי זה בערבוביה ומילאו חצי חללו. מהם מחזיקים בזרועותיהם את הנפשות היקרות להם, מהם — עדיין יש בהם רוח חיים, ואנשי ס. ס. מקרבים קיצם ביריות אקדח, מי שנורה בראשו ומי בעורפו. לאחר שהוצאו כל הגוויות, חזר האוטומוביל לעבר חלמנו.

בצהרים ניתן לנו אוכל. נצטווינו לצאת מן השוחה בלי האתים ולהסתדר במעגל. אף אנשי הס. ס. כבר היו מסודרים במעגל שני. ניתן לנו קפה שחור והאוכל שהביאו אתם היהודים בצרורותיהם. אותו ערב, לאחר העבודה, תלה את עצמו במרתף קשיוואצקי, איש קלודובה, ועוד יהודי אחד שאיני זוכר את משפחתו. ביקשתי לעשות כמותם, אך שידלוני לא לעשות כן. שעה שהיינו נוסעים לעבודה

שמתי לב, כי חלון אחד של המכונית ניתן להיפתח. מסרתי על כך לחברי וינר מאיזביץ והצעתי תכנית של בריחה. החלטנו לבצע את הדבר למחרת היום, בשעת הנסיעה לעבודה נקפוץ בעד החלון ונברח אל היער. למחרת בכניסתנו לאוטומובילים, הפרידו בינינו. אני הוכנסתי במכונית־משא והוא, וינר, באוטובוס. החלטתי לברוח לבדי. כאשר המכונית כבר היתה ביער, פניתי אל השומר המלווה בבקשה שיתן לי סיגריה. כשקיבלתי את הסיגריה, נרתעתי והחברים הקיפו את השומר בזה אחר זה — ביקשו אף הם סיגריות. בתנועת־פתע מהירה חתכתי בסכין שהיה טמון עמי באברזין שמימין לנהג וקפצתי מתוך האוטומוביל. ירו כמה פעמים אחרי והחטיאו. לאושרי לא היה האוטובוס מאחורינו.

דבר העדרו של האוטובוס עורר בי השערה שוינר ברח ומחמת כך נעצר האוטובוס בדרכו. ברוצי ביער, ניסה אי־מי, אזרח רכוב על אופניים לעצרני אגב יריות באקדח. נמלטתי. התגנבתי לתוך איזה גורן והתחבאתי בשחת. בבוקר שמעתי קול אנשים ליד הגורן. עומדים ומסיחים שהגרמנים מבקשים יהודים שברחו. מקץ יומיים, ושום דבר אוכל לא בא אל פי, יצאתי בהתגנב מן הגורן ושמתי פעמי לכיוון גראבוב. בדרך סרתי לביתו של איכר אחד (לא אדע את שמו) והוא נתן לי כובע־איכרים, גילחני והורה לי את הדרך. בגראבוב מצאתי את וינר מאיזביץ. מגראבוב יצאתי לזאשוב ונותקו קשרי עם חלמנו. וינר אבד, כפי הנראה, בסביבות זאמושץ בשנת 1944".

מישצ'אק אנדז'י


"כשנתקרבו צבאות הסובייטים, הוחל בחיסולם של אחרוני היהודים. הוצאו חמישה־חמישה, נצטוו להשתטח על הארץ ונורו בערפם. הפעם התמרדו היהודים. אחד מהם, מרדכי ז'ורבסקי, עם סכין בידו, פרץ את משמר הז'נדארמים וברח לעיניהם, ולא עלה בידם למצאו. כמה יהודים חייטים, פרצו דלת המובילה למטה וכשבאו נגדם שני גרמנים (בתוכם לאנץ) נהרגו בידי היהודים. מיקלעים כוונו לפתח המרתף והוחל לירות בתוכו. אותה שעה עצמה הועלה המחסן באש. כך ניספו אחרוני היהודים בחלמנו".

מרדכי ז'ורבסקי

"בספטמבר—אוקטובר 1944, הוחל בחיסול המחנה. הכבשנים נהרסו ואת עיי־המפולת פיזרו בדרכי היער. "מכוניות המוות" נשלחו לברלין. מספר הפועלים בוזלמנו הלך ופחת. יום אחד נשלחו משם 60 פועלים למחנה אחר, כביכול, אך

למעשה הומתו כולם. מצאנו אחר־כך את בגדיהם במקום הריגה. בחלמנו שוכנו הפועלים במחסן. למעלה נמצאו החייטים והסנדלים, ולמטה הסתדרו העובדים במקום והעובדים ביער.

בשבעה־עשר בינואר 1945, בלילה, נכנס לאנץ אל המחסן וקרא אליו החוצה חמישה אנשים. כעבור רגע נשמעו חמש יריות. ידענו שכולנו אבודים. בקרש שבידי הקשתי בתקרה להזעיק את החייטים והסנדלרים שלמעלה. החלטתי להימלט ויהי מה. עם סכין ביד ניצבתי ליד הדלת מאחורי פרגוד השמיכה. משהוצאה החמישיה הרביעית והדלת נסגרה, הסתערתי במלוא התנופה על הדלת, והפלתי כנראה את לאנץ שסגרה. רצתי בכל כוחותי, מכה בסכיני על ימין ועל שמאל. כאחוז טירוף הייתי. כפי שנודע לי אחר כך, קטמתי חטמו של ז׳אנדרם אחד ואת אוזנו של אחר. ירו אחרי וכדור אחד פגע בבשר שוקי הימנית. ספגתי גם חבטה הגונה מקת רובה של ז׳אנדרם אחד, אך המשכתי לרוץ. טיפסתי ועברתי את הגדר ותוך כך פצעתי יד ימיני עד לעצם, ורצתי לעבר היער. החלו לרדוף אחרי. בשכבי בתעלה אחת, שמעתי קולותיהם של שני ז׳אנדרמים רוכבי־אופניים, כשהם מזעיקים את תושבי הסביבה ומודיעים על בריחתי. משנעלמו, קמתי ורצתי עד שהגעתי אל הכפר אומיין. הסתתרתי בגורן לילה ויום שלם. בשעת הבריחה הסיבותי עיני וראיתי כי המחסן עולה באש. שמעתי גם קול יריות משם. את הכבלים השלכתי מעלי עוד בהיותי במחסן, קודם לבריחה. שמורים היו אתי מספריים גדולים גוזרי־תיל, בהם ניתקתי את החוטים המקשרים את החוליות״.





אדמה אדומה מדמי, מדמעותי נלחמו שמים, לבי חרון־אף וצער,
מלוא־הארץ — חללי עמי, דמם שפך כמים, מחזות־בלהות, מסמרי־שער...

(מתוך „אלי פולין" י. ל. ביאלר)









א. קאלושינער

כעלמנא

אַ קליין פריציש הייפל, נישט קיין גאַנצע דריי העקטאַר פון אַ פּרעכטיקן פּאַרק, באַשאַטנט פון מאַיעסטעטישע סאָסנע־בוימער, אַ קליינער אידילישע ר ישוב אין נאַרמאַלע צייטן, איז כעלמנאַ, אין קריג־צייט, פאַרוואַנדלט געוואָרן אין דער ערשטער עקספּערימענטאַלער סטאַציע פאַר מאַסן־פאַרניכטונג פון יידן, ווו ס'איז אויסגעפּרווט און אָנגעהויבן געוואָרן די רעאַליזירונג פון דער אַזוי־גערופענער „ענדגילטיקער לעזונג" פון דער יידן־פראַגע.

דאָרט אין כעלמנאַ, וואָס איז געוואָרן אַ ווענד־פּונקט אינעם טראַגישן גורל פונעם אייראָפּעאישן יידנטום, דאָרט אינעם עמק הבכא ווו ס'האָט זיך אָפּגעשפּילט איינע פון די גרעסטע טראַגעדיעס פון אונדזער פאָלק, דאָרטן זענען מיט דער הילף פון דער נייער מאַסן־מאָרד טעכניק, צוזאַמען מיט יידן קדושים וטהורים פון אַ ריי אַנדערע יידישע ישובים, אויך בעסטיאַליש דערמאָרדעט געוואָרן די קדושים פון זעלעוו.

דאָס פאַרברעכן ווערט נטדעקט

די ערשטע ידיעות וועגן דעם גרויזאַמען טויטן־לאַגער, ווערן באַקאַנט אין אָנהויב 1942 דורך איינעם פון די קברנים פון כעלמנאַ, וועמען ס'איז געלונגען צו אַנטלויפן פונעם שטרענג־באַוואַכטן לאַגער און אָנקומענדיק קיין וואַרשע, דערציילט ער דאָס שרעקלעכע נייעס פאַר די מיטגלידער פון „עונג־שבת" (געהיימער געטאָ־ארכיוו). ענלעכע באַריכטן קומען אויך אָן פון אַ ייד מיטן נאָמען וואַלקאָוויטש, וואָס איז אָנגעקומען קיין וואַרשע פון גראַבאָוו, ווו ער האָט זיך געטראָפן מיט דריי יידן, אויך אַנטלאָפענע פון לאַגער, ווי אויך פון אַ ייד מיטן נאָמען אשר טאובע פון קלאָדאָווע, נאָענט פון כעלמנאַ. (פאַרעפנטלעכט אין „ידיעות" פון בית לוחמי הגיטאות נומער 2־1 כ"ד ניסן תשי"ז, זייט 18).

נאָך אין גאַנג פון קריג, תיכף נאָכן באַפרייען די געגנט פון כעלמנאָ, ווערט אונטערגענומען אַ פיבערהאַפטע אויספאָרשונג, דורך אַ ספּעציעלער קאָמיסיע פון „פּוילישן קאָמיטעט צו פאָרשן די נאַצי־פאַרברעכנס” ווי אויך פון „יידישן היסטאָרישן אינסטיטוט אין ווארשע” און אויפן יסוד פון גביית עדות פון די אַרעסטירטע לאַגער־באַאַמטע, ווי אויך פון דער אַרומיקער ציווילער באַפעלקערונג, ווערט קלאָר און גענוי רעקאָנסטרואירט די פאַרברעכערישע טעטיקייט פונעם דערמאָנטן לאַגער.

* * *

שוין דעם 16־טן יולי 1941, שרייבט דער שטורמבאַנפירער העפּנער צום אַרכי־תלין אייכמאַן:

„ס'איז פאַראַן אַ געפאַר, אַז היינטיקן ווינטער, וועט מען נישט קאָנען באַ־שפּייזן אַלע יידן. מ'דאַרף זיך ערנסט פאַרטראַכטן, צי וואָלט נישט געווען די הומאַ־ניטאַרסטע לייזונג אַז מ'זאָל די יידן, אויב זיי זענען נישט פעאיק צו דער אַרבעט, אויסענדיקן מיט עפּעס אַ שנעל־ווירקנדיקן מיטל”. (ציטירט פון אַ באַדאַן, „פאָלקס־שטימע”, ווארשע, 22 דעצעמבער 1965).

אין 5 חדשים אַרום, האָבן טאַקע די ”הומאַניטאַרע” דייטשן אָנגעהויבן באַנוצן דאָס ”שנעל־ווירקנדיקע־הומאַניטאַרע” מיטל און דעם 8־טן דעצעמבער 1941 ווערט די ערשטע גרופּע יידן דערמאָרדעט אין די באַוועגלעכע גאַז־קאַמערן אין כעלמנאָ.

די טויט־טעכניק

פון דער דאָטע הויבט זיך אָן די אַקטיווע ”טעטיקייט” פון טויט־לאַגער, וואָס ציט זיך ביז דעצעמבער 1944 מיט אַן איבעררייס פון אַ יאָר, צווישן די יאָרן 43—1942. אין פאַרלויף פון דער צייט פלעגן אָנקומען, טאָג־טעגלעך, טראַנספּאָרטן מיט יידן. די לעצטע פלעגן ווערן פאַרהאַלטן אויף אַ קליינע סטאַציע אין קאָלאָ און פון דאָרט ווערן די קרבנות איבערגעפירט אין דער אָרטיקער שול — דער לעצטער פונקט פון טרויעריקן עטאַפּ.

טראָץ דער סודותפולקייט און ליגנערישע פאַרזיכערונגען פון די נאַציס, אַז יידן ווערן געשיקט אויף אַרבעט, אויף זיכערע ערטער, ביי גוטע באַדינגונגען און דערנערונג — ווערט דער סוד שנעל אויפגעדעקט.

* * *

די ידיעות וואָס זענען איבערגעגעבן געוואָרן פון אַנטלאָפענע יידן פון לאַגער זענען אויך אָנגעקומען אין לאָדזשער געטאָ ווו ס'אַז איבערגעגעבן געוואָרן פון מויל צו מויל, וואָס ס'איז אזוינס כעלמנאָ. אלס עדות קאָן דינען אַן אויפשריפט אויף דער וואַנט אין שול — „יידן, וואַרט נישט! דאָ וועט איר זיין אַ טאָג, דערנאָך גייט איר אין אויוון אַריין. 13־טער טראַנספּאָרט״.

צומאָרגנס אינדערפרי פלעגן אָנקומען אויטאָמאָבילן אין וועלכע די דייטשן פלעגן אָוועקפירן צו 150 מענטשן אויף אַ מאָל. דער וועג האָט געדויערט קנאַפּע 10 מינוט.ביים אַלטן פּאַרק פלעגן זיי באַגעגענען אַן ס. ס.־מאַן וועלכער האָט פאַרזיכערט אַז זיי ווערן געשיקט אויף אַרבעט אין די מזרח־געביטן, אין מענטשלעכע באַדינגונגען — אָבער איידער זיי וועלן פאָרן אין וויטערדיקן וועג, מוזן זיי גיין אין באָד אריין און די קליידער מוזן דעזינפיצירט ווערן.

אויפן ערשטן שטאָק ווו ס'געפינט זיך שוין אַ באַנדע דייטשן, ווערן די מענטשן אויפגעפאָדערט זיך גיך אויסצוטאָן און באַלד ווערן זיי אַריינגעטריבן אין „באָד״ אַריין. ביים טויער וואַרט שוין אַ צווייטע אויטאָ — אַ גרויסער האַלץ־קאַסטן פון אינעווייניק באַדעקט מיט בלעך, הערמעטיש פאַרמאַכט. אינעם דאָזיקן קאַסטן ווערט די גאַנצע גרופּע פון 150 פערזאָן אַריינגעשטיפּט. נאָכדעם ווי די טיר איז געוואָרן פאַרמאַכט און דאָס ליכט פאַרלאָשן, האָט דער מאָטאָר אָנגעהויבן אַרבעטן. באַלד האָט זיך געהערט אַ שטיקעניש, אַ הוסטעניש, גסיסה־קולות, לעצטע קאָנוולסיעס — ביז ס'איז געוואָרן אינגאַנצן שטיל.

אין עטלעכע מינוט אַרום רירט דער אויטאָ אין דער ריכטונג פון 77־טן רעוויר פון זשעליכאָווער וואַלד, ווו ס'זענען שוין צוגעגרייט מאַסן־קברים. אין אַ געוויסע צייט שפּעטער, ווערן די קערפּערס פאַרברענט — צו פאַרווישן די שפורן.

אַזוי פונקציאָנירט דער מאָרד־אַפּאַראַט טאָג־איין טאָג־אויס, מיט דער מאַקסימאַלסטער פּעדענטישקייט און פּרעציזיע, ווייל די „מוסטערהאַפטע״ אַרבעט מוז ווערן קאָפּירט פאַר אַנדערע טויט־לאַגערן, ווי אוישוויץ, בעלזשעץ, טרעבלינקע, סאָביבאָר און אַנדערע — אַלע וועלן איבערנעמען די אויסגעפרוווטע מעטאָדן פון כעלמנאָ.

אָט וואָס ס'דערציילט וועגן דעם שוידערלעכן פאַרברעכן, דער דייטשער וואַלד־אויפזעער ה. מאַי, וואָס האָט צוגעשטעלט האָלץ צום פאַרברענען די קערפּערס:

„...צו מיר איז געקומען דער אָנפירער פון דער זאָנדערקאָמאַנדע ס. ס.־

שטורמבאַנדפירער באַטמאַן. איך זע אַז באַטמאַן טראָגט אַ קרייץ פון ערשטן קלאַס פאַר מיליטערישע פאַרדינסטן איך פאַר מיט אים אין רעוויר 77 און ווער אויפגעשווידערט. צוערשט זע איך א קבר פון 200 מעטער די לענג, 5 מעטער די ברייט, דערנעבן נאָך אַ קבר 50 מעטער די לענג. נישט ווייט פון דעם אָרט, אַן ערך פון 50 מעטער, נאָך אַ קבר 150 מעטער די לענג. עס קומט אָן דער פאַרמאַכטער אויטאָ און פאָרט צו הונטערווײלעכץ ביז צום ראנד פון קבר. מען עפנט דעם אויטאָ און אַ מאַסע נאַקעטע קערפּערס פאַלן גלייך אין קבר אריין.

אויף אַ שטיקל פּאַפּיר וואָס מ׳האָט געפונען ביי די מאַסן־קברים, האָט איינער פון די לעצטע לאַגער־קרבנות געשריבן: „...מ׳האָט אונדז גענומען זקנים און זויג־קינדער צווישן דעם שטעטל קאָלאָ און דעמבאָ. מ׳האָט אונדז גענומען אין וואַלד אַריין, דאָרט פאַרגאַזט, דערשאָסן, פאַרברענט. מיר בעטן אַן אונדזערע קומענדיקע ברידער (אומליינבאַרע ווערטער) — — — אונדזערע דייטשע מערדער. די עדות פון אונדזערע פייניקונגען וועלכע ווינען אין דער דאָזיקער געגנט, בעטן מיר דערציילן וועגן דאָזיקן מאָרד אין דער גאַנצער וועלט און אין יעדער רעדאַקציע. געשריבן האָבן דאָס די לעצטע יידן (אומליינבאַר). מיר האָבן געלעבט ביז צום 24־טן דעצעמבער 1944״. (ציטירט פון דער „פאָלקסשטימע״, וואַרשע, פון 22־טן דעצעמבער 1965).

כעלמנאָ — די שאַפונג פון דייטשן דעמאָנען — פאַלק, אנטקעגן וועלכן סדום איז געווען די ווייסע אומשולד, אין דאָזיקן ערדישן גיהינם האָבן אונדזערע טייערע אומשולדיקע טאַטעס און מאַמעס, ברידער און שוועסטער, זין און טעכטער אין זייערע לעצטע טויט־אויסגעשרייען איבערגעלאָזט אַ הייליקע צוואה: נישט פאַרגעסן! נישט מוחל זיין ביזן סוף פון אַלע דורות!!!

אברהם קלושינר

בעמק הבכא

השתטחתי בחלמנו
על קבר־אבות.

מבעד ענפי־עץ ירוקים
ראה ראיתי שמים מכחילים

לא! זה לא כחול־שמים,
זה כחול עיניים.
כחול עיני ילדים
מפחד שאול
שפתיים כחולים.

על שפת הקבר
שני פרחים ראיתי,
על גבעול אחד
שני פרחים חבוקים.

לא! לא פרחים הנם
אם ותינוקה הנם
אם ותינוקה
בעוית רתוקים.

באופק אני
עשן ראיתי.

זה לא עשן־שלום
מבקתות איכרים,
לא, לא מפת טריה
אפויה ריחנית

זה עשן — אמא
אמהות בוערות.

שמוע שמעתי
קריאת ילדים.

זה לא צחוק
קונדסי, אל־דאגתי
רעשני —
זאת זעקת שבר
של ילד יהודי
במכונית אטומה
במלתעות החניקה.

ברחתי על פני ימים, יבשות
ואלפי קילומטרים,
וצעקתו ללא הרף
מגיע לאזני —
א־מ־א!

אברהם קלושינר

אין יאמער־טאל

כבין אין כעלמנאָ געווען,
אויף קבר־אבות,
געזען דורך גרינע בוימער־צווייגן,
שטיקער הימל־בלויען.

ניין, סאיז נישט הימל־בלוי,
סאיז אויגן־בלוי,
קינדערשער אויגן־בלוי,
פון גסיסה־אַנגסטן —
ליפּן־בלוי.

כהאָב ביים ראַנד פון קבר
צוויי בלומען געזען,
צוזאַמענגעוואַקסענע,
אַרומגעאָרעמטע.

ניין, סאיז נישט קיין בלומען,
סאיז מאַמע מיט קינד
אין קראַמפּן
צוגעטוליעטע.

אויפן האָריזאָנט, האָב איך
רויך געזען.

סאיז נישט רויך
פון פרידלעכער כאַטע פויערישער,
פון שמעקענדיק פריש ברויט

געבאַקענעם,
סאיז רויך
סאיז רויך
פון מאַמע —
פון ברענענדיקע מאַמעס.

געהערט איך האָב
קינדעריש געשריי,
סאיז נישט שטיפעריי,
קינדעריש זאַרגלאָז געפילדעריי,
סאיז געשריי פון יידיש קינד
אין פאַרמאַכטן אויטא,
ווען טויט קומט
צו זיין ריי.

כבין אַנטלאָפן
איבער קאָנטינענטן און ימים —
טויזנטער קילאָמעטער ווייט.
אָן אויפהער הער איך
יידיש קינד
מ־אַ־מ־ע
שרייט.

זאב ליסנער בני ברק

ווען יידיש בלוט איז געווען הפקר...

(זכרונות פון דער אומקום־צייט)

יעדעס מאָל ווען איך דערמאָן זיך דער בלוטיקער פאַרגאנגענהייט ווען ס׳טויכן אויף זכרונות פון דער אַדורכגעמאַכטער היטלער־תקופה, טראַכט איך צו איז עס אויף אַן אמת פאַרגעקומען? צו איז עס נישט אַ דורכגעלייענט קאַשמאַרן־בוך, אַ בייזער קאָנווולסיווער חלום? ניין, ס׳איז נישט קיין פאַנטאַזיע, קיין חלום. מיין אייגענער גוף האָט עס אַדורכגעמאַכט.

פאַראַן מאָמענטן ווען ס׳וויל זיך אריינפאַלן אין פאַרגעסונג, פאַריאָגן פון זיך די ביטערער זכרונות אויף מיילן־ווייטע מרחקים, אָבער אַ צווייטער געדאנק זאָגט מיר און פאָדערט פון מיר: פאַרצייל פאַר דורות, פאַר די קינדער, פאַר דער גאנצער וועלט, וואָס אזוינס עס האָט אָפּגעטאָן אשמדאי אינדערמיט פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט און אין הארץ פון דער קולטורעלער, ציוויליזירטער אייראָפּע.


מיט די ווייטערדיקע זכרונות, צינד איך אָן אַ ליכט, אַ נר־תמיד, פאַר די טראַגיש־אומגעבראַכטע זעקס מיליאָן יידישע נפשות, פאַרן מיליאָן יידישע קינדערלעך וועלכע זענען געוואָרן אָוועקגעריסן פון זייערע מאַמעס און דערמאָרדעט געוואָרן פאַר זייערע אויגן פאַר מיין טראַגיש־פאַרשניטענע פאַמיליע וועלכע האָט געטיילט דעם גורל פון אלע יידן פון אונדזער באַליבט שטעטל.

זאָלן די ווערטער זיין אַ מצבה אויף זייערע אומבאַקאַנטע קברים.

אונטערן נאַצישן יאָך

די צרות זענען אָנגעקומען נישט ראַפּטעם. די רוצחים האָבן פאַרטראַכט אַדורכגעפירט זייער טייוולאָנישן פּלאַן שטופנווייז.

די ערשטע צייט זענען יידן געוואָרן אויפגעפאָדערט אַדורכצופירן געוויסע



אויף צוונגס־אַרבעט

אַרבעטן, ווי רייניקן די גאַסן און צוזאַמענעמען אַלטע אייזנס אין האָלץ־סקלאַד פון יצחק פזשעדבאָרסקי. די יידישע באַפעלקערונג האָט זיך אין אָנפאַנג באַצויגן מיט אַ געוויסער גלייכגילטיקייט, יעדער האָט געטראַכט אַז דאָס איז אַ צייטווייליקע דערשיינונג, ווייל מאָרגן־איבערמאָרגן וועט דער דייטש ליידן אַ מפלה.

עטוואָס שפּעטער, האָט די לאַגע אָנגעהובן ווערן ערנסטער. נייע באַפעלן זענען אָנגעקומען וועלכע האָבן געהאַט פאַר אַ ציל צו באַווייזן אַז מיר געהערן צו דער קאַטעגאָריע פון אונטער־מענטשן.

אין אַ גאָר קורצער צייט ווערן מיר אויפגעפאָדערט צו טראָגן אַ געלע לאַטע מיט אַ מגן־דוד פון ביידע זייטן. אין גאַס האָט מען געמעגט זיין ביז 7 אָוונט און פאַר יעדן דייטש האָט מען געמוזט אַראָפּנעמען ס׳היטל און אַראָפּגיין פון טראָטואַר. באַווייזן זיך אין מאַרק איז אויך געווען פאַרבאָטן. פאַר נישט אויספירן פּינקטלעך די באַפעלן, האָט געדראָט טויט־שטראָף, עווענטועל, אַלס לייכטע שטראָף, האָבן מיר באַקומען מערדערלעכע קלעפּ.

ליידער, צום באַדויערן, מוז ווערן פאַרצייכנט אַז אַ טייל פון דער יידישער פּאָליציי, האָט זיך אויך אויסגעצייכנט מיט געבן קלעפּ אנדערע יידן. אויך מיט מיר האָט געטראָפן אַזאַ פאַל. דאָס איז פאָרגעקומען ווען איך בין אַהיימגעגאַנגען פון לערנען (די ערשטע צייטן האָבן מיר נאָך יעדן טאָג געלערנט) און זעענדיק אַז דער יידישער פּאָליציאַנט שטייט אויסגעדרייט, בין איך איבערגעלאָפן אַ טייל פון מאַרק. ליידער האָט ער יאָ באַמערקט און מיך גענומען נאָכיאָגן. ווען ער האָט מיך געכאַפּט, האָט ער מיר גוט אָנגעשלאָגן און אויך איבערגעפירט אין דער פּאָליציי ווו כ׳האָב באַקומען אַ צולאַג. כ׳האָב נאָך געהאַט מזל וואָס מ׳האָט מיך אין עטלעכע שעה באַפרייט.

דערווייל גייט די צייט און אויף אונדזער יידישן ישוב קומען אָן פרישע צרות. ס׳הויבט זיך אָן אַ כאַפּעניש פון אַרבעטספעאיקע יידן וועלכע ווערן אַוועקגעשיקט אין פּויזנער געגנט אין די טרויעריק־באַקאַנטע אַרבעטסלאַגערן.

אין בין געוואָרן פאַרשריבן אַלס שניידער־אַרבעטער אין שאָפּ. דאָס איז נישט געווען פון די לייכטע זאַכן ווייל קיין שניידער בין איך נישט געווען און אזא פאַרשרייבן האָט געקאָסט אַ סך געלט. ביי דער אַרבעט האָט מיך אָפּגעראַטעוועט צערקע קרימאַלאָווסקי ז׳ האָט געאַרבעט פאַר זיך און פאַר מיר. מיט צערקען זענען מיר געווען שכנים אויף דער קילינסקיעגאָ גאַס (די „טויטע־גאַס״). איך בין אויך געווען אַ חבר פון איר ברודער ירחמיאל ע״ה מיט וועלכן כ׳האָב געלערנט אינאיינעם אין דער ישיבה.



זעלעווער בעלי־בתים אינדערצייט פון דער אָקופּאַציע

אזוי ווי איך בין געווען פאַרשריבן אין שאָפּ. האָבן זיי געזוכט מיין יונגערן ברודער גדליה, אָבער מיר האָבן זיך שטענדיק אויסבאַהאַלטן אין אַ באַהעלטעניש אויפן בוידעם וואָס מיין פאָטער האָט צוגעגרייט. אויך אין באַהעלטעניש האָבן מיר נישט איינמאָל געהאַט טויט־שרעק. געווען אַ פאַל, בעת



משפחת ליסנר

אַן אָבלאָווע, זענען פּאָליציאַנטן אַרויפגעקראָכן אויפן סופיט פון אונדזער באַהעלטעניש און אַ ברעט האָט זיך איינגעבראָכן. מיר האָבן געמיינט אַז דאָס איז דער סוף, אַז מ׳האָט אונדז אַנטדעקט. אויך דאָסמאָל האָט אונדז אָפּגעגליקט. די פּאָליציאַנטן האָבן מורא געהאַט אַז זיי קאָנען נאָך אַראָפּפאַלן און האָבן זיך פון דאָרט אָפּגעטראָגן.

צום סוף ווערט מיין פאָטער ע״ה פאַרהאַלטן, כאָטש ער איז שוין געווען איבער פופציק יאָר און ווערט אַוועקגעשיקט קיין פּויזן.

אין אָנפאַנג האָבן מיר נאָך באַקומען עטלעכע בריוו און מיר האָבן אים געשיקט פּעקלעך מיט פּראָוויאַנט. דערנאָך, ווען ער איז געוואָרן פון דאָרט אַוועקגעשיקט, איז די פאַרבינדונג געוואָרן איבערגעריסן

מיר אַנטלויפן

דערווייל גייט די צייט און די לאַגע ווערט וואָס מער קריטישער. וואָס טאָן? ווי רייסט מען זיך אַרויס פון דעם בלוטיקן קנויל?

לויט פאַרשידענע קלאַנגען דערוויסן מיר זיך אַז אין פּיאָטרקאָוו, אין פּראָטעקטאָראַט, איז די לאַגע עטוואָס לייכטער און מיטן ציל דאָס צו דערגרייכן, אָרגאַניזירן מיר זיך אין אַ גרופּע פון פינף מאַן (איך, מיין ברודער ירחמיאל און נאָך דריי פון שטעטל) און געפונענדיק אַ וועג־ווייזער, אַ קריסט, וועלכער האָט גענומען גוט באַצאָלט לאָזן מיר זיך אין וועג־אַריין. בייטאָג זענען מיר געווען באַהאַלטן אין די תבואה־פעלדער און ביינאַכט זענען מיר געגאַנגען ביז מ׳איז אָנגעקומען צו דער גרענעץ.

ווען מ׳איז נאָר איבערגעגאַנגען דער גרענעץ, זענען ווי פון דער ערד אויסגעוואַקסן צוויי פּאָליציאַנטן, אַ דייטש און א פּאָלאַק וועלכע זענען אָנגעקומען צו פאָרן אויף ראָווערן און באַפוילן מ׳זאָל אַרויסגיין פונעם באַהעלטעניש, אויב נישט וועלן זיי אונדז דערשיסן. נישט האָבנדיק קיין ברירה האָבן מיר זיך איבערגעגעבן.

ווי ס׳האָט זיך דערנאָך אַרויסגעוויזן, האָבן זיי געענוי געוווּסט וועגן אונדזער מאַרשרוט לויט די אינפאָרמאַציעס וואָס זיי האָבן באַקומען פון זעלבן וועג־ווייזער. ער איז טאַקע באַלד פאַרשוווּנדן.

נאָכן רעווידירן באַקומען מיר אַ באַפעל צו לויפן אין אַ געוויסער ריכטונג און זיי זענען נאָכגעפאָרן אויף די ראָווערן. ווער ס׳איז געפאַלן אָבער נישט געהאַט מער קיין כוח, האָט באַקומען מוראדיק געשלאָגן. אַזוי זענען מיר

אָפּגעלאָפּן, מיט די לעצטע כוחות, בערך צען קילאָמעטער ביז מען איז צוגעקומען צו א פּאָליציי־פּאָסטערונעק.

בעת דער אויספאָרשונג אין דער פּאָליציי, איז דאָרט געווען אנוועזנד א פּאָליאַק וועלכער האָט מיטגעארבעט מיט די דייטשן און ער האָט גוט געקאָנט אונדזער פאָטער מיט וועלכן ער האָט געהאַנדלט צוזאַמען פאַרן קריג. דערזעענדיק אונדזער לאַגע, האָט ער געזאָגט אַז ער קאָן אונדז טון א טובה און אָוועקשיקן אָדער קיין בעלכאַטאָוו אָדער קיין לאָדזש אין שנעל־געריכט. אזוי ווי מיר האָבן שוין געוווּסט אַז פון דער בעלכאַטאָווער געסטאַפּאָ קומט מען קיין לעבעדיקער נישט אַרויס, האָבן מיר אים געבעטן ער זאָל אונדז איבערשיקן קיין לאָדזש.

צומאָרגנס זענען מיר געוואָרן איבערגעשיקט אין לאָדזשער שנעל־געריכט.

אין לאָדזשער שנעל־געריכט

אָנקומענדיק קיין לאָדזש זענען מיר געוואָרן געפירט איבער די הויפּט־גאַסן און געווען געצווּנגען צו שטיין ביי די שוי־פענצטער מיטן פּנים צו די ווענט און די הענט אין דערהויך, דאָס „ספּעקטאַקל" האָט זיי פאַרשאַפט פיל נחת. אויך די דורכגייער פּאָליאַקן, האָבן געקוואָלן פון פרייד. נאָכן אָפּמאַטערן זיך עטלעכע שעה, זענען מיר אָנגעקומען אין שנעל־געריכט אויף דער קילינסקיעגאָ גאַס 152.

ווען כ'בין געוואָרן אריינגעפירט אין זאָל, האָב איך דאָרט באַמערקט א גאַנצע באַנדע עסעסאָווצעס מיט חיהשע פּרצופים און איינער א אויסגעפרעסענער הויכער באַנדיט איז צו מיר צוגעקומען און מיך געפרעגט: „יודע ?" — און איידער כ'האָב נאָך געענפערט ס'מויל, האָב איך באַקומען א זעץ איבערן פּנים אַז איך בין אויפן אָרט אָוועקגעפאַלן. זייענדיק האַלב־באַוווּסטלאָז האָב איך געפילט ווי עס שיטן זיך אויף מיר אָן אויפהער קלעפּ ביז כ'בין געפאַלן אין חלשות.

נאָכן אָפגיסן מיך מיט אַן עמער קאַלט וואַסער, זוער איך געצווּנגען אויסצוטאָן זיך נאַקעט און דאַן הויבט זיך אָן דער צווייטער טייל — איך ווער געשלאָגן מיט א גומענעם שטעקן איבערן גאַנצן גוף אַז צום סוף האָב איך שוין בכלל נישט רעאַגירט. א צעבלוטיקטער און צעקאָלעטשטער אין אַלע איברים, ווער איך אריינגעוואָרפן אין א קאַמער ווו עס געפונען זיך שוין בערך 30 אַרעסטאַנטן דער רוב פּאָליאַקן.

דערזעענדיק מיין טרויעריקן מצב, האָבן די אַרעסטאַנטן באַקומען אויף מיר רחמנות (זיי האָבן נישט געוווסט אַז כ'בין אַ ייד), מיר געגעבן אַ קאָלדערע און אויך עפּעס עסן וואָס כ'האָב ליידער נישט געקאָנט נעמען אין מויל צוליב די ווונדן און געשוואָלן פּנים.

פאַרנאַכט, בעת דער קאָנטראָלע, ווען דער וועכטער האָט געמאָלדן אַז עס געפינען זיך אויפן אָרט 1 דייטש, 25 פּאָלאַקן, 3 טשעכן און אויך איין ייד, האָבן אַלע אַרעסטאַנטן געוואָרפן אויף מיר אַ בליק און זייער באַציונג צו מיר האָט זיך ראַדיקאַל געענדערט. די קאָלדערע האָבן זיי באַלד פון מיר צוגענומען און נישט קוקנדיק אויף מיינע ווונדן, האָבן זיי מיך געצווינגען אַרויסצוטראָגן דעם עמער און מאַכן אָרדנונג.

נאָך יעדן עסן (אַ שטיקל ברויט מיט טיי און אַ וואַסערדיקער זופּ ביים מיטאָג) זענען מיר געצווינגען צו מאַכן „איבונגען" — לויפן איבערן לאַנגן תפיסה־קאָרידאָר דורך צוויי רייען דייטשן מיט שטעקנס וועלכע האָבן נישט געשפּאָרט קיין קלעפּ.

נאָך צוויי וואָכן מאַטערנישן איז פאָרגעקומען דער שנעל־געריכט וועלכער האָט באַפוילן מיך צו שיקן אין לאַדזשער געטאָ. די איבעריקע האָט דער געריכט פאַראורטיילט צו 4 חדשים תפיסה אין שערעדזער טורמע.

צומאַרגנס ווען כ'האָב דערזען דורך דער פארקראַטעוועטער תפיסה־מאַשין אַדורכגייענדיקע יידן, איז מיר געוואָרן פרייַלעכער אויפן האַרצן. זאָל שוין זיין מיין גורל צוזאַמען מיט אנדערע יידן, וואָס ס'וועט זיין מיט אַלע, וועט זיין מיט מיר.

אין דער הונגעריקער געטאָ

אַ לאַדזשער געטאָ! וויפיל ביטערע זכרונות האָבן זיך איינגעקריצט אין מיין האַרץ, אין מיין נשמה. וויפיל טויזנטער זענען געפאַלן אין דעם בלוטיקן שניט אין דער הונגעריקער אויסגעמאַטערטער געטאָ!

אויך איך בין פון איצט געוואָרן אַ טייל פון איר.

כ'בין אַוועק צו דער ארבעט ווייל אַן דעם האָט מען אויך דאָס ביסל זופּ נישט באַקומען. די זופּ איז באַשטאַנען פון וואַסער אדורכגעשיט מיט עטוואָס מעל און אויב עמעץ האָט געהאַט מזל אָדער פּראָטעקציע, האָבן זיך דאָרט געפונען אויך עטלעכע שטיקלעך קאַרטאָפל.

אין דער געטאָ האָב איך געטראָפן אונדזערע מחותנים וועלכע האָבן דאָרט

געווינט נאָך פאַרן קריג, כ׳האָב זיי אָפּגעגעבן אַ גרוס פון זייער זון, מיין שוואָגער פייוול גרינבערג ז״ל, וועלכער איז געוואָרן ארויסגערופן צו דער געסטאַפּאָ און מער האָבן מיר פון אים נישט געהערט. א קורצע צייט האָב איך זיי געגעבן מיין נעבעכדיקע צוטיילונג און מיר האָבן געגעסן צוזאמען ווייל אזוי איז געווען שפּאַרזאמער, אָבער לאַנג בין איך דאָרט נישט פאַרבליבן.

געארבעט האָב איך אין שטרוי־רעסאָרט אויף ווידאַק גאס נומער 4. מיין אַרבעט איז באַשטאַנען אין דערלאַנגען די בינטלעך שטרוי צו די פלעכטער וועלכע האָבן דערנאָך עס איבערגעשיקט אין א צווייטן רעסאָרט ווו עס איז געוואָרן אויסגעארבעט שטיוול און שיך פאַר די סאָלדאַטן אויפן מזרח־פראָנט.

אין דער פרייער צייט האָב איך צונויפגעקליבן פון די שטרויען איבערגעבליבענע קערנער און אין פאַרלויף פון אַ וואָך האָב איך „פאַרמאָגט״ אַ פערטל קילאָ אזעלכע קערנדלעך. דאָס האָט מיר אַביסל פאַרלייכטערט, ווייל יעדעס מאָל האָב איך צוגעטאָן אַביסל פון די צעמאָלענע קערנדלעך אין דער זופּ. דאָס האָט אָבער ווייניק געהאָלפן צו שטילן דעם נאָגנדיקן הונגער.

די הונגעריקע יידישע באַפעלקערונג האָט געפונען פאַרשידענע איינפאַלן ווי אזוי צו שטילן עטוואָס דעם הונגער, אָדער בעסער געזאָגט, ווי אָפּצונאַרן דעם מאָגן. מענטשן האָבן געבאַקן „קוכן״ וואָס איז באַשטאַנען פון אַ האַלבע קילאָ גאַר ביליקע קאַווע (דער איינציקער פּראָדוקט וואָס מ׳האָט געקאָנט קויפן), אויסגעמישט מיט א לעפל מעל און צוויי סאכארינען און אוועקגעשטעלט קאָכן. נאָך א האלבער שעה איז דער „קוכן״ געווען פאַרטיק.

מ׳האָט אויך געמאכט „קאָטלעטן״ פון קאַרטאָפל־שיילעכץ מיט קאַווע, גוט עס צעהאקט מיט א האק־מעסער, אריינגעטון אַביסל זאַלץ און אַוועקגעשטעלט פּרעגלען, די „קאָטלעטן״ האָב איך נישט געקאָנט אראָפּשלינגען.

איך האָב געהאט נאָך א „רעצעפּט״. כ׳האָב אויסגעמישט א האַלבע קילאָ קאַווע מיט צוויי לעפעלעך ציקער און עס געגעסן אויף טריקן. פון דעם האָב איך אביסל געשטעלט דעם הונגער אָבער גלייכצייטיק געוואָרן שוואַכער פון טאָג צו טאָג.

פּאַראַלעל צו די הונגער־צרות, קומען פאָר פון צייט צו צייט סעלעקציעס און יעדער וועלכער זעט אויס שוואַך און אויסגעדאַרט, ווערט אוועקגעפירט אויף פאַרניכטונג. וויסנדיק ווי איך זע אויס, האָב איך באַשלאָסן זיך צו באַהאַלטן אויפן בוידעם און דאָס האָט מיר אָפּגעגליקט וואָס כ׳בין נישט געוואָרן געכאַפּט.

נאָך עטלעכע מאָנאַטן איז אָנגעקומען מיין ברודער ירחמיאל נאָכן אָפּזיצן

דעם אורטייל אין שערעדזער תפיסה. מיר האָבן זיךביידע שטאַרק צעוויינט און איך האָב אים פאַרגעשטעלט די ביטערע לאַגע אין אַלגעמיין ווי אויך מיין לאַגע דאָ, ביי די מחותנים ווו איך בין נישט געווען צופרידן, קיין גרויסע פרעטענציעס קאָן מען נישט האָבן ווען מענטשן גייען אַדורך אַזאַ שרעקלעכע צייט ווען עס דראָט אַ הונגער־טויט און דערצו טאָג־טעגלעכע רעפרעסיעס. דעריבער האָבן מיר באַשלאָסן זיך איינצושאַפן אַ וווינונג.

קיין שוועריקייטן ביים וווינונגס־אַמט האָבן מיר נישט געהאַט, ווייל צו דער־אַ צייט האָבן זיך געפונען זייער פילליידיקע וווינונגען פון מענטשן וואָס זענען געוואָרן אָוועקגעשיקט נאָך די טאָג־טעגלעכע סעלעקציעס.

אין די הונגעריקע, שלאָפלאָזע נעכט האָבן מיר זיך דערמאָנט וועגן אונדזער היים, אונדזער פאַמיליע. ווער ווייסט צו עס לעבט נאָך עמעץ פון זיי? ווייל מיר האָבן שוין געהאַט ידיעות פון זעלעוווער וועלכע זענען אָנגעקומען אין לאָדזשער געטאָ, וועגן טראַגישן סוף פון זעלעוווער יידנטום, וועגן די גאַז־קאַמערן וועלכע האָבן געאַרבעט אָן אויפהער, וועגן קרעמאַטאָריומס וועלכע האָבן געברענט טאָג און נאַכט און פון אונדזערע נאָענטע האָבן מיר נישט געהאַט קיין שום ידיעה.

נאָך אַ קורצער צייט, טרעפט מיך אַ פריש אומגליק.

מיין ברודער, זייענדיק אַן אָפּגעהיטענער פרומער ייד, האָט נישט געאַרבעט אין שבת, ער האָט זיך אויך אָפּגעזאָגט פון דער מיזערנער פלייש־צוטיילונג (הונדערט גראַם פערד־פלייש אַ חודש) און ער איז געוואָרן וואָס אַמאָל שוואַכער ביז ער איז קראַנק געוואָרן און געשטאָרבן אין שפּיטאָל.

אַ טייערער און איידעלער ירחמיאל! פאַר וועלכע זינד האָט זיך דער גורל אַזוי נוקם געווען אין דיר? געווען ביז צו דער חתונה אַ ישיבה־בחור אין דער אַלעקסאַנדערער ישיבה, געהייראַט מיט אַ מיידל פון אַ בכבודיקע משפחה אין פּיאָטרקאָוו, געהאַט צוויי טייערע קינדערלעך און איצט אַזוי טראַגיש געוואָרן פאַרשניטן אין די בליענדיקע יאָרן. מיך געלאָזט איינזאַם און פאַריתומט אין דעם שרעקלעכן ברויזנדיקן ים פון שנאה און האַס!

פון דער קינדער־היים, קיין אוישוויץ

נאָכן טויט פון מיין ברודער, האָט זיך מיין מצב נאָכמער פאַרערגערט און אַ באַקאַנטער האָט מיך געשיקט מיט אַ בריוו צו אַ פרוי וואָס האָט אָנגעפירט מיט די קינדער־היימען. נאָכן באַטראַכטן מיין צושטאַנד האָט די פרוי

באַקומען אויף מיר רחמנות און מיך געשיקט אין אַ קינדער־היים. עס האָבן זיך דאָרט געפונען בערך הונדערט קינדער, אַלע אין מיין עלטער.

אין קינדער־היים בין איך אַביסל געקומען צו די כוחות צוליב דער בעסערער אָפּראָוויזאַציע. איבערהויפּט בין איך געקומען צו זיך אין דעם מאָנאַט ווען כ׳האָב געהאָלפן אַרבעטן אין קיך, ביים שיילן קאַרטאָפל. ווי אַנדערע קינדער, האָב איך אויך אַהיימגענומען צו ביסלעך קאַרטאָפל, אָבער דערנאָך האָט מען מיך געכאַפּט און מער צו דער קיך נישט צוגעלאָזט.

דערווייל דערגייען צו אונדז ידיעות וועגן אומאויפהערלעכע סעלעקציעס און מען שמועסט וועגן אַ טאָטאַלער ליקווידאַציע פון דער לאָדזשער געטאָ און אַז אויך אויף די קינדער־היימען וועט קומען די ריי.

און די ריי איז געקומען.

געהייסן האָט עס אַז מ׳פירט אונדז אין אַן אַנדער פּלאַץ, אויך אַ געטאָ. יעדער האָט באַקומען אַ ברויט מיט אַ ביסל צוקער און מ׳האָט אונדז אָנגעהויבן פּאַרפּאַקן אין לאַסט־וואַגאָנען מיט אַ קליין פענסטערל אין דער הויך. די ענגשאַפט איז געווען אַזוי גרויס אַז עס איז פשוט נישט געווען קיין מעגלעכקייט צו אָטעמען. איך געדענק נישט ווי לאַנג מ׳איז געפאָרן, אָבער ווען די באַן האָט זיך אָפּגעשטעלט און די וואַגאָנען אויפגעעפנט (מיט אַ היבש ביסל טויטע פון דערשטיקונג), האָבן מיר דערזען אַז מיר געפינען זיך אין דעם אמתן גהינם.

מיר זענען אָנגעקומען קיין בירקנהאו ביי אוישוויץ.

צו שילדערן וואָס דאָרט איז פאָרגעקומען, איז נישטאָ קיין ווערטער. עס איז נאָכנישט געשאַפן געוואָרן די שפּראַך מיט וועלכע מ׳זאָל דערציילן די גרויסע טראַגעדיע, דעם שרעקלעכן קאַשמאַר וואָס די קרבנות זענען אַדורכ־געגאַנגען.

אַרויסגעוואָרפענע פון די וואַגאָנען, געיאָגטע דורך באַוואָפנטע נאַצי־מערדער באַגלייט מיט אַ חיהש רעווען, דאָס איז געווען דער פּראָלאָג צו די וויטערדיקע ליידן. געשרייען פון קינדערלעך, היסטערישע געוויינען פון מאַמעס וועלכע האָבן פאַרלוירן זייערע קינדער און קלעפּ, קלעפּ איבער קעפּ און פּלייצעס פון פרויען, אַלטע לייט און קינדער, דאָס איז געווען דער ברוך הבא, דער אָנפאַנג.

עס איז נישטאָ קיין צייט זיך צו באַטראַכטן, ווייל לויפן מוזן מיר שנעל, „שנעלער יודע! שנעלער שוויין!״.

מיר זענען אָנגעקומען אויף אַ פּלאַץ ווו עס האָבן זיך געפונען אַ גרופּע

אָפּיצירן מיט אַ דאָקטאָר אינדערשפּיץ. דאָס האָט געזאָלט זיין אַ מעדיצינישע קאָמיסיע, אָבער געווען איז עס אַ טויטן־קאָמיסיע ווייל דאָ האָט ד״ר מענגעלע פאַרמשפּט מיט זיין פינגער, מאָסן מענטשן צום טויט דורך פאַרברענען. רעכטס און לינקס. לינקס — באַדייט קרעמאַטאָריום, רעכטס — ציטווייליק ביים לעבן. עס חזרט זיך דאָ איבער די שרעקלעכע טראַגעדיע ווען קינדער ווערן אָוועקגעריסן פון מאַמעס, מענער פון פרויען און ברידער פון שוועסטער.

איך גיי אויף רעכטס.

צוערשט ווערן מיר צונויפגעזאַמלט אין באַראַקן און אַ דייטש מיט עטלעכע יידישע געהילפן (אונטערוועלט־ייִנגן פון לאָדזש) האַלטן פאַר אונדז אַ רעדע אַז אויב האָט עמעץ ווערטפולע זאַכן, זאָל ער עס תיכף איבערגעבן. אויב נישט, דראָט אונדז גרויסע אומאַנגענעמלעכקייטן. פאַרשטייט זיך אַז יעדער האָט פאַר פחד אַוועקגעגעבן וואָס נאָר ער האָט פאַרמאָגט. דערנאָך זענען געוואָרן אויסגעקליבן פאַכלייט, שלאָסער, מעכאַניקער און דאָקטוירים וועלכע זענען געוואָרן אַוועקגעפירט אין אנדערע פלעצער. מיר די יוגנטלעכע, אונטער 18 יאָר, זענען דאָרט פאַרבליבן צוויי וואָכן ביי מוראדיקע הונגער באַדינגונגען ביז ס׳איז אָנגעקומען אַ באַפעל אויסצושטעלן זיך דריי אין אַ ריי.

ביי יעדן פון אונדז האָט זיך באַוויזן אַ פונק פון האָפנונג, אפשר וועלן מיר זיין פון די גליקלעכע אַוועקגעשיקט צו ווערן אויף אַרבעט, אפשר וועלן מיר האָבן דעם זכות און פאַרלאָזן דעם מאָדערנעם גיהינום מיטן רויכנדיקן קרעמאַטאָריום ?

זייענדיק אויסגעשטעלט אין דער ריי, קומט אָן אַ קאָמיסיע מיט פיר ציווילע דייטשן אינדערשפּיץ און זיי הויבן אָן באַטראַכטן די „פּיפּלס" (אַזוי האָבן זיי גערופן די יוגנטלעכע אַרעסטאַנטן). צום סוף האָבן די פיר דייטשן אויסגעקליבן 127 מאַן, די העכסטע און שענסטע און אונדז פאַרטיילט אין פיר גרופן, פאַר יעדן דייטש אַ גרופּע און מיר ווערן אריינגעפירט אין אַ ספּעציעלן באַראַק וווּ ביי יעדן ווערט אויסטאַטואירט אַ לויפנדיקער נומער

פון איצט אָן האָב איך שוין נישט קיין נאָמען. כ׳בין אַ ראָבאָט.

פון איצט בין איך B—7643.

אין לאַגער "בודאַ"

מיין גרופּע ווערט אַוועקגעפירט אין אַרבעטס־לאַגער „בודאַ" וווּ מ׳האָט זיך פאַרנומען מיט לאַנדווירטשאַפטלעכע אַרבעטן.

מיר די יוגנטלעכע זענען געווען באַשעפטיקט אין און נעבן דעם לאַגער, אויף די פעלדער זענען געגאַנגען מער דערוואַקסענע, פורמאַנעס, וועלכע האָבן באַקומען צו צוויי פערד און ארויס ארבעטן אין די פעלדער. עס זענען דאָרט געווען בערך 50 פערד און אדאנק דעם האָבן מיר געהאט מעגלעכקייטן צו שטילן עטוואָס דעם נאַגנדיקן הונגער, ווייל די פערד האָבן באַקומען גוט צו עסן און ביי יעדער מעגלעכער געלעגנהייט האָבן מיר באַהאַלטן פאַר זיך אַ ציקער־ריב אָדער עפּעס אַנדערש.

עס זענען דאָרט אויך געווען חזירים און מיר האָבן פון מאָל צו מאָל צוגעגנבעט אַביסל געקאָכטע קאַרטאָפל וואָס איז געווען באַשטימט פאַר די חזירים.

אין אלגעמיין זענען די באַדינגונגען געווען גוטע פאַר די פערד און חזירים. מיר די קאַצעטלער האָבן געליטן הונגער. די צוטיילונג פאַר אונדז איז באַשטאַנען פון אַ ברויט פאַר 5 מאַן און אַ זופּ וואָס איז געוואָרן געבראַכט פון דער אוישוויצער קיך (אין די קלענערע לאַגערן זענען קיין קיכן נישט געווען).

צו דער אַ צייט פלעגן זיך באַווייזן אַמעריקאַנער קריגס־עראָפּלאַנען וועלכע האָבן באַמבאַרדירט אונדזער סביבה. נישט איינמאָל האָבן מיר געבעטן אַז אַ באָמבע זאָל אַריינפאַלן צו אונדז אין לאַגער, זעט אויס אַז די אמעריקאַנער פליער זענען געווען גענוי אינפאָרמירט ווו צו באָמבאַרדירן.

אַ כאַראַקטעריסטישער עפּיזאָד איז פאָרגעקומען אין לאַגער.

איינער פון די פורמאַנעס (ער האָט געהייסן העניעק אָדער הערמאַן, האָט געהאט אַ פונקציע פון ברענגען פאַר אונדז מיטאָג פון אוישוויץ און טאָג־איין טאָג־אויס פלעגט ער, אין באַגלייטונג פון אַ באַוואָפנטן דייטש ארויספאָרן מיט פערד און וואָגן. איינמאָל איז דער דייטש צוריקגעקומען אליין, אָן דעם פורמאַן און ער האָט דערציילט אַז אויפן וועג זענען אָנגעקומען אויף אַ מאַשין עטלעכע הויכע עס־עס־אָפיצירן און באַפוילן דעם ייד מיטגיין מיט זיי אין שטאָב. נאָך אַן אויספאָרשונג האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז קיינער ווייסט נישט פון אַזאַ באַפעל און זיי זענען געקומען צום אויספיר אַז דאָס איז געווען אַן ארבעט פון אַ פּאַרטיזאַנער אָפּטיילונג. די דייטשן האָבן זאָפאָרט אָרגאַניזירט מיליטער און עראָפּלאַנען און אָנגעהויבן מאַכן אַן אַבלאַווע איבער דער גאַנצער געגנט. זיי האָבן געזוכט און אונטערגעצינדן וועלדער אָבער קיינעם נישט געכאַפּט.

אַזוי פּייניקן מיר זיך אין דעם לאַגער ביז עס קומען אָן פרישע געשעענישן

וועלכע גיבן אונדז אַ פונק פון האָפנונג אַז מיר וועלן דערלעבן די אויסגעגאַרטע פרייהייט. אַז דאָס נאַציש־סאַדיסטיש „הערן־פאָלק" וועט ווערן פאַרניכטעט ווי אַ בייזער קאָשמאַרער חלום.

טויטן־מאַרש

מיטן דערנענטערן זיך פון די אנטי־נאַצישע מיליטערישע קרעפטן, פלאַצט ווי אַ זייפן־בלאָז די באַרימערייען וועגן אומבאַזיגבארן „טויזנט יאָריקן רייך". די רוצחים פילן אַז עס איז נישט ווייט דער טאָג פון יום־הדין ווען זיי וועלן זיין געצוווּנגען אָפּצוגעבן אַ דין־וחשבון פאַר אַלע אָפּגעטוענע פאַרברעכנס. דער באָדן ברענט אונטער זייערע פיס און וואָס מער עס בלוטיקט די נאַצישע שלאַנג, אַלס געפערלעכער איז זי פאַר אונדז קאַצעטלער, אויסגעהונגערטע מענטשן־שאָטנס, וואָס דורך אַ נס האָבן מיר אויסגעמיטן דעם קרעמאַטאָריום.

דאָס דייטשע מיליטער ציט זיך צוריק און איינצייטיק ווערן ליקווידירט צאָלרייכע לאַגערן, אויך מיר באַקומען אַ באַפעל צו מאַרשירן.

אויפן וועג טרעפן מיר אָן אויף אחים לצרה פון אנדערע לאַגערן. די קאָלאָנעס מאַרשירן צו 4 אין אַ ריי און ביי די זייטן — באַוואָפנטע סאָלדאַטן. זייער אָפט דערהערט מען אַ שיסעריי, דאָס ווערן ליקווידירט, דורך דערשיסן, מענטשן וועלכע האָבן נישט קיין כח צו שלעפּן די פיס. דער גאַנצער וועג איז פול מיט טויטע קערפּערס דערשאָסענע דורך די „אָרדנונג־היטער".

אָנקומענדיק אין אַ קאַלטן שנייאיקן ווינטער טאָג קיין בוכענוואַלד, זענען מיר געצווּוּנגען צו שטיין אַ גאַנצן טאָג אויפן אַפּעל־פּלאַץ. די לאַגער־פירער און קאַפּאָס זענען געזעסן אי ןדי באַראַקן און אַכטונג געגעבן אויף אונדז. אויב עמעץ האָט זיך דערלויבט אָוועקצוזעצן, איז זיין גורל געווען געחתמעט.

פון בוכענוואַלד זענען מיר אַוועק אין א ווייטערדיקן מאַרש וואָס האָט געקאָסט נאָך מער קרבנות ווייל די מענטשן זענען געוואָרן אלס מער אָפּגעשוואַכט.

נאָך עטלעכע טעג האָט מען זיך אָפּגערוט און יעדער האָט באַקומען צו דריי קאַרטאָפל. מיר האָבן אויך געשטילט דעם שרעקלעכן הונגער מיט בלעטער פון די בוימער. ביינאַכט איז עטלעכע קאַצעטלער געלונגען צוצוגנבענען ביי אַ פויער אַביסל רויע קאַרטאָפל און אינדערפרי האָט דער פויער דערוועגן געמאָלדן דער וואַך. די דייטשן האָבן זאָפאָרט אָדורכגעפירט אַ רעוויזיע און ביי איינעם האָבן זיי געפונען צוויי קאַרטאָפל. פאַר דעם „חטא" איז ער געוואָרן דערשאָסן אויפן אָרט.

נאכן אפרו ווערן מיר געפירט צו דער ריכטונג פון א באן־ליניע און דארט ווערן מיר אריינגעפאקט אין הויכע וואגאנען, אן דעכער און מיר פארן אפ א גאנצע נאכט. אינדערפרי, 10 אזייגער, ווען מיר האבן זיך געפונען ביי א שטעטל (איך געדענק נישט דעם נאמען), האבן מיר דערהערט אן אלארם. פון די וואגאנען האבן מיר געזען ווי א רוסישער עראפלאן באשיסט דעם לאקאמאטיוו פון אונדזער באן ווי אויך די הייזער פון שטעטל. נאך עטלעכע מאל באשיסן, האט דער לאקאמאטיוו אנגעהויבן ברענען. אונדזערע היטער, די דייטשן, זענען שנעל ארויסגעשפרינגען פון זייערע פלעצער, אראפגעווארפן פון זיך די היטלען מיט די אויבערשטע מונדירן און זיך באהאלטן צווישן די בוימער, ביי די זייטן. אויך די קאצעטלער וועלכע האבן נאך געהאט גענוג כח, זענען ארוסגעשפרינגען פון די פארשלאסענע וואגאנען. מיט די לעצטע כוחות האב איך זיך אויך ארויס־געקריגן פונעם וואגאן און געהאט א גרויסע הנאה פון דער פאניק וואס איז אויסגעבראכן ביי די דייטשן. זיי זענען געלאפן אין די בונקערס ווי פארסמטע מייז.

טייל פון די קאצעטלער האבן אויסגעניצט די בהלה און אנטלאפן פון שטאט און א טייל זענען אריין אין די ליידיקע וווינונגען ווו דער פרישטיק איז נאך געשטאנען אויפן טיש, גוט זיך אנגעגעסן און אנגעפאקט פולע קעשענעס מיט עסן.

מיך און נאך עטלעכע ייִדן, האבן די היטער אריינגעיאגט אין א סטאדאלע און דארט האב איך זיך אנגעגעסן מיט ווייץ וואס האט זיך געפונען אין פארפאקטע זעק און נאך אנגעפילט עטלעכע קעשענעס מיט ווייץ־קערנער.

נאך א קורצער צייט איז דער אלארם געווארן אפגערופן און ס'האט זיך אויפסניי אנגעהויבן דאס טרויעריקע קאפיטל. די עסעסאווצעס האבן באפוילן אז אלע זאלן ארויס פון די באהעלטענישן אויב נישט, וועלן זיי דערשיסן אויפן ארט.

מיט א ביטער געמיט או יטרויעריקע מחשבות זאמלען מיר זיך צונויף, אויפן באשטימטן דורך די דייטשן, אפעל־פלאץ.

עס איז נויטיק אונטערצושטרייכן אז נישט נאר די רוצחים אין מונדירן זענען געווען פארסמט מיט א זאאלאגישער שנאה צום יידישן פאלק, אפילו שוין ביי זייער גסיסה. אויך די ציווילע דייטשע באפעלקערונג וועלכע האבן אין די ווייטערדיקע יארן זיך פארטיידיקט אז זיי האבן גארנישט געוווסט וואס סע קומט פאר אין די מלחמה־יארן, נישט געוווסט פון קאצעטן און טויט־לאגערן, פון סעלעקציעס און קרעמאטאריומס, אויך זיי האבן ביי יעדער געלעגנהייט

ארויסגעוויזן דעם באַנדיטישן פּרצוף ווען ס׳האָט זיך געהאַנדלט וועגן יידישן גורל, יידישע לעבנס.

אויך איצט, נאָך דער באָמבאַרדירונג פון שטעטל, זענען די ציווילע איינוווינער געקומען און איבערגעגעבן אז א צאָל קאַצעטלער זענען אַנטלאָפן פון שטעטל און צוזאמען מיט דער מיליטערישער וואָך האָבן זיי אָרגאניזירט זייערע היטלער־יוגנט וועלכע האָבן זיך אַרויסגעלאָזט כאַפּן די אַנטלאָפענע און אַ סך צוריק געבראַכט.

ווי לאַנג מיר האָבן מאַרשירט, געדענק איך נישט און דאָס וואָס כ׳האָב זיך נאָך געהאַלטן אויף די פיס איז געווען אַ דאַנק די ווייץ־קערנער וואָס כ׳האָב געהאט ביי זיך. אויך די חברים מיינע מיט וועלכע כ׳בין געגאַנגען צוזאַמען, האָב איך מיט דעם אויפגעהאַלטן ביים לעבן.

אזוי שלעפּן מיר זיך קילאָמעטער נאָך קילאָמעטער נישט וויסנדיק וואָס דער גורל וועט ווייטער ברענגען און די „זיגרייכע" היטלער־אַרמיי אַנטלויפט אין פּאַנישער שרעק. עס ציטערט די הויט אויף די „העלדן" פון נאַצישע קאַצעטן און קערמאטאָריומס. עס אנטלויפן מערדער איבערלאָזנדיק אונטער זיך חרובע, מיט בלוט־איינגעזאַפּטע ערדן פון מיליאָנען אומגעבראַכטע.

אָ, גאָט! לאָז איבער עדות פונעם שרעקלעכן גיהינום וועלכע זאָלן מאַכן אויפציטערן דאָס מענטשלעכע געוויסן!

מיט די לעצטע כוחות קומען מיר אָן, ווי שאָטנס, קיין טערעזענשטאָט.

באַפרייונג

אין טערעזענשטאָטער לאַגער האָבן מיר שוין געטראָפן פיל קאַצעטלער צונויפגענומענע פון אַנדערע לאַגערן. די דייטשע וואַך איז פארשוואונדן און זייער אָרט פאַרנעמען טשעכן וועלכע גיבן אַכטונג אַז מיר זאָלן נשיט פאַרשפּרייטן פאַרשידענע קרענק (טיפוס, דיזענטעריע) וועלכע האָבן זיך באַוויזן ביי די אויסגעהונגערטע מענטשן וועלכע האָבן פלוצים אָנגעהויבן עסן און דער אויסגעמאַטערטער, איינגעשרומפּענער אָרגאַניזם האָט עס נישט אויפגענומען.

ביינאַכט האָט מען געהערט אַן אַרטילעריש שיסעריי און מ׳האָט זיך דערוווסט אַז די רוסן דאַרפן אַ לאַדע מאָמענט אונדז באַפרייען.

לאַנג האָבן מיר נישט געוואַרט.

אין א פרימאָרגן האָט זיך באַוויזן אַ רוסישער אָפיציר אויף א מאָטאָציקל און צו אונדז געשריגן אויף יידיש: „יידן, איר זייט פריי!" אויפדערגיך זענען

מיר ארויס אין גאַס או ןדערזען קאָלאָננעס רוסישע טאַנקן יאָגן זיך נאָך די אַנטלאָפענע דייטשישע אַרמיי און אין מיטן גאַנג האָבן זיי פאַר אונדז אַראָפּ געוואָרפן ברויט, קאָנסערוון און אנדערע שפּייזן. מיר האָבן אָנגעפּילט די קעשענעס מיט עסנוואַרג און באַהאַלטן אין די בעטן. נאָך די יאָרן פון שרעקלעכן הונגער, זענען אונדזערע מחשבות געווען קאָנצענטרירט אויף איין פּראָבלעם: עסן. אויך איצט ווען מיר זענען שוין געווען באַפרייט, האָט געפּייניקט אַן אומרו, אַ פּחד פאַרן שטיקל ברויט.

צומאָרגנס זענען מיר אָרגאַניזירטערהייט ארויס אויפן וועג דורך וועלכן די דייטשן זענען אַנטלאָפן. מיר האָבן פון זיי צוגענומען די רוקזעק מיט זאכן און עטלעכע פון אונדז האָבן זיי דערלאַנגט קלעפּ. כאָטש אַ שטיקל נקמה.

נאָך אַ וואָך צייט בין איך פּלוצים קראַנק געוואָרן און מיט גרויס פיבער האָט מען מיך גענומען אין שפּיטאָל אריין ווו כ׳בין אָפּגעווען דריי וואָכן. ווען כ׳בין געקומען צו זיך, בלייבנדיק אַליין, אָן חברים און אָן געלט-מיטלען, גרייט איך זיך פיבערדיק צו דער צוריקרייזע אין היימשטעטל זעלעוו.

צוריק אין שטעטל

מיט טרויעריקע מחשבות און האַרץ-ציטער דערנענטער איך זיך צו אונדזער באַליבט שטעטל, דאָרט ווו כ׳האָב זיך דערצויגן און ערשטע חלומות געוועבט, ווו כ׳בין געווען אַ טייל פון אַ טייערן, דינאמישן און וואַרעמען יידישן ישוב. וועמען וועל איך טרעפן פון מיינע נאָענטע? פון די איבערגעגעבענע, האַרציקע און וואַרעמע יידן? האָט זיך ווער אָפּגעראַטעוועט פון דער שרעקלעכער מגיפה? צו בין איך געבליבן אַן איינזאַמער צווייג פון אַ טראַגיש-אָפּגעהאַקטן שטאַם?

מיט אַזעלכע ביטערע געדאַנקן קום איך אָן אין אַן אינדערפרי קיין זעלעוו.

די ערשטע פויערים וועלכע האָבן מיך באַמערקט און פון וועלכע כ׳האָב געוואָלט עפּעס געוויר ווערן, האָבן מיך אָנגעקוקט ווי עפּעס אַ גלגול, אַ געקומענער פון יענער וועלט. „וואָס, דו לעבסט נאָך?״ — דאָס איז געווען די איינציקע פראַגע פון די געוועזענע שכנים וועלכע האָבן נישט ווייניק זיך מיטגעוואַרעמט אין דער גרויסער שריפה. אזוי האָבן מיך אויפגענומען אונדזערע מיטבירגער וועלכע האָבן געציטערט פאַר דער גרויסער ירושה וואָס איז אריין געפאַלן אין זייערע הענט.

אין זעלעוו טרעף איך עטלעכע יידן בתוכם מיין קוזין שקאָפּ. ער האָט מיך אַריינגענומען אין זיין וווינונג און דאָ ווער איך געוויר זועגן גרויסן אומגליק.

אויך פון מיין פאמיליע איז קיינער נישט געבליבן און פון יידישן שטעטל ענען פאַרבליבן ביים לעבן געציילטע.

דערהערנדיק די קלאַגנדיקע ידיעות און דערפילנדיק זיך אין אַ ים פון שנאה און רשעות מצד די פוילישע שכנים, באַשליס איך וואָס שנעלער צו פארלאָזן די פוילישע ערד.

נאָכן שמוגלען זיך דורך לענדער און גרענעצן, אַדורכגייענדיק אין פאַרלויף פון עטלעכע מאָנאַטן פאַרשידענע סכנות, קום איך אָן אין אונדזער אמתער היים, קיין ארץ־ישראל.

ירחמיאל גאָלדמינץ
כפר־סבא

זעלעוו אין די יאָרן 1930 — 1942

אונדזער שטעטל אין די 30־ער יאָרן

אַלע יאָרן איז זעלעוו באַשטאַנען פון אַ געמישטע באַפעלקערונג מיט אַ טשעכישער מערהייט. עס זענען געווען בערך 48 פּראָצענט טשעכן, 33 פּראָצענט פּאָלאַקן, 12 פּראָצענט יידן און 7 פּראָצענט דייטשן. אַלע אַמטן (דער ריכטער, סאָלטיס, וווּיט און אנדערע) זענען געווען פאַרנומען דורך טשעכן, ביי דער אונטערשטיצונג פון יידן און דייטשן.

אין אָנהויב פון די דרייסיקער יאָרן, האָבן די פּאָלאַקן אָנגעהויבן „רעוואָלטירן" און געזוכט פאַרשידענע וועגן וויאַזוי צו ווערן אויס מינדערהייט. די ערשטע דעלעגאַציע איז געפאָרן צום סטאַראָסטווע קיין לאַסק און נאָכן באַקומען אַ נעגאַטיוון ענטפער, האָט זיך אָנגעהויבן אַ שתדלנות ביים וואָיעוואָדע אין לאָדזש, וועלכער האָט געפונען אַן אויסוועג מיטן צוקאָפּטירן צו זעלעוו עטלעכע דערפער מיט אַ קאָמפּאַקטער פּוילישער באַפעלקערונג. אַזויאַרום האָט זיך די טשעכישע הערשאַפט געענדיקט.

מיטן איבערנעמען די אדמינסטראַציע דורך די פּאָלאַקן, ווערט דאָס לעבן שווערלעך, נאָר די יידישע באַפעלקערונג האָט זיך ווייניק וואָס געשראָקן ווייל אין די יאָרן זענען יידן געווען אַ דעצידירנדיקער פאַקטאָר אין דער עקאָנאָמיק פון שטעטל. אויך די דאָרפישע באַפעלקערונג איז געווען געצווינגען אָנצוקומען צו יידן אַזוי ביים באַקומען אַרבעט פאַר זייערע וועב־שטולן וועלכע האָבן זיך געפונען אין אַ סך דאָרפישע שטובן, ווי אויך צו קויפן אויסגעפּאַרטיקטע, נויטיקע פאַרן געברויך זאַכן, וועלכע זענען געוואָרן פּראָדוצירט דורך יידישע פאַכלייט אין שטעטל.

יידן זענען געווען פאַרטרעטן ביי אַלע פאַכן (אויסער חזיר־קיילער און טרומנע־מאַכער...), דער עיקר ביי דער טעקסטיל־בראַנזשע. אויך אינדערצייט ווען

די טעקסטיל־אינדוסטריע איז געוואָרן מעכאַניזירט און ס'איז געווען א טענדענץ נישט צוצולאָזן יידישע ארבעטער אין די פאַבריקן (צוליב חילול־שבת), זענען געווען יידן וועלכע האָבן נאָך א שווערן קאַמף מיט די אייגנטימער, אַנגעהויבן אַרבעטן אין די מעכאַנישע פאַבריקן.

צוליב דער אנטוויקלטער אינדוסטריע, וואָס איז געווען אַ מקור פון פרנסה פון איין זייט און דער עטנישער צוזאמענשטעל פון דער באַפעלקערונג וואָס האָט נישט דערלאָזט צו קיין אַקטיוון אנטיסעמיטיזם, ווי אין אַנדערע שטעטלעך, פון דער צווייטער זייט — מערקט זיך אַ צופלוס פון יידן וועלכע קומען אָן פון אנדערע ישובים ווו אַ טייל פון דער יידישער באפעלקערונג האָבן פאַרלוירן זייערע פרנסות צוליבן אנטיסעמיטיזם און בויקאָט.

אויב אין אָנפאַנג פון די דרייסיקער יאָרן האָט די יידישע באַפעלקערונג געציילט 480 משפחות, בערך 2500 נפשות, זענען אין די יאָרן 36—1930 צוגעקומען נאָך 1000 יידן צוגערייזטע פון אנדערע שטעטלעך.

קיין גרויסע קענטעניש אָדער אינוועסטיציעס זענען נישט געווען נויטיק אַז אויך די צוגערייזטע, נישט קיין פייכלייט, זאָלן זיך שאַפן אַ שטיקל פרנסה. גענוג געווען אַז אַ משפחה זאָל אַהיימנעמען עטלעכע פעקלעך גאַרן צום טרייבן, האָט זי געקאָנט לעבן פון די פאַרדינסטן און פון אַראָפּגענומענעם „מאָץ" (ווער האָט נישט „אַראָפּגענומען" אַ שנעלער פון אַ פעקל גאַרן ?...).

אין די פאַר־מלחמה יאָרן איז געווען אַ טענדענץ ביי די באַשעפטיקטע אין דער טעקסטיל־בראַנזשע איבערצוגיין פון האַנט־וועבעריי צום מעכאַנישן סיסטעם. צו דעם צוועק זענען געוואָרן אויפגעשטעלט געביידעס וועלכע זענען געוואָרן פאַרדינגען. אַ פלאַץ פאַר צוויי קראַפט־שטיל האָט געקאָסט 15 זלאָטעס אַ חודש.

עס איז אויך געווען אַ דראַנג איבערצוגיין פון האַנט־וועבעריי אין דער מעכאַנישער פאַבריק צוליב די פאַרדינסטן. אויב אַ האַנט־וועבער האָט פאַרדינט ביי אַן ארבעטס־טאָג פון פרי ביז שפּעט ביינאַכט (און דערצו געמוזט אויסהאלטן אַ שפולער) 6 זלאָטעס, האָט אַ קראַפט־וועבער פאַרדינט 5 זלאָטעס ביי 8 שעה אַרבעט.

אין די פאַבריקן איז אויך געווען טעטיק דער פראָפעסיאָנעלער־פאַריין וועלכער האָט נישט־איינמאָל אָרגאַניזירט שטרייקן און דאָס איז געווען אַ גורם פאַר אויסבעסערן די לעבנס־באַדינגונגען פונעם פאַבריקס־ארבעטער. אויך יידישע וועבער זענען געווען אַקטיוו אין אַלע שטרייק־אַקציעס, איבערהויפּט

ביים נישט צולאָזן צו אַ שטרייק־ברעכעריי מצד דער דאָרפישער באַפעלקערונג פאַר וועלכע — ווי מיר האָבן שוין דערמאָנט — איז דאָס נישט געווען דער עיקר פרנסה און ממילא זענען זיי קיינמאָל נישט צוגעשטאַנען צו די שטרייקן.

אין די יאָרן ווערט אויך אין שטעטל געפירט אַן אינטענסיווע געזעלשאַפטלעכע אַרבעט וועלכע דריקט זיך אויס אין דער טעטיקייט פון פאַרשידענע פאַרטייען און אָרגאַניזאַציעס. אויסער דעם רעליגיעזן סעקטאָר וועלכער באַשטייט פון גערער, אלעקסאנדערער און ראדאָשיצער חסידים ווי אויך פון דער אגודת־ישראל מיט זיינע פאַרשידענע אָפּצווייגונגען (פועלי אגודת ישראל, צעירי אגודת ישראל, בנות־יעקב) פירן אַן אַקטיווע טעטיקייט די אַלגעמיינע ציוניסטן, פועלי־ציון רעכטע און לינקע, מזרחי, רעוויזיאָניסטן און פאַרשידענע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס.

ווי אין אַ סך יידישע שטעטלעך אין דער דעמאָלטדיקער צייט, שטייט אויך נישט אונדזער שטעטל אין דער זייט ביי די פאַרשידענע מחלוקותן צווישן גערער און אַלעקסאנדערער חסידים ביים באַשטימען אַ רב אָדער שוחט ווי אויך ביי די וואַלן צו דער יידישער קהילה.

פון דער פּאָזיטיווער זייט פונעם יידישן זעלעוו, וואָס איז געווען בולט אין די דרייסיקער יאָרן, איז געווען די איבערגעגעבענע, גוטהאַרציקע באַציונגען בין אדם לחברו. נישט געווען קיין פאַל, אויב אַ מענטש האָט זיך געניטיקט אין אַ דאָקטאָר און ער איז געווען מאַטעריעל געקוועלט, אָדער ס׳האָט עמעץ חלילה נישט געהאַט שבת צומאַכן, עס זאָלן זיך נישט געפונען קיין מענטשן וועלכע זאָלן זיך פרייוויליק און מיט התלהבות מיט דעם מטפל זיין.

אַ האַרציק שטעטל געווען אונדזער זה־לב.

זעלעוו אונטערן האַקנקרייץ

מיטן פאַרנעמען דורך די דייטשן דעם סודעטן־געביט אין יאָר 1938 און מיטן ארויסיאָגן די פוילישע יידן פון דייטשלאנד קיין זבאָנשין, האָבן זיך אָנגעטראָגן שוואַרצע וואָלקנס איף אונדזער שטעטל ווי אויפן גאַנצן יידישן ישוב אין פוילן. מיט דעם האָבן מיר געזען די ערשטע סימפּטאָמען אַז יידיש לעבן איז געוואָרן הפקר.

לאַנג וואַרטן איז נישט אויסגעקומען. די מלחמה צווישן דייטשלאנד און פוילן האָט אויסגעבראָכן און ס׳האָבן זיך אָנגעהויבן ביטערע טעג פאַרן יידישן ישוב.

די ערשטע טעג זענען מענטשן געלאָפן און צוריקגעקומען. עס קומען אויך אָן די ערשטע פליטים פון שטעטל סטערצעוו וואָס איז געוואָרן אָפּגעברענט.

אויך פון אנדערע שטעטלעך קומען אָן קיין זעלעוו יידישע פאַמיליעס, ווייל ביי אונדז איז געוועזן פאַרהעלטנסמעסיק רואיקער ווי אנדערשוו.

מיטן אָנקומען פון די פליטים שאַפן זיך שוועריקייטן ביים באַזאָרגן זיי מיט אַ דאַך איבערן קאָפּ און צו דעם ציל ווערט אויף דער בית־המדרש און די שטיבלעך געשטעלט צו זייער רשות.

ווען די דייטשן זענען אַריין קיין זעלעוו, האָבן זיי אָנגעהויבן „זאָרגן" וועגן אָרדנונג און דער ערשטער באַפעל איז געוועזן צו באַשטימען אַ יידן־ראַט מיט יידישע פּאָליציי. אַלס פּרעזעס פון יידן־ראַט ווערט באַשטימט נפתלי מאיר און אין ראַט גייען אַריין הערש מאַנדל („אַכלאַפּ") און אנדערע אָנגעזעענע יידן פון שטעטל.

עס ווערט אויך געשאַפן אַ יידישע פּאָליציי. אויך איך בין געוואָרן אויפגעפאָדערט אָנצושליסן זיך אין דער פּאָליציי אָבער איך האָב זיך קאַטאַגאָריש אָפּגעזאָגט.

נאָך אַ קורצער צייט איז געקומען אַ באַפעל אַז יידן זאָלן טראָגן אַ באַנד אויף דער לינקער האַנט און נאָך אַ חודש איז דער באַנד געוואָרן פאַרביטן אויף אַ געלע לאַטע וואָס מיר זענען געווען געצווינגען צו טראָגן פון פאָרנט און אויף דער פּלייצע.

טאָג־איין טאָג־אויס קומען אָן נייע גזירות איינע מוראַדיקער פון דער צווייטער. יעדער דייטש האָט דאָס רעכט זיך צו איזדעקעווען איבערן הילפלאָזן ישוב. זיי מעגן טון מיט אונדז אַלץ וואָס זייערע פאַרדאָרבענע נשמות ווילן.

איינמאָל, ווען אין בעלכאַטאָוו איז פאָרגעקומען אַ כאַפּעניש אויף אַרבעט, האָבן אַ פּאָר יידישע יונגעלייט פון דאָרט, געדונגען אַ דראָזשקע און געוואָלט פאָרן קיין זעלעוו. אויפן וועג זענען זיי געוואָרן געכאַפּט דורך דייטשע זשאַנדאַרמען וועלכע האָבן אויסגעשפּאַנט ס׳פערד און איינגעשפּאַנט די יונגעלייט און זיי געיאָגט איבער די זעלעווער גאַסן. די יידישע באַפעלקערונג, דערזעענדיק אַזאַ שוידערלעך בילד, זענען זיך אין בהלה צעלאָפן אין די פעלדער.

אַזוי זענען זיי געוואָרן געטריבן ביז זיי זענען געפאַלן פון דערשעפּטקייט. דערנאָך האָבן זיי געכאַפּט אַ זעלעווער יונגנמאַן (אברהם ראָזנבלום, דעם שוואָרצן הערשלס אַ זון) און אים געטריבן אויפן פּאַביאַניצער שאָסיי, אַן ערך פון 10 קילאָמעטער ביז זיי זענען צוגעקומען אין הויף פון אַ רייכן פויער וועלכער האָט געהאַט אַ האָדאָווניע פון געענדז. אויפן הויף איז געווען אַ בודע מיט אַ גרויסן הינט וואָס בלויז קוקן אויף אים איז אים אָנגעפאַלן אַ פּחד און זיי האָבן אים

באַפּוילן אַריינצוגיין אין דער בודע, אויב נישט ווערט ער דערשאָסן אויפן אָרט. נישט האָבנדיק קיין ברירה, איז ער דאָרט אריין און ס׳האָט פּאַסירט אַ נס אַז גאָר דער הינט האָט זיך דערשראָקן און פון דאָרט אַרויס, פאַר דעם טאָט באַקומט ער אַ גאַנדז מיט אַ שיין אַז קיינער האָט נישט קיין רעכט אים צוצונעמען.

ערב דעם 11־טן נאָוועמבער, דעם פּוילישן נאַציאָנאַלן יום טוב, איז געוואָרן אַדורכגעפירט אַן אַבלאַווע צווישן דער פּוילישער פּני, לערער, פעלטשער און סתם אַנגעזעענע פּוילישע בעלי־בתים, וועלכע זענען געוואָרן פאַרשיקט אין פאַרשידענע ערטער. טייל האָבן זיך בכלל נישט צוריקגעקערט און די וועלכע זענען צוריקגעקומען, האָבן מורא געהאַט פאַרן אייגענעם שאָטן.

די יידישע באַפעלקערונג איז אויך געוואָרן אויפגעפאָדערט צוצושטעלן פון יעדער פאַמיליע אַ פּערזאָן צו דער רייניקונגס־אַרבעטן ביים קאַנאַל און אין



זעלעווער יידן ביים גראָבן דעם קאַנאַל

שטובן ווו ס׳איז נישט געווען קיין מענער, גייען ארויס צו דער ארבעט פרויען און מיידלעך.

טאָג־איין טאָג־אויס ווערן צוגעטראַכט דורך די נאַצישע סאַדיסטן נייע פאָרמען ווי צו פייניקן און מאָראַליש דערנידעריקן דעם יידישן ישוב. פאַר דער קלענסטער עבירה האָט מען באַקומען קלעפּ. אויב מ׳האָט געזען עמעצן אין אַ מונדיר פון ס. א. אָדער היטלער־יוגנט, זענען מיר געווען געצווינגען אַראָפּצונעמען דאָס היטל, אויב נישט — מערדערישע קלעפּ. פאַרן אַראָפּנעמען דאָס היטל איז

ווידער געוועזן קלעפּ — „וואָס בין איך דיין קאַמעראַד, דו שוויין?". אין די הויפּט־גאַסן איז געוועזן פאַרבאָטן זיך צו באַווייזן און מיר האָבן געמאַכט דורכגענג דורך די פּלעצער און ווען מ׳איז געווען אין גאַס, האָבן מיר זיך גוט ארומגעקוקט צי ס׳גייט נישט עמעץ אין אַ מונדיר. אויב מ׳האָט אַזאַ איינעם באַמערקט פונדערווייטנס, האָבן מיר זיך שנעל באַהאַלטן בכדי אויסצומיידן קלעפּ.

יידן זענען אויך געווען געצווינגען אָפּצוגעבן זייערע פּעלצן און אַך און ווי איז געווען אַז מ׳האָט ביי עמעצן געפונען אַזאַ מאַנטל.

אין חודש מערץ 1941 איז אויסגעבראָכן אַ טיפוס־עפּידעמיע ביי אַ צוגערייזטע פּליטים־פאַמיליע פון 8—7 פּערזאָן וועלכע זענען געווען איינלאָקירט אין גערער שטיבל און ס׳איז געווען דרינגנד נויטיק זיך צו פאַרנעמען מיט די קראַנקע ווי אויך מיט די וועלכע האָבן זיך נאָכנישט אָנגעשטעקט מיט דער קראַנקהייט.

דער שעף פון דער יידישער פּאָליציי, אבא ליבערמאַן (דערנאָך איז געווען שעף, פּרענקעל, יעקל לעוויס איידעם, ווייל ליבערמאַן איז געוואָרן פירער פון שאָפּ) האָט צונויפגערופן אַ גרעסערע גרופּע יוגנטלעכע און פאַרגעלייגט צו ווערן סאַניטאַרן בכדי זיך צו פאַרנעמען מיט דער פאַמיליע.

מיר האָבן געשאַפן דריי איזאָליר־פּלעצער, פאַר די שווער־קראַנקע, לייכט־קראַנקע און פאַר די געזונטע ווען ס׳האָט געדראָט אָנגעשטעקט צו ווערן. מיר האָבן אויך אונטערגעהייצט דעם מקוה־קעסל וואָס איז שוין געווען אומטעטיק אנדערהאַלבן יאָר און די קראַנקע געוואַשן. אַ דאַנק אונדזער איבערגעגעבענער הילף זענען די קראַנקע געזונט געוואָרן, אָבער אַ סאַניטאַר, בעריש ווייס, העניעך שמולעוויטשס שוואָגער, האָט זיך אָנגעשטעקט און אין פינף טעג ארום געשטאָרבן.

מיר האָבן אויך געשאַפן אַ קיך פאַר די קראַנקע וואָס איז געוואָרן פינאַנסירט דורך יידן וועלכע האָבן זיך איינגעשטעלט דאָס לעבן און געשמוגלט סחורות קיין בעלכאַטאָוו אין פּיאָטרקאָוו (נישט איינער פון זיי איז געוואָרן געכאַפּט, פאַרשיקט און מער זיך נישט צוריקגעקערט).

אזוי לעבן מיר ביי שרעקלעכע טעראָר־באַדינגונגען, הונגער און אויסערן־געזעץ, ביז עס קומען אָן נאָך ערגערע צייטן, ווען עס ברעכט אויס דער רוסיש־דייטשער קריג אין יאָר 1941.

* * *

אַ פרישע גזירה. מ׳הויבט אָן פאַרשיקן אין די פויזנער לאַגערן. מענטשן זענען געוואָרן געכאַפּט ביינאַכט פון די בעטן ארויס און דער ערשטער טראַנספּאָרט

פון הונדערט מאַן איז געוואָרן באַגלייט מיט הארצרייסנדיקע געוויינען פון די מאַמעס. די פאַרשיקטע ווערן צוערשט איבערגעשיקט אויף אַ קאָמיסיע קיין שעראַדז און דערנאָך ווייטער אין פאַרשידענע לאַגערן.

עס ווערן אויך צוגענומען אַלע פאַראַנענע ניי־מאַשינען (וואָס איז געווען אַ מקור פון צופאַרדינען אַ שטיקל ברויט ביים פאַריכטן פאַר אַ פויער אַן אנצוג אָדער אַ פאַר הויזן) און עס וועט געשאַפן אַ שאָפּ. צוערשט זענען דאָרט געווען בשעפטיקט 120 פערזאָן און דערנאָך ביז 500 וועלכע האָבן געאַרבעט איז צוויי שיכטן. ס'איז דאָרט געוואָרן אויפגענייט פּיזשאַמעס, הויזן און אַנצוגער פאַר דער ווערמאַכט. די וועלכע האָבן געאַרבעט, האָבן באַקומען אַ קילאָ ברויט יעדן טאָג און דאָס איז געווען אַ גרויסע הילף פאַר פאַמיליעס ווי דער נויט איז געווען גרויס.

עס מוז אויך דערמאָנט ווערן אז די אַקציע פון צונעמען ניי־מאַשינען, איז געוואָרן אַדורכגעפירט דורך דער יידישער פּאָליציי און עס זענען געווען פאַלן ווען ביי איינעם זענען געוואָרן צוגענומען דריי מאַשינען. אָבער נישט אַלע פּאָליציי־לייט האָבן זיך שלעכט אויפגעפירט. געווען אַ פאַל, ווען אברהם קליין (פאָליציאַנט, שוואָגער פון פרעזעס נפתלי מאיר) האָט געוואָרפן אַ טינטער אין קאָפּ פון פרעזעס פאַר צונעמען ביי אַ ייד עטלעכע ניי־מאַשינען. דערזעלבער אברהם קליין האָט זיך קיינמאָל נישט באַטייליקט ביים כאַפּן צו דער אַרבעט. ער איז געווען באַשעפטיקט בלויז ביי אַדמיניסטראַטיווע אַרבעטן.

אין מערץ 1942 זענען ביי אונדז, ווי אין די אַרומיקע ישובים: זדונסקאַ וואָלאַ, לאַסק, בעלכאַטאָוו און אנדערע, געוואָרן אַדורכגעפירט עפנטלעכע עקזעקוציעס. אַלע יידן זענען געווען געצוווּנגען צו זיין אַנוועזנד ביי די תליות און זיך צוקוקן צו די אומשולדיק אומגעבראַכטע יידן.

אינדערזעלבער צייט ווערט אַדורכגעפירט אַן אַקציע פון צונעמען ביי יידן די גאַנצע ווינטער־וועש. אויב עמעץ האָט געפּרוווט איבערלאָזן פאַר זיך אַ פּאָרל־וועש, איז ער געוואָרן מערדערלעך צעשלאָגן.

דערווייל ווערט די לאַגע פון טאָג צו טאָג אַנגעשטרענגטער. מיט יעדן באַווייזן זיך פון מונדורירטע דייטשן, וואַקסט דער פּחד. עס פילט זיך אין דער לופט די אַנקומענדיקע קאַטאַסטראָפע. קיינער מאַכט זיך נישט קיין אילוזיעס, יעדער לעבט מיט דער געפאַר פון טאָטאַלער אויסזידלונג, וואָס קאָן אַ ליאַדע טאָג ווערן אַ ווירקלעכקייט.

אין די חדשים יוני—יולי 1942 איז צו אונדז אַראָפּגעקומען אַ גרעסערע

קאָמייסע פון הויכע אָפיצירן און ס'איז געקומען אַ באַפעל אַז אַלע יידן פון 14 בז 65 יאָר, מוזן זיך צושטעלן אויף אַ קאָמיסיע אין דער פאַבריק פון יענקל לעווי. מענער, פון אַכט אינדערפרי ביז איינס אַ זייגער מיטאָג־צייט און פרויען פון 1 ביז 6 פאַרנאַכט. אויסער די פרעמדע אָפיצירן, זענען ביי דער קאָמיסיע געווען אַנוועזנד אָרטיקע דייטשן ווי אויך צוויי יידישע פּאָליציי־לייט און עטלעכע סאַניטאַרן.



יידן ווערן געהאַנגען אין די לאַגערן און געטאָס אלס אָפּשרעקונגס־מיטל

בשעתן אויסטון זיך זענען מיר געוואָרן באַגלייט מיט זידלערייען און קלעפּ. ווען ס'איז געקומען די ריי אויף די פרויען, האָט דער יידן־ראַט געבעטן אַז מען זאָל זיי דערלויבן צו דערשיינען פאַר דער קאָמיסיע אין די אונטער־וועש. די פרעמדע אָפיצירן וואָלטן אפשר באַשטאַנען אויף דעם, נאָר די אָרטיקע דייטשן האָבן בשום־אופן נישט מסכים געווען און אַלע פרויען און מיידלעך זענען געווען געצווינגען צו באַווייזן זיך פולשטענדיק נאַקעט.

ביי אַ צווייטער אַקציע וואָס איז פאָרגעקומען אין אַ קורצער צייט אַרום, ווען מ'האָט אונדז געכאַפּט אויף אַרבעט אין שטעטל, האָב איך זיך געראַטעוועט ממש אין דער לעצטער מינוט, ווען דער עס־עס־מאַן גערגעלע האָט מיך אָנגעכאַפּט פאַרן קאָלנער וועלנדיק מיך אַרעסטירן, האָב איך אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די

מארינארקע און אנטלאפן. דורך א נס בין איך נישט געטראפן געוואָרן פון די קוילן און נישט געכאפט געוואָרן דורך דער פאָליציי וועלכע האָבן מיך געזוכט.

ביי דער אַ אַקציע זענען גענומען געוואָרן נאָך 120 מאַן וועלכע זענען געוואָרן פאַרשיקט.

ביז דער צייט, זענען שוין געוואָרן פאַרשיקט בערך 980 יידן און די יידישע באַפעלקערונג, צוזאמען מיט אַלע צוגעקומענע פליטים איז דערגאנגען צו דער צאָל פון 10 טויזנט נפשות בערך.

לעצטע טעג פון יידישן זעלעוו

זעקסאונצוואנציק טעג אין חודש אב האָט עס זיך אנגעהויבן.

קומענדיק אינדערפרי אין שאַפּ צו דער אַרבעט, איז אויף דער וואַנט געהאַנגען אַמעלדונג, אַז מאַרגן מוזן אַלע יידן, קליין און גרויס, מענער און פרויען, זיך צושטעלן אין דער פאַבריק פון יענקל לעווי. קיינער טאָר נישט בלייבן אינדערהיים. קראנקע וועלכע קאָנען נישט קומען, וועלן אויך געבראַכט ווערן. יעדער האָט אינסטינקטיוו פאַרשטאַנען אַז עס דערנענטערט זיך דער טראַגישער עפּילאָג פון אונדזער יידיש שטעטל. די נאַכט איז געווען אַ שלאַפלאָזע פאַר אַלע יידן. טייל זענען אנטלאָפן און אַ טייל האָבן זיך אויסבאַהאַלטן. מענטשן האָבן זיך באַראַטן, געמאַכט פּלענער, איינגעגנייט געלט אין אַנגעטועכץ. אָבער וועלכע פּלענער קאָן מען מאַכן ווען אַז שרעקלעך געשפּענסט הענגט איבער אונדזערע קעפּ ?, ווען אונדזער קיום הענגט אויף אַ האָר ?

צומאָרגנס אינדערפרי הויבן מענטשן אָן שטראָמען צו דער פאַבריק. מען באַגריסט זיך מיט בלויז אַ שאָקל מיטן קאָפּ. די מיילער זענען פאַרשלאָסן. די יונגע פאַרפעלקער נעמען מיט זייערע קליינע קינדערלעך אין די וועגעלעך און אזוי גייען זיי זייער לעצטן וועג.

אין דער פאַבריק אין וועלכן ס'האָבן זיך געפונען וועב־שטולן, זענען געוואָרן אָנגעשטופּט טויזנטער יידן אַז ס'איז נישט געווען קיין אָרט ווו צו שטיין, אַ העלפט מענטשן זענען געבליבן אויפן הויף אַרומגערינגלטע פון אַלע זייטן דורך עס־עס לייט און היטלער־יוגנט. אַלע מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ ווי איינער וואָלט עפּעס שולדיק געווען דעם צווייטן.

ביינאַכט — די לעצטע נאַכט פון זעלעווער יידנטום — זענען מיר געוואָרן אויפגעציטערט פון קינדערישע געוויינען. בלויז קינדער ? אַלע האָבן מיטגעוויינט,

מיטגעיאָמערט. אַלע האָבן שוין געוווסט אַז דאָס איז די לעצטע פּאַזע, אַז מיט דעם ענדיקט זיך דאָס קאַפּיטל וואָס הייסט יהדות זעלעוו.

10 אַזייגער אינדערפרי, קומט אָן אַ באַפעל אַז אַלע זאָלן אַראָפּ אויפן הויף און זיך אויסשטעלן צו צוויי אין אַ ריי. עס קומען אָן צוויי אָפיצירן און אַ ציווילער און נאָכן פאַרשרייבן פאַרשידענע איינצלהייטן ווי אויך אונדזערע פאַכן, ווערן אויסגעקליבן 100 מענער און 30 פרויען און מיר ווערן איבערגעשיקט אין דער פּוילישער קירכע. נאָך דריי שעה ווערן אהינגעבראַכט נאָך 20 מיידלעך.

צוויי טעג און אַ נאַכט זענען מיר געווען אין דער קירכע. פון דאָרט האָבן מיר אויך אָבסערווירט ווי מ׳פירט אויסבאהאלטענע יידן.

דעמזעלבן טאָג באַגייען צוויי יידן זעלבסטמאָרד. כתריאל מאַרקעוויטש איז אַוועק אונטער דער שטאָט און דאָרט זיך אויפגעהאַנגען. פייוויש אַפּאָטאָווסקי. וועלכער איז יאָרן-לאַנג געווען בלינד, דערהערנדיק וואָס עס קומט פאָר, נעמט זיך ס׳לעבן.

* * *

צו דער גאַלעריע פון קדושים וועלכע האָבן מקדש השם געווען ברבים, דערמאָן איך דריי פון אונדזערע יידן וועלכע האָבן אין די סאַמע טראַגישע מאָמענטן בעת דער לעצטער אויסזידלונג, אַרויסגעוויזן מוט און גבורה קעגן דער נאַצישער בעסטיע:

פריידל ליכטנשטיין, האָט מיט דרייסטקייט, אָן פחד, געשריגן צו די דייטשן: „מיינט נישט אַז מיט דעם וועט זיין די ענדע, אויך אייער סוף וועט קומען!״


מאַנדל ריפשטיין, האָט זיך דערנענטערט צו די הענקער, זיי באַזידלט און באַשפּיגן.

אברהם קליין, אַ פּאָליציאַנט און שוואָגער פון פּרעזעס פון יידן-ראַט, ער האָט געקאָנט בלייבן ווי אַנדערע פּאָליציאַנטן. ער האָט אָבער אַנדערש געהאַנדלט, „ווי אַלע גייען, גיי איך אויך״ — האָט ער געזאָגט. דערנאָך איז ער צוגעגאַנגען צו צוויי היכע אָפיצירן און געזאָגט: „אַלע יידן וועט איר סיי ווי נישט אומברענגען און ווער ס׳וועט בלייבן, וועט אין אייך נקמה נעמען״! אַ צעשלאָגענער האָבן זיי אים אַריינגעוואָרפן אין אויטאָ.

* * *

צומאָרגנס כ״ט באב, זענען מיר, 150 מאַן געוואָרן איבערגעשיקט קיין לאָדזש און די איבעריקע עדה פון בערך 9500 נפשות, מענער פרויען און קינדער, זענען געפירט געוואָרן אויף פארניכטונג אין טויטן-לאַגער כעלמנאָ.

זכור ואל תשכח!



בדרכם האחרונה

ירחמיאל גאלדמינץ

נאך דער אויסזידלונג

...אין צווייטן טאָג נאָך דער טראגישער סעלעקציע און אויסזידלונג, האָט מען אונדז, 150 יידן איבערגעבליבענע ביים לעבן, ארויסגענומען פון דער פוילישער קירכע און פאַרלאָדנט אין צוויי לאַסט־אויטאָס בכדי אונדז איבערצופירן אין לאָדזשער געטאָ. יעדער האָט באַקומען אַ ברויט און אין באגלייטונג פון צוויי געסטאַפּאָווצעס אין יעדע אויטאָ זענען מיר אָנגעקומען אויפן אָרט.

אויפן באַלוטער פּלאַץ האָבן מיר זיך אָנגעטראָפן אויף די ערשטע טראַגישע דערשיינונגען. די יידן, אויסגעמאַטערטע און הונגעריקע וואָס האָבן דאָרט געאַרבעט, האָבן אויף אונדז געקוקט, צוליב אונדזער נישט שלעכטן אויסזען, ווי אויף מענטשן געקומענע פון אַ צווייטן פּלאַנעט. די הונגעריקע יידן האָבן ביי אונדז געבעטן אַ שטיקל ברויט און מיר זעלעווער זענען געווען געווווינט אַז אויב עמעץ שטרעקט אויס די האַנט דאַרף מען אים געבן. איינער פון די דריי ברידער אילנבערג (חאַמל, נח און אברהם) האָט אָוועקגעגעבן אַ גאַנץ ברויט נישט נעמענדיק אין אַכט אַז מאָרגן, איבערמאָרגן, וועט זיין גורל זיין דער זעלבער. די ווייטערדיקע בילדער זענען געווען נאָכמער אויפציטערנדיק. אויף די גאַסן האָבן זיך ארומגעדרייט יידן געשוואָלענע פון הונגער און טויטע קערפּערס זענען געלעגן און קיינעם האָט עס נישט פּאַראינטערעסירט. שפּעטער האָבן מיר געזען ווי דריי מענטשן האָבן צונויף געזאַמלט די טויטע אין אַ וואָגן ארײַן און זיי אָוועקגעפירט.

אין זעלבן טאָג זענען מיר אָנגעקומען אין אַ זאַמל־פּונקט וווּ יעדן איז געוואָרן צוגעטיילט זיין ווױן־פּלאַץ און צומאָרגנס האָבן מיר ביים ארבעטס־אַמט געדאַרפט באַקומען אַרבעט.

איך מיטן פּעטער בעריש שטאַרך און זיין איידעם יעקב שיוועק האָבן באַקומען אַ וווינונג אויף דער לוטאָמיערסקע גאַס ביי די דראָטן ד. ה. ביי דער גרענעץ פון געטאָ.

איז צווייטן טאָג בין איך געגאַנגען באַזוכן מיינס אַ חברה פון פאַר דער מלחמה אָבער כ׳האָב דאָרט קיינעם נישט געטראָפן. די שכנים האָבן מיר מיטגעטיילט אַז אין סוף 1941 זענען זיי געוואָרן פאַריזיקט ווייל זיי זענען געווען „זאַשיל־קאָווצעס״. דאָס זענען געווען מענטשן וואָס האָבן באַקומען „זאַשילעק״ — מאַטעריעלע הילף דורך רומקאָווסקין נאָכדעם ווי די יונגע אַרבעטס־פעאיקע פאַמיליע מיטגלידער זענען געוואָרן פאַרשיקט אין די פויזנער אַרבעטס־לאַגערן, און ביי דער ערשטער געלעגנהייט האָט רומקאָווסקי די „זאַשילקאָווצעס״ אַוועקגעשיקט אין די פאַרניכטונגס־לאַגערן.

איך בין געוואָרן צוגעטיילט צו בוי־אַרבעט, ביים מישן בעטאָן. די אַרבעט איז געוואָרן אַדורכגעפירט אויף אַ פרימיטיוון אופן און כל־זמן מ׳האָט נאָך געהאַט אַ שטיקל ברויט פונדערהיים איז די שווערע אַרבעט געווען דערטרעגלעך אָבער ווען דאָס האָט זיך געענדיקט און די כוחות זענען אַוועק איז די לאַגע געוואָרן ערגער פון טאָג צו טאָג.

דריי וואָכן נאָך אונדזער אָנקומען האָבן מיר איבערגעלעבט איינע פון די טרויעריקע אַקציעס ווו עס זענען אומגעקומען איבער צוואַנציק טויזנט יידן. קינדער, אַלטע לייט און שוואַכע. די אַקציע האָט זיך אָנגעהויבן אין שפּיטאָל אויף לאַגעווניצקע גאַס 36 וווהין עס זענען פאַרטאָגס פאַרפאָרן גרויסע לאַסט־אויטאָס און די געסטאַפּאָ מיט זייערע יידישע געהילפן האָבן אַדורכגעפירט די בלוטיקע אַרבעט און קיינעם נישט געשוינט. די שרעקלעכע נייעס האָט זיך איבערגעטראָגן איבער דער געטאָ און די בהלה איז געווען אַ מוראדיקע. די אַקציע האָט אָנגעהאַלטן עטלעכע טעג און איז געוואָרן אַדורכגעפירט מיט דייטשער פּינקטלעכקייט פון גאַס צו גאַס. עס זענען געווען פאַלן ווען גאַנצע משפחות וועלכע האָבן זיך נישט געוואָלט שיידן מיט די פאַרהאַלטענע משפחה מיטגלידער, זענען געוואָרן פאַרשיקט. אַ שרעקלעכער פאַל, וואָס איך וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן, האָט זיך געטראָפן מיט מיינע שכנים וועלכע האָבן געפּרוווט אַפּראַטעווען זייערע צוויי קליינע קינדער פון 5 און דריי און אַ האַלב יאָר, אַריינזעצנדיק זיי אין אַ פאַס פון וואַסער וואָס האָט זיך געפונען אויפן בוידעם זייענדיק זיכער אַז קיינער וועט זיי נישט באַמערקן. ליידער האָט זיי געטראָפן אַ ביטערע אַנטוישונג ווייל די יידישע פּאָליציי האָט געפונען די צוויי באַהאַלטענע קינדער און זיי אַרויסגעטראָגן פון דאָרט אויף אַוועקצושיקן. די עלטערן וועלכע האָבן געוואָלט צושטיין צו די קינדער, זענען געוואָרן מערדערלעך צעשלאָגן.

נאָך עטלעכע טעג ווען ס׳האָט זיך עטוואָס באַרואיקט, זענען מיר, איך

מיט הערשל שטערן געגאַנגען באַזוכן עטלעכע זעלעווער בכדי זיך צו דערוויסן צי אַלץ איז ביי זיי אין אָרדנונג. אַנקומענדיק צו דער ווינונג פון ייטא און מינא כהן, האָבן מיר געטראָפן מיניען אין בעט אָן סימנים פון לעבן (ייטא איז געוואָרן פאַרשיקט אינדערצייט פון דער אקציע). מיר האָבן זיך תיכף געוואָנדן צו דער חברה־קדישה מ׳זאָל זי ברענגען צו קבר־ישראל. דעם זעלבן גורל האָבן געטיילט חנה פלוסקווע, שלמה מאַרקעוויטש, יונה שאַדקאָווסקי און די צוויי שוועסטערן יאַכלאָוויטש, די טעכטער פון לוזערן.

עס קומען אויך פאַר עפּעטלעכע עקזעקוציעס. איינמאָל גייענדיק פון דער ארבעט האָב איך באַמערקט אויף דער לוטאָמיעסקע גאַס ביים מאַרק אַ תליה ווו ס׳האָבן געהאָנגען צוויי יידן. איינער פון זיי אַ זעלעווער, קאָפּל מיעדזשינסקי.

אינדערזעלבער צייט זענען אָנגעקומען נאָך 40 זעלעווער, די גרופּע וועלכע האָט געאַרבעט אין לאַסק ביים אויפרוימען, נאָך דער ליקווידאַציע פון דער לאַסקער געטאָ. זיי האָבן דערציילט אַז אַרבעטנדיק אין לאַסק האָבן זיי געבעטן ביי די ס. ס. לייט מ׳זאָל דערלויבן אז נאָך 40 פרויען זאָלן ווערן אהערגעבראכט פון זעלעוו ווייל ס׳איז דאָ זייער אַ סך ארבעט. די ס. ס. לייט זענען געווען איינשטימיק אָבער דער זעלעווער יודנראט האָט נישט געוואָלט קיינעם ארויסגעבן.

נאָכן פאַרציילן די פריש אָנגעקומענע מיין קלאָגנדיקע לאַגע, האָבן מיר מיינע זעלעווער פריינט איינגעאָרדנט כ׳זאָל ווינען צוזאמען מיט זיי. אונדזער ווינונג איז געווען אויף פראַנציסקאַנער גאַס 56 אויפן פערטן שטאָק און אין די 5 צימערן האָבן געווינט: די ברידער שלמה, עלי, יידל און הערשל שטערן אין איין צימער. דוד גרינבערגס צוויי זין און יוסף פאָזנערזאָן אין 2־טן צימער. יידל, בינם און ייטא קלוג אין דריטן צימער. הערשל, יחיאל גוטמאַן, שיוועק און הערשל טאַנדאָווסקי אין 4־טן צימער און לייביש שיוועק, מ. פריינט און איך אין לעצטן צימער. צו דער־אַ צייט האָט זיך עטוואָס מיין לאַגע פאַרבעסערט, כ׳האָב באַקומען צוויי זופּן אַ טאָג ווי אויך אַ האַלבן טאַלאָן.

איינמאָל ביינאַכט זענען אָנגעקומען פּאָליציי און מיך מיטגענומען אויף דער טשאַרניעצקיעגאַ גאַס צו דעם טרויעריק־באַקאַנטן פּלאַץ פון וואַנען מענטשן זענען שוין נישט צוריקגעקומען ווייל פון דאָרט זענען אלע געוואָרן פאַרשיקט. אַנקומענדיק אויפן אָרט איז מיר געוואָרן פינצטער פון דער לאַגע וואָס האָט דאָרט געהערשט און פון דער געזעלשאַפט, די אמתע אונטערוועלט וואָס האָט זיך דאָרט געפונען. פאַרטאָגס איז אָנגעקומען דער קאָמענדאַנט פון דער זאָנדער־קאָמאַנדע געטלער וועלכער האָט זיך פאַרנומען מיטן אָוועקשיקן די פאַרהאַלטענע.

מיט אים איז אויך אריינגעקומען אין אונדזער צימער לייב שיוועק וואָס איז געפאָרן מיט געטלערן אלס קוטשער און כ׳האָב אים דערציילט אַז כ׳ווייס נישט פארוואָס איך געפין זיך דאָ אין דער פאַרברעכערישער געזעלשאַפט. אין אַ שעה שפּעטער האָט מען אַלע אַרויסגעפירט צו די וואַרטנדיקע אויטאָס. ווען ס׳איז אָנגעקומען מיין ריי, האָט מען מיך געהייסן גיין אין אַ זייט. אויך פייוויש אַבערבוים און נאָך איינעם וואָס כ׳האָב נישט געקאָנט האָט מען באַפוילן צוצושטעלן זיך צו מיר. מיר אַלע דריי זענען געוואָרן אהיימגעשיקט און אַפּגעראַטעוועט פון טויט אַ דאַנק לייב שיוועק.

דערווייל ווערט די לאַגע אין געטאָ וואָס אַמאָל שווערער און אומדער־טרעגלעכער. דער ווינטער איז געווען אַ זייער שווערער און צוליבן הונגער און קעלט איז די שטערבלעכקייט דערגאַנגען צו גאַר־גרויסע מאַסשטאַבן. עס זענען געווען פאַלן אַז טויטע קערפּערס האָט מען באַהאַלטן עטלעכע טעג בכדי צו באַקומען די צוגעטיילטע ראַציעס וועלכע זענען געוואָרן פאַרטיילט יעדע אַכט טעג. אין זעלבן ווינטער שטאַרבן אַוועק מיין פעטער בעריש שטאַרך, וואָלף מיכאַלאָוויטש און פייגע שטאַרך.

אויפן יידישן בית־הקברות האָט מען קובר געווען אויך נישט־יידן וואָס זענען געוואָרן אומגעבראַכט דורך די דייטשן. דעם זעלבן גורל האָט געטיילט די ציגיינער וועלכע האָבן זיך געפונען אין אַ לאַגער נישט ווייט פון געטאָ. זיי זענען געוואָרן דערמאָרדעט אויף אַ בעסטיאַלישן אופן דורך אָנרייצן אויף זיי, אויסדרעסירטע צו דעם צוועק הינט.

* * *

אין אויגוסט 1944 האָט זיך אָנגעהויבן די ליקווידאַציע פון לאָדזשער געטאָ. מיט דער דערלויבעניש פון די דייטשן האָט יעדער מיטגענומען אַלע זאַכן וואָס ער האָט פאַרמאָגט. לײדער האָבן די אויסגעמאַטערטע און אָפּגעשוואַכטע יידן נישט געקאָנט דערטראָגן זייער געפּעק ביז צו דער באַן וואָס האָט זיך געפונען געגנוג ווייט און דער וועג איז געווען פול מיט אַוועקגעוואָרפענע פּלעצאַקעס מיטן לעצטן האָב און גוטס. אַ טייל פון דער געטאָ־באַפעלקערונג איז געוואָרן קאַשאַרירט, אויך מיר אַ גרופּע זעלעווער האָבן זיך געפונען צווישן די קאַשאַרירטע. אָבער נאָר אויף אַ קורצער צייט. אויך אונדזער ריי איז געקומען. מיר ווערן אָפּגעשיקט צו דער באַן, צום טראַנספּאָרט און מיר ווערן פאַרפּאַקט

צו 80—90 מאן אין אַ וואַגאָן. עס זענען נישטאָ קיין ווערטער צו שילדערן וואָס ס׳האָט זיך אָפּגעטון אין די וואַגאָנען. מענטשן זענען געשטאָנען האַלב־דערשטיקטע צוליב דער גרויזאַמער ענגשאַפט. ס׳האָט געריסן ביים האַרצן די געוויינען פון די קינדער. מיר זענען געפאָרן געננוג לאַנג ביז דער טראַנספּאָרט איז אָנגעקומען צום ציל.

מיר זענען אין אוישוויץ.

עס האָט זיך אָנגעהויבן די טרויעריקע באַקאַנטע סאָרטירונג אויף רעכטס און לינקס. לינקס — פאַרמשפּטע צום טויט. רעכטס — צייטווייליק איבערגעלאָזטע ביים לעבן. ביי דער סאָרטירונג זענען פאָרגעקומען האַרצרייסנדע סצענעס ביים צעטיילן משפחות און די עס־עס־לייט האָבן געלאָזט אין גאַנג גומענע שטעקנס איבער די קעפּ. מיר, די אָפּגעטיילטע אויף רעכטס האָבן באַקומען אַ באַפעל אויסצוטוען זיך נאַקעט און מיר זענען געוואָרן אָפּגעפירט צום אָפּשערן און נאָכהער אין באָד אַריין. דורך דער צייט זענען געוואָרן צוגענומען אַלע ווערטפולע זאַכן וואָס עמעץ האָט פאַרמאָגט. נאָך דער באָד זענען מיר ווידער אַדורכגעגאַנגען אַ קאָנטראָלע און אויף וועמען די געסטאַפּאָווצעס האָבן געוואָרפן אַן אומחן האָבן זיי אים מיטגענומען מיט זיך. צווישן די מיטגענומענע איז געווען יעקב שיוועק, דער פאָטער פון אביגדור און איידל, זיי האָבן ביי אים באַמערקט אַ ברוך.

איבערגעטוענע אין לאַגער־מלבושים ווען איינער האָט קוים דערקענט דעם צווייטן, זענען מיר, זעלעווער, געוואָרן איבערגעפירט אין 6־טן בלאָק ווו ס׳האָבן זיך אָנגעהויבן די אמתע צרות. איינער אַ קאַפּאָ האָט זיך אַרויפגעשטעלט אויף אַ טיש און געהאַלטן אַ רעדע אז מיר זאָלן אַלץ אָפּגעבן און ווער עס וועט עפּעס באַהאַלטן וועט קיין לעבעדיקער פון דאָ נישט אַרויס. צו אים זענען צוגעשטאַנען נאָך 8 מערדער און 2 שעה צייט האָבן זיי געשלאָגן מכות־רצח, די געוואַלדן פון די צעבלוטיקטע און צעקאַלעטשעטע איז געגאַנגען עד לב־השמים. אַלע בלאָקן זענען געווען ענלעכע חוץ איינעם, דער בלאָק נומער 24 וואָס איז געווען אַ שטראָף־בלאָק. דאָרט זענען געוואָרן געשיקט די וועלכע האָבן זיך פאַרזונדיקט. אויך איך בין געווען איינער פון די „פאַרברעכער" וועלכע האָבן פאַרזוכט דעם טעם פון 24־טן בלאָק. מיין פאַרברעכן איז באַשטאַנען וואָס איך האָב אַרויסגענומען דעם פוטער פון די אַרבל און באַניצט עס פאַר אַ שאַל אויפן האַלדז. ליידער איז דאָס געוואָרן באַמערקט דורכן בלאָקן־פירער שטייענדיק ביים אַפּעל. פון 4 פאַרנאַכט ביז צומאָרגנס 6 אזייגער אינדערפרי

האָב איך זיך אָפּגעפּייניקט אין 24־טן בלאָק וווּ ס׳איז קוים געווען אַן אָרט צום שטיין. אויב האָט עמעץ געפּרוּווט זיך צוזעצן האָבן אַלע געמוזט עס טון. מיט מיר איז דאָרט געווען נאָך אַ זעלעווער, הערש יצחק גאָלדשטיין. 6 אינדערפרי זענען מיר געוואָרן אַרויסגעיאָגט פון דאָרטן און איך האָב שנעל אָוועקגעוואָרפן מיין שאַל.

אין אוישוויץ האָבן קיין צרות נישט געפעלט.

איינמאָל ביים אָפּשערן די האָר, האָט דער פריזיער מיטגעשווירן שטיקער פלייש און פון דעם האָבן זיך מיר געמאַכט אייטערדיקע פרונקלען באַגלייט מיט הויכע היץ. וויסנדיק אַז קראַנקע האָבן אַן אויסזיכט אָוועקגעשיקט צו ווערן אין קרעמאַטאָריום, בין איך אין אָנפאַנג נישט געגאַנגען אין קראַנקן־רעוויר, אָבער שפּעטער, נישט האָבנדיק קיין ברירה, האָב איך זיך דאָרט געמאָלדן. צו מיין מזל האָט דאָרט געאַרבעט מיינער אַ חבר וואָס מיר האָבן געדינט צוזאַמען אין דער פּוילישער אַרמיי און ער האָט מיר געגעבן אַלע נויטיקע זאַלבן ווי אויך אינסטרוקציעס וואָס כ׳דאַרף טון בכדי כ׳זאָל נישט דאַרפן פאַרבלייבן אין רעוויר וווּ ס׳האָט געלויערט אַ סכנה אָוועקגעשיקט צו ווערן.

דאָס עסן איז געוואָרן פאַרטיילט פאַר יעדע 5 פּערזאָן. די פּאָרציעס זענען געוואָרן אַריינגעלייגט אין אַ טאָפּ אָדער שיסל אין אַן לעפל האָבן מיר צווישן זיך פאַרטיילט די נעבעכדיקע פּאָרציעס. אויב האָבן זיך צווישן די פינף פּערזאָן געפונען מענטשן וואָס האָבן שוין געהאַט פאַרלוירן דעם צלם־אלוקים, איז עמעץ שוין געבליבן אַ פולשטענדיק הונגעריקער.

די הונגער־באַדינגונגען באַגלייט מיט קלעפּ האָבן געבראַכט דערצו אַז מענטשן זענען באַגאַנגען זעלבסטמאָרד וואַרפנדיק זיך אויף די עלעקטריזירטע דראָטן.

טאָג־איין טאָג־אויס זענען אָנגעקומען „סוחרים״ וועלכע האָבן געקויפט „סחורה״ — אומזיסטע אַרבעטס־קרעפטן. נישט ־אבי וועמען האָבן זיי גענומען. יעדער קאַנדידאַט איז געוואָרן אויסגעפרעגט וועגן זיין באַרוף און גלייכצייטיק געוואָרן גענוי אונטערזוכט און באַטאַפּט די מוסקולן. מיר מיט נאָך 15 זעלעווער האָט אָפּגעגליקט און מיר זענען אַריין אין דער גרופּע פון 350 מאַן וואָס זענען געוואָרן באַשטימט אויף אַן אַנדער אַרבעט־פּלאַץ.

נאָכן באַקומען אַ שטרייף־אַנצוג מיט אַ העמד זענען מיר געוואָרן אָפּגעפירט צו דער באַן.

מיר האָבן פאַרלאָזט דעם אוישוויצער גהינום.

* * *

נאָכן אָפּפאָרן אַ נאַכט אין אַנגעפּרעסטע וואַגאָנען זענען מיר אָנגעקומען קיין גערליץ. אַ ניי אָרט מיט פרישע צרות. אויך דאָ האָבן די בלאָקן־פירער און די קאַפּאָס — אינדעם אַ היבש ביסל יידן — באַוויזן וואָס זיי קאָנען. חוץ קלעפּ וואָס מיר האָבן באַקומען, האָבן זיי צוגענומען,ן אויב ס'איז נאָך געווען ביי עמעצן, די שיך און אונדז באַזאָרגט מיט „האָלענדערקעס", טרעפּעס, וואָס ביז מ'האָט זיך צוגעוווינט צו זיי האָט מען באַקומען וווּנדן אויף די פיס. איטשע מאיר ראַזבאַך ז"ל פלעגט אָרומוויקלען די פיס מיט שמאַטעס און אַזוי גיין, צוליב די וווּנדן.

צוזאַמען נאָך אונדזער אָנקומען זענען מיר געוואָרן געשיקט אויף אַרבעט אין אַ גרויסע פאַבריק וואָס איז באַשטאַנען פון צוויי אָפּטיילונגען, אַ מאַשין און בוי־אָפּטיילונג. אין דער מאַשין־אָפּטיילונג זענען געווען גרויסע גילאָטינעס וואָס האָבן צוגעשניטן פון גרויסע שטאָל־פּלאַטן טיילן פאַר דער בוי־אָפּטיילונג. דער הויפּט פאַראַנטוואָרטלעכער איז געווען אַ רייכס־דייטש, האָלצמאַן. מיר זענען געוואָרן פאַרטיילט אין 10 גרופּן מיט אַ פאָראַרבעטער בראָש. די פאָראַרבעטער זענען געווען איטאַליענער און פראַנצויזן. מיין פאָראַרבעטער, אַ פראַנצויז, זייער אַ גוטער מענטש, דערזעענדיק אַז איך בין אָפּגעשוואַכט און די אַרבעט איז פאַר מיר שווער, האָט מיך געהייסן בלויז צוקוקן זיך צו דער אַרבעט אָבער איך זאָל אַכטונג געבן אַז האָלצמאַן זאָל נישט באַמערקן אַז איך טו גאָרנישט. פון צייט צו צייט פלעגט ער מיר ברענגען געבראָטענע קאַרטאָפל. ווען האָלצמאַן פלעגט מאַכן אַ באַזוך, האָט ער מיך שטענדיק געטראָפן מיט די שליסלען אין דער האַנט מאַכנדיק אַ רושם פון אַ טיכטיקן אַרבעטער. דער זעלבער האָלצמאַן פלעגט מיר ברענגען אַמאָל אַן עפּל, אַ באַרנע און צו ווייַנאַכטן עטלעכע סענדוויטשן מיט האָניק. איינמאָל, ווען מיר האָבן געאַרבעט ביי נאַכט האָט ער מיר געגעבן זיין זופּ. ווען אַלע וואָלטן געאַרבעט ווי דו — האָט ער געזאָגט — וואָלט די פּראָדוקציע געווען פיל בעסער און שנעלער...

צוליב די הונגער־באַדינגונגען איז די לאַגע געוואָרן וואָס אַמאָל שווערער. מענטשן זענען געוואָרן געשוואָלן און צום סוף אַוועקגעשטאָרבן. אַזוי האָט פּאַסירט מיט לייביש שיוועק. ער איז דער ערשטער אַוועקגעשטאָרבן פון הונגער.

אין דער פאַבריק זענען אויך פאָרגעקומען אומגליקס־פאַלן. אַזוי האָט פּאַסירט מיט הערשל טאַנדאַוסקי, ווען ער האָט געוואָלט אַוועקנעמען די אָפּגעשניטענע בלעך, האָט דער פאָראַרבעטער אַראָפּגעלאָזט דעם שנייד־מעסער

און אים אָפּגעהאַקט 4 פינגער. אויך הערשל שיוועק האָט פאַרלוירן א פינגער ביי דער ארבעט. זיי ביידע האָבן זיך שוין נישט אומגעקערט אין דער פאַבריק. טאַנדאַוווסקי איז פאַרבליבן אין קראנקן־רעוויר און הערשל שיוועק האָט אָנגעהויבן אַרבעטן אין באַד־אנשטאַלט.

צווישן דער צייט בין איך קראנק געוואָרן אויף א לונגן־אנצינדונג מיט זייער הויכע היץ. דער דאָקטאָר פון קראנקן־רעוויר האָט נישט געגעבן קיין האָפנונג אַז איך וועל בלייבן ביים לעבן. אַ דאַנק הערשל טאַנדאַוווסקי מיט שמעון שימקעוויטש וועלכע האָבן נישט אָפּגעטרעטן פון מיין בעט און מיר אָן אויפהער געלייגט קאָמפּרעסן, איז די היץ געפאַלן.

דעם 10־טן יאנואר 1945 איז אָנגעקומען אַ באַפעל אַז אַלע, חוץ קראנקע, מוזן פאַרלאָזן דעם לאַגער. דעם צווייטן טאָג איז אָנגעקומען אָן עס־עס־מאַן און באַפוילן נאָך 40 מאַן פון קראנקן־רעוויר זיך אָנצושליסן צו די שוין אָוועקגעשיקטע. פון די לעצטע 40 מאַן איז קיינער נישט געבליבן ביים לעבן. זיי זענען אָפּגעגאנגען 10 קילאָמעטער און נישט געקאָנט ממשיך זיין צוליב דער שרעקלעכער פראָסט און נאָגנדיקן הונגער. אַלע זענען געוואָרן דערשאָסן אויפן וועג. צווישן זיי צוויי זעלעווער, בינם קלוג און איטשע מאיר ראַזבאַך. פון די ערשטע אָוועקגעשיקטע וואָס זייער ציל איז געווען אָנצוקומען קיין דרעזנע זענען אויך געפאַלן בערך 40 פּראָצענט אויפן וועג און די איבעריקע זענען צוריקגעקומען קראנקע און צעבראָכענע קוים שלעפּנדיק די פיס ווייל דרעזנע איז געוואָרן צעשטערט דורך די רוסן.

אין חודש מערץ 1945 זענען אָנגעקומען עס־עס־לייט פון די ביי באַלטישע לענדער וועלכע האָבן פאַרטרעטן די פריערדיקע וועלכע זענען אוועק אויפן פראָנט. די פריש אָנגעקומענע באַנדע האָט זיך אויסגעצייכנט מיט אכזריות. געפּייניקט די געשוואַלענע קוים לעבעדיקע קאַצעטלער, געשלאָגן פאַר יעדער קלייניקייט און אָן שום סיבה.

צו אונדזער גליק האָט דאָס לאַנג נישט אָנגעהאַלטן.

דעם 6־טן מאי אינדערפרי זענען מיר נאָך געגאנגען צו דער אַרבעט און אַזייגער 12 בייטאָג איז געקומען אַ באַפעל צוריק צו גיין אין לאַגער, צו אַ ווייטערדיקן מאַרש. אויפן וועג האָבן מיר אַ גרופּע זעלעווער באַשלאָסן זיך צו באַהאַלטן ווייל יעדער האָט געוווסט וואָס אים דערוואַרט אין א ווייטערדיקן מאַרש. איינצלווייז האָבן מיר זיך אָפּגעזונדערט און געפונען אַ באַהעלטעניש אין אַ קעלער פון באַד־אנשטאַלט ווייל דער שליסל האָט זיך געפונען ביי הערשל

שיוועק. מיר זענען דאָרט געווען ביז 5 אזייגער פאַרנאַכט, דאַן האָבן מיר באַשלאָסן עמעצן ארויסצושיקן זעען וואָס עס הערט זיך אין לאגער אונדזער חבר איז באַלד צוריקגעקומען מיט דער פריידיקער בשורה אז דער לאגער איז אויפגעלעזן. ווען מיר זענען אַרויס פון באַהעלטעניש האָט זיך נישט געוואָלט גלויבן אז דאָס איז אַ ווירקלעכקייט. די וואָך איז אוועק און קאַצעטלער, פרויען און מענער שלעפן ברויט און קארטאָפל און וואָס נאָר ס'האָט זיך געלאָזט. דער לאַגער־פירער האָט אונדז געפרווווט איבערצייגן אַז מיר זאָלן מיט ים מיטגיין צו די אמעריקאַנער ווייל דאָ וועלן אריין די רוסן, אָבער אויסער עטלעכע קאַפּאָס און שטובן־פירער איז קיינער נישט מיטגעגאנגען. זיי זענען אַוועק און מיר זענען פארבליבן.

נאָך אַ קורצער צייט זענען אַדורכגעגאנגען עסעאָוועצעס פון אַ צווייטע שטאָט און אונדז געוואָלט מיטנעמען. מיר האָבן זיך אויסבאַהאַלטן און אויף זיי האָט שוין געברענט די הויט, זענען זיי אַוועק מיט גאַרנישט. דעם זעלבן טאָג, 4 זייגער נאָכמיטאָג האָבן עטלעכע רוסישע עראָפּלאנען באַשאָסן דעם לאַגער. עס זענען געפאַלן עטלעכע מענטשן און איין באַראַק איז געוואָרן פארברענט צום גליק האָט זיך דאָרט קיינער נישט געפונען.

דעם 8־טן מאַי, האַלב איינס בייטאָג, זענען אַריין די ערשטע רוסן. צומאָרגנס זענען מיר אַריין אין שטאָט, אָפּגענומען אַ ווױנונג פון אַ הויכן פאַרטיי־טוער און אָנגעהויבן קומען צו זיך. מיר האָבן געקאָכט פאַר זיך עסן און דער עיקר גוט זיך אויסגעבאַדן און געטוישט די פאַרלויזטע לאַגער מלבושים.

8 טעג זענען מיר דאָרט געווען. דערנאָך האָבן מיר זיך איינגעשאַפן 2 פערד און וואָגן און פאַרלאָזט די שטאָט איבערלאָזנדיק אין גערליץ 5 זעלעווער: לייביש שיוועק, יידל קלוג, בינם קלוג, איטשע מאיר ראָזנבאַך און ד. יאַבלאָנסקי זכרונם לברכה. אויפן וועג האָבן זיך די רוסן צו אונדז געטשעפּעט וועלנדיק צונעמען פון אונדז די פערד, קוים נאָך בעטענישן זענען מיר ארויס בשלום, ביז מיר זענען אָנגעקומען צו דער פוילישער גרענעץ.

דאָ הויבן זיך אָן פרישע זאָרגן.

אויף די באַנען און וועגן לויערן באַנדעס פון דער א. ק. („ארמיא־קראַיאָווא״) וועלכע מאָרדן אָן רחמנות אָפּגעראַטעוועטע יידן פון די לאַגערן. זייענדיק אין אַסטראָוו איז צו אונדז צוגעקומען אַן עלטערע פרוי און אונדז געוואָרנט נישט צו פאָרן מיטן הויפּט וועג ווייל מיט אַ וואָך צוריק זענען דאָרט דערמאָרדעט

געוואָרן צוויי יידן. מיר פאַרנעמען זיך דורך אַן אנדערן וועג און פאַרבייפאָרנדיק קאַליש, שעראַדז, זדונסקעוואָליע און לאַסק, זענען מיר אָנגעקומען קיין זעלעוו.

* * *

מיר זענען צוריק אין אונדזער חרובן היים־שטעטל. ווי אלע יידישע שטעט און שטעטלעך האָט אויך אונדזער זעלעוו נישט אויסגעמיטן דעם שרעקלעכן אומגליק. פון אַ קאָמפּאַקטע יידישע באַפעלקערונג, האָבן מיר דאָרט געטראָפן 32 יידן, זעלעווער ווי אויך פון אנדערע שטעט. מרי האָבן גענומען די וווינונג פון שמואל פרענקעל וואָס איז געשטאַנען ליידיק, איינגעשאַפן זיך אַ פּאָר בעטן און אביסל שטרוי און אָנגעהויבן צו פירן אַ שטיקל ווירטשאַפט. דער איבערגאנג פון די הונגער־באַדינגונגען צו מער־ווייניקער אַ נאָרמאַל לעבן, האָט ארויסגערופן ביי אַלעמען פאַרשידענע הויט קראַנקהייטן ווי קרעץ און פרונקולן. מיר האָבן באַקומען אַ מעדיצינישע באַהאַנדלונג פון אַ טשעכישן דאָקטאָר וואָס האָט פאַר דעם נישט גענומען באַצאָלט.

טראָץ דער קליינער צאָל יידן וואָס זענען צוריקגעקומען נאָכן קריג קיין זעלעוו, האָבן די קריסטן אויף אונדז געקוקט מיט שנאה. זייענדיק אין באָד־אנשטאַלט (אין הויז פון וועבער, דעם לערער, האָבן די דייטשן איינגעאָרדנט דעם אנשטאַלט), האָב איך אונטערגעהערט אַגעשפּרעך פון אַ צווייטער אָפּטיילונג אַז עס „שטינקט שוין ווידער מיט יידן". און נישט נאָר מיט ווערטער האָבן זיי זיך באַגנוגענט. אונטערן פענצטער פון ש. ז. גערשאַנאָוויטש איז געוואָרן אונטערגעלייגט אַ גראַנאַט. באַטראַכטנדיק די נעבעכדיקע לאַגע, האָב איך באַשלאָסן וואָס שנעלער צו פאַרלאָזן אונדזער שטעטל און לאָזן זיך אין וועג קיין ארץ־ישראל. אין חודש יולי בין איך געפאָרן קיין לאַסק צו מיין קוזין צבי מיכאַלאָוויטש וועלכער איז געווען טעטיק אין דער בריחה און אים געבעטן ער זאָל פאַר מיר ערלעדיקן אָוועקצופאָרן.

זייענדיק אין לאַסק, בין איך מיט אַנדערע לאַסקער יידן אַוועק אויף קבר־אבות קיין כעלמנאָ. דאָרט האָבן מיר באַקומען גענויע אינפאָרמאַציעס וועגן דער טעטיקייט פונעם באַרימטן טויטן־קאָמבינאַט ווו עס זענען אומגעבראַכט געוואָרן הונדערטער טויזנטער יידן ווי אויך אנדערע נאַציאָנאַליטעטן.

נאָך צוויי וואָכן האָב איך פאַרלאָזט מיין אלטער היים, אונדזער שטעטל זעלעוו.

לאה פלקה־אבא
חולון

ביים געשענדעטן קבר פון מיין מאמען

(אַ בינטל זכרונות)

מיט אַ נאָגנדיק בענקשאַפט וואַנדערן מיינע מחשבות צוריק צו אונדזער באַליבט שטעטל, צו די גאַסן און געסעלעך ווו כ׳האָב מיינע ערשטע טריט געשטעלט, צו דער שטוב פון מיינע טייערע טאַטע־מאַמע וועלכע האָבן אונדז אָפּגעהיטן ווי אַן אויג אין קאָפּ, צו אַלע האַרציקע און געטרייע יידן וועלכע האָבן געלעבט פון ערלעכע פּראַצע, טאָג־טעגלעך זיך געראַנגלט און צום סוף אַזוי טראַגיש אומגעקומען.

איך דערמאָן זיך מיין טייערע מוטער וועלכע האָט נישט קוקנדיק אויף די פּרנסה שוועריקייטן, מיט דער אייביקער פּראַגע פון וואַנען צו נעמען אַ זעקל מעל אויפצוהאַלטן אונדזער בידנער בעקעריי, געטיילט צדקה, געווען שמחה בחלקה, נישט געהאַט צו קיינעם קיין טענות.

איך קאָן נישט פאַרגעסן די שבתים און יום־טובים ווען מיין מוטער איז אויסגעפּוצט ווי אַ מלכה, האָט צוזאַמען מיט אונדז, צווייַ שוועסטערן געוואַרט אויפן אָנקום פון פאָטער מיטן ברודער פון דער שול. מיט וויפיל פייערלעכקייט, זאָרגלאָזע פרייד, האָבן מיר געפּראַוועט די הייליקע שבתים און יום־טובים —

די איינציקע שטרעבונג פון מיין מוטער איז געווען צו האָבן נחת פון די קינדער, זיי זאָלן גיין אין גוטע, פרומע וועגן. געשיינט האָט איר פּנים פון פרייד ווען מיר האָבן, לערנדיק אין „בית־יעקב״, צוגעגרייט די פאָרשטעלונג „יהודית״ ווו איך האָב געשפּילט די הויפּט־ראָל. איר איינציקער פאַרלאַנג איז געווען אַז מיר די מיידלעך און איר בן־יחיד אברהמל זאָלן גיין אין ערלעכע דרכים..... מיר וואַקסן אונטער.

די נייע ווינטן וועלכע האָבן אָנגעהויבן בלאָזן, דערגרייכן אויך אונדזער

שטעטל און ספעציעל ווערט באווירקט די יידישע יוגנט. ס׳קומען אראפ פארשידענע פערזענלעכקייטן, מ׳האלט פארטראגן, עס שאפן זיך קולטור־אינסטיטוציעס ווי אויך פאליטישע און פראפעסיאנעלע ארגאניזאציעס. די יוגנט ווערלכע לעכצט נאך וויסן, ווערט ארויסגעפירט אויף ברייטע שליאכן און ווארפן זיך מיט אימפעט און פולן באוווסטזיין אין קולטורעלן־געזעלשאפטלעכן לעבן פון שטעטל.

א בונטארע און טרוימערישע יוגנט.

מען גארט, מען חלומט פון ציון.

עס ווערט ממש גוט אויף דער נשמה ביים דערמאנען זיך יענע צייטן, יענע פרעכטיקע זומער־פארנאכטן ווען יונגע חברה האבן שפאצירט אין די הינטער־שטעטלישע זאמדן, אין די יונגע וועלדלעך. מיר ארדענען איין צוזאמענ־טרעפן מיט חברים פון שכנהדיקע שטעט און שטעטלעך ווי פיאטרקאוו, בעלכאטאוו א. אנד. מען הערט אויס רעפעראטן, מען דיסקוטירט מיט אייפער און ברען, מ׳זינגט ביזן הייזעריק ווערן און צום סוף א לעבעדיקע הורא געטאנצט ביזן פארלירן דעם אטעם.....

יארן גייען.

איך פארלאז אונדזער שטעטל און הויב אן א זעלבסטשטענדיק לעבן אין גרויסן אינדוסטריע־צענטער לאדזש, אבער ווען עס קומען אן די יום־טובים, קום איך אהיים. א, ווי ווונדערלעך צו זיין צוריק צווישן נאענטע, פילן די ליבשאפט פון דיינע טייערע!


ליידער טרעפט אונדז א גרויס אומגליק. אונדזער טייערע מוטער פארלאזט אונדז אויף אייביק אין יאר 1931 אלט זייענדיק קוים 50 יאר.

זייענדיק אין גרויסן פראלעטארישן לאדזש, ווערט א גרויסער טייל פון דער יידישער יוגנט מיטגעריסן מיט נייע אידעען. מען טרוימט וועגן סאציאלער גערעכטיקייט, יושר און פארברידערונג. מען האפט און מען איז זיכער אז נאר א סאציאלע־רעוואלוציע וועט ברענגען דעם אויסגעגארטן גליק פאר דער מענטשהייט, נאר אן איבערקערעניש וועט ברענגען א ריכטיקע לייזונג צו דעם אזוי־אנגעווייטיקטן יידן־פראבלעם. איך ווער אויך מיטגעריסן מיט די אחרית־הימים אידעאלן און ווען מיין ברודער אברהם מיט דער פאמיליע פארן אפ קיין ארץ־ישראל, אין יאר 1934, טרעפט ער מיך אין א פוילישער טורמע ווו כ׳בין אפגעקומען אן אורטייל פון עטלעכע יאר תפיסה פאר פאליטישער טעטיקייט

* * *

נאָך שווערע און ביטערע יאָרן, נאָך יאָרן פון מאַטערנישן און טויט־געפאַרן, ווען נאַצישע רוצחים ביי דער אַקטיווער מיטהילף פון אונדזערע מיטבירגער די פּאָלאַקן האָבן אַזוי בעסטיאַליש פאַרטיליקט אונדזער פאָלק, קום איך צוריק אין אַנטוישטע פון די שיינע יושר־אידעאַלן. עס האָבן געפּלאַצט ווי זייפן־בלאָזן די אַלע הימל־בלויע חלומות וועגן פאַרברידערונג צווישן מענטשן, פעלקער פּראָלעטאַריער.

איך שטיק זיך פון טרערן אויפן געשענדעטן בית־עלמין. אויפן געשענדעטן קבר פון מיין מאַמען.



ויסף גרינבאַרט, אַן אייניקל פון משה לייב קליין פון זעלעוו, געווינט אין לאָדזש און אַנטלאָפן קיין רוסלאַנד אין אונהויב קריג, צוריקקומענדיק פון רוסלאַנד קיין לאָדזש האָט ער געטראָפן אויסברוקירטע טראָטוארן מיט געשענדעטע יידישע מצבות. ער האָט זיי אַרויסגענומען פון די טראָטוארן און קאָנצענטרירט אויף איין אָרט. זיך באַזעצט אין ווראָצלאַוו און נאָך שווערע ליידן דאָרט געשטאָרבן.

כבוד זיין אָנדענקן!

אַ, וואנדאלן! פון בית־הקברות איז געוואָרן אַ קאַרטאָפל־פעלד און פון די מצבות זענען וועגן געוואָרן ברוקירט!

ניין! נישטאָ פאַר אונדז קיין אָרט אין די אַלטע חרובע היימען ווו מיר זענען געוואָרן געבוירן און דערצויגן.

אַ פאַרוויינטע מיט אַ פאַרקלעמט האַרץ און מיט אַ קללה אויף די ליפּן האָב איך פאַרלאָזט זעלעוו אויפן וועג צו אונדזער אמתער היים, צו דער היים פון אבות־אבותינו קיין ארץ־ישראל.

מאַקס ליבערמאַן

זכרונות

זעלעוו! פאַר זייטיקע מענטשן איז עס קוים אַ געאָגראַפישער באַגריף, אַ קליין שטעטעלע אין דער פוילישער מלוכה, אָבער פאַר אונדז, דאָרט געבוירענע, רופט דער נאָמען ארויס נאָגנדיקע דראַינערונגען, האַרציקע זכרונות.

אַלע עטנישע גרופן וועלכע האָבן געוווינט אין שטעטל, ייִדן, פּאָלאַקן, טשעכן און דייטשן, האָבן געשעפּט זייער חיונה פון דער אַנטוויקלטער אין שטעטל טעקסטיל־אינדוסטריע און פון האַנדל אין די מאַטעריעלע לאַגע איז געווען פאַרהעלטנסמעסיק בעסער ווי אין אַנדערע שטעטלעך. צוליב דער אַ עקאָנאָמישער סיבה ווי אויך צוליב דער גרויסער טשעכישער באַפעלקערונג, האָט מען ביי אונדז ביזן קריג כמעט נישט געפילט דעם אַנטיסעמיטיזם וואָס האָט צו יענער צייט געבושעוועט אין פוילן.


עס דערמאָנט זיך אונדזער שטעטל מיט די פאַרחלומטע געסלעך, מיטן שיינעם מאַרק און די „פּייפערוווקע" ווי אַ שבת נאָכמיטאָג פלעגט מען זיצן אויף בענק און שטילן און רעדן וועגן אלעם און אַלעמען. און וועגן וואָס האָט מען נישט פאַרציילט?... פון דער „פּייפערוווקע" האָט מען געקאָנט וויסן וואָס רחל האָט געקאָכט אויף שבת, צו שלמה פירט אַ פרישע ליבע, צו הענע־קיילע האָט זיך נעכטן געקריגט מיטן מאַן — אַלע „נייעסן" זענען דאָרט געוואָרן באַטראַכט און באַהאַנדלט...

אויך מיט פּאַרטייען איז זעלעוו געווען געבענטשט. צוניסטן, אגודת־ישראל, פּועלי־ציון רעכטע און לינקע א. אנד. עס האָט געמאַכט דעם איינדרוק אז אין זעלעוו איז דאָ מער פּאַרטייען ווי איינוווינער...

פּאַרטייען האָבן זיך אויך קעגנזייטיק „באַקעמפט", איבערהויפּט איז דער שטרייט געווען אַ שטאַרקער צווישן דער רעכטער און לינקער פּועלי־ציון.

דער פאַרזיצער פון די לינקער פּועלי־ציון, יחיאל בירנבוים, אַן אינטעליגענטער

בחור, פירט אַן אינטענסיווע געזעלשאַפטלעכע אַרבעט און ער שאַפט אויך דעם דראַמאַטישן־קרייז וועלכער האָט אַדורכגעפירט עטלעכע פּיעסן ווי „די שטיף־מאַמע", „חורבן ירושלים", „די רומענישע חתונה" און אנד. מיט אייגענע אַמאַטאָרישע קרעפטן און געהאַט אַ שטאַרקן דערפאָלג ביי דער באַפעלקערונג.



מאקס ליבערמאַן — פּילו

פון צווישן די אַמאַטאָרן־אַרטיסטן געדענק איך: אסתר־געגענדל, דודל בעקערס חנה, הערשל און שאַמשי פּילאַ און טוביה שאַפּסעס זין.

אַ שטאַרקע און פּרוכטבאַרע טעטיקייט האָבן געפירט די רעכטע „פּועלי־ציון מיט דער יוגנט־אָרגאַניזאַציע „פרייהייט". דער לייטער ירחמיאל גאָלדמינץ איז געווען זייער באַליבט און געשעצט ביי די חברים. נישט קוקנדיק אויף די לאָקאַל־שוועריקייטן, איז די פּאַרטיי געווען שטאַרק פּאָפּולער ביי דער באַפעלקערונג בכלל און ביי דער יוגנט בפרט.



פאמיליע פילץ — קאמשקע

אַ געוויסער צייט האָבן מיר געוווינט אין וויעלון ווייל מיינס אַ שוועסטער האָט זיך פאַרליבט אין אַ בחור נישט קיין פרומען און לויט מיינע עלטערנס באַגריף אויך אָן „יחוס". פאַר מיין פאָטער וועלכער איז געווען אַ שטאַרק פרומער ייד, אַ גבאי אין שיל און פאַר דער מוטער וועלכע האָט געהאַט אַ ברודער אַ רב און אליין געווען שטאַרק־פרום, איז דאָס געווען אַ גרויס „אומגליק" און צוליב דער אַ געשעעניש פאָרן מיר אוועק צום זיידן קיין וויעלון. נאָכדעם ווי דאָס איינאָרדענען זיך דאָרט האָט זיך נישט איינגעגעבן, פאָרן מיר צוריק. נאָך צוויי יאָר, אין אונדזער באַליבט שטעטל זעלעוו. פאַר אונדז קינדער איז דאָס צוריקפאָרן געווען אַן אמתע פרייד.

* * *

אין יאָר 1939 אַלט זייענדיק קנאַפּע 20 יאָר, ווער איך פאַרשיקט מיטן ערשטן טראַנספּאָרט אין אַ פּויזנער צוואַנגס־לאַגער. דאָרט ווער איך קראַנק און אַ דאַנק פאַרשידענע ווערטפולע זאַכן וואָס כ'האָב באַקומען פון מיינע עלטערן און געשוויסטער, ווער איך רעגיסטרירט דורכן לאַגער־עלטסטן אויף אַ פאַלשן נאָמען און דאָס ראַטעוועט מיך פון אַ זיכערן טויט. נאָכן געזונט ווערן ווער איך מיט אַ גרופּע געשיקט אין אַ צווייטן לאַגער ביי לאָדזש און פון דאָרט אין לאָדזשער געטאָ. נאָכן אַדורכגיין דעם אַדורכגאַנגס־לאַגער ווי אויך 14 טעג אַרעסט, ווערן מיר ווייטער פאַרפאַקט אין לאַסט־וואַגאָנעס אין אַן אומבאַוווסטן וועג. צו דער אַ צייט ווייסן מיר שוין דעם טראַגישן אמת אַז קראַנקע און שוואַכע ווערן זאָפאָרט ליקווידירט. צוליב דעם זענען מיר אַלע געוואָרן באַהערשט פון אַ פחד וועגן אונדזער ווייטערדיקן גורל. נאָך עטלעכע שעה פאָרן קומען מיר אָן אויף אַ באַן־סטאַציע, דאָרט ווערן מיר סאָרטירט. אַלע קראַנקע און שוואַכע ווערן אָפּגעטיילט און מיר די אַרבעטספעאיקע, קומען אָן, נאָך עטלעכע טעג פאָרן, אָן עסן און אָן וואַסער, קיין בירקנאַו, נעבן אוישוויץ.

נאָכן אויסטאַטאירן קאַצעט־נומערן אויף די הענט, גייען מיר אדורך ווי אַלע „בירגער" פונעם באַרימטן טויטן־לאַגער, פאַרשידענע פּייניקונגען. מיר באַקומען אויך אַ „סאַניטאַרע"־באַהאַנדלונג — מען ראַזירט אונדז אָפּ מיט אַ טעמפּן ראַזיר־מעסער און דערנאָך באַקומען מיר אַ קרבאַל־באָד. נאָך דער בהאַנדלונג ווערן מיר געצווינגען צו מאַכן „איבונגען" — מען מוז לויפן באַקומענדיק גלייכצייטיק מערדערלעכע קלעפּ איבערן נאַקעטן קערפּער. נאָכן

אפזיין אין דעם גהינם צוויי מאנאטן, אדורכגייענדיק טאג־טעגלעך אומבאשרייבלעכע צרות, האט מיר אפגעגליקט, איך ווער איבערגעשיקט צוזאמען מיט נאך א גרופע אין א צווייטן לאגער, יאווארזשנע. דארט פיר איך אויס שטיקער־ארבעטן פאר די לאגער־לייטונג און מיין לאגע האט זיך פילפאכיק פארבעסערט. פון די צוגאב־נארמע וואס איך האב באקומען, האב איך געהאט א מעגלעכקייט זיך צו טיילן מיט מיינע הונגעריקע פריינט.

נאך צוויי יאר ווער איך פארשיקט אין אנדערע לאגערן ביז איך בין אנגעקומען אין טרויעריק־בארימטן בוכענוואלד. לײדער האב איך נישט גענוג כח צו באשרייבן די שרעקלעכע צרות וואס איך בין דארט אדורכגעגאנגען.

* * *

נאך די אלע איבערלעבענישן און טויט־געפארן, געפין איך א טרייסט ווען איך זע אז אונדזערע זעלעווער געפינען זיך כמעט אומעטום. איך בין גליקלעך ווען איך קום קיין ישראל און טרעף מיינע פריינט קלמן און מיין לערער ירחמיאל גאלדמינץ און מיר דערמאנען זיך זכרונות פון יענע הערלעכע יארן ווען אונדזער טייער, באליבט שטעטל האט געלעבט און לײדער אזוי טראגיש אומגעקומען.

מאיר וונדר
("הד־החינוך")

מפי אוד מוצל

פרקי זכרונות מן התופת הנאצי,
מאת פנחס־מנחם פיבלוביץ, חיפה

שנות דור כבר עברו מימי השואה, ועדיין היא מהלכת אימים על מי שנתנסה במוראותיה. צדקה עושים עמנו אותם שרידי־חרב המספרים את קורותיהם בכתב, ומנציחים אותם לזכרון־עד. מספרי זכרון כאלה מצטרפת ליריעה אחת מסכת השכול והכליון.

פ. מ. פייבלוביץ הוא אחד השרידים, שעבר שבעת מדורי הגיהנום בתופת הנאצית. כל השנים כבש את צערו בתוכו, ולא עצר כוח לחטט בפצעיו, ולהעלות על הכתב את סיוטי הלילה הפוקדים אותו מאז. רק לאחרונה אזר עוז, וישב לכתוב את רשמיו הטריים בזכרונו כאילו אך תמול אירעו, כדי להדפיסם ולהפיצם בישראל. שפתו השגורה היא יידיש, ומר ל. קונשטאט תרגם את הדברים לעברית.

עלם צעיר היה, כשנעקר מ. פייבלוביץ מבית המדרש החסידי שבעיירתו זעלוב שבפולין, אל ההכשרה החלוצית בקיבוץ גרוכוב ליד וארשה. שם הכשיר עצמו לעלות ארצה. תוך כדי ציפיה לסרטיפיקט המיוחל, פרצה המלחמה, ושיבשה את כל התוכניות. כאן מתחילה פרשת הנדודים והתלאות. המתוארת בכשרון רב בפרקי הספר. גם מי שמצוי אצל ספרי השואה, מזדעזע מקריאת פרקים אלו, בשל גודש מעשי האימה, והאכזריות שבהם. לא בכדי אמר הסופר אברהם קריב, כי זהו "אחד הספרים העזים והמזעזעים ביותר בספרות השואה.

דומה היה כי החיה הנאצית מיצתה עד תום את כל הענויים הסאדיסטיים האפשריים, ולא היא. גילויים חדשים מסמרי שיער נחשפים לפנינו תוך כדי קריאה, והלב מתפלץ לנוכח יסורי שאול בהם עמדו אחינו. לעיני הקורא עוברת בסך פרשת נדודי המחבר ברחבי פולין, נסיונותיו)שנכשלו) לברוח אל הצד הרוסי,

עבודות הפרך במחנות ההשמדה כגון אושוויץ ומאוטהאוזן, ונוראות החודשים האחרונים בגרמניה ואוסטריה לפני בוא השחרור הנכסף, לא אחת ראה את המוות לנגד עיניו, ובאורח פלא ניצל ברגע האחרון. הרצאת הדברים פשוטה וקלילה, ואין לדקדק עם המחבר והמתרגם בדיוקי לשון וסיגנון, כאשר הספר כולו נקרא במתח רב ובכאב עצור. התמונות שצורפו לספר מארכיוני השואה, ממחישות את צילומי הזוועה.

חרף כל הדכאון, ישנן בספר מספר נקודות אור. מול חלאת־האדם, אם הם גרמנים או פולנים ואף קאפו״ס יהודים, מוצגים חברים הפורסים מלחמם הדל לרעיהם, מעודדים ומחזקים כושלים. מודגשת היטב תרומתו של החינוך השורשי מבית־אבא, לחיסון הנפשי של האדם. זכרונות נאצלים של ימי שבת ומועד, הם שהיו לנגד עיני המחבר, וסעדוהו בגיא צלמוות להחזיק מעמד על אף הכול. כן התקווה הכמוסה בלב, שעתיד טוב יותר — גם אם יתמהמה — בוא יבוא.

את יסוריו של פ. מ. פייבלוביץ לא נסתיימה עם השחרור, גלגולים רבים עברו עליו בדרכי נוד באירופה, ובאניית מעפילים שנוסעיה גורשו לקפריסין, בהגיעו ארצה גוייס לצה״ל, השתתף בקרבות העקובים מדם שבסביבות ירושלים, ונמנה עם משחררי הגליל. נאמנת עלינו עדותו, כי התקפות עזות של הערבים באיזור רמת רחל נהדפו בגלל זכרון החורבן, כשהלוחמים מחזקים איש את רעהו בקריאת ״נקמה״ שציוו להם הנספים בשואה. לאחר הקרב מצאו בכיסי ההרוגים תעודות של גרמנים ואוקראינים.

אין לספר ״הפי אנד״ יותר נאות מאשר הידיעה על השתרשותו של מ. פ. פייבלוביץ בארץ עם משפחתו, והתערותו כאזרח נכבד בשכונת נווה שאנן בחיפה. כאן הוא רואה בנחמה בהתפתחות המדינה וביצורה, ותשועת ישראל במלחמת ששת הימים.

במכתביהם בראש הספר, מדגישים פרופ׳ דב סדן, המשורר ש. שלום ומר ש״ז שרגאי, את המצווה הגדולה שקיים המחבר בהדפסת הספר: זכור את אשר עשה לך עמלק, לא תשכח!

פנחס מנחם פיבלוביץ

שנות סבל ויסורים

(פרקים מתוך הספר "מפי אוד מוצל")

ביום הזה נבקעו כל מעינות תהום רבה...

באחד בספטמבר 1939 פלשו לגבולות פולין קלגסיו צמאי־הדם של השד המשחית היטלר ימ"ש כנמרים שוחרי טרף, ובימים ספורים הסתערו בשצף־קצף עד לסביבת ורשה הבירה ושמו עליה מצור. יושבי הכרך השוקק עשרים רבבות אדם גוועו ממש מרעב, ורבים ניזונו מנבלות הסוסים ההרוגים שנערמו בכבישים וברחובות. לחם וקמח נעלמו כליל מן הנוף. נוסף על זלעפות הרעב השתולל גם צמא קטלני, מפני שמערכות צינורות המים נהרסו עקב ההפגזות הבלתי פוסקות. טיפת מים יקרה מפז. היו כאלה שהסתכנו להתחמק אל גדות הנהר ויסלה בעיצומו של מבול האש הניתך ממרומים ולסחוב משם דלי מלא נוזל מבחיל. ברם, שכרם יצא בהפסדם, מכיוון שאחרי שוברם את צמאונם במים העכורים והמרופשים, עשו מים מאררים הללו שמות בקרביהם. מספר הנספים בטיפוס ובדיזנטריה בעטיים של מי הויסלה הסתכם ברבבות.

איתרע מזלי ונקלעתי לבירה הנצורה בימים מטורפים אלה. במו עיני חזיתי את המאורעות אשר פקדו את כל דרי הבירה, ובעיקר את האוכלוסיה היהודית בת ששים רבוא נפש. מזכרוני לא ימחה החזיון שנגלה לעיני ברחוב סמוטשה. בעורק סואן זה נמצא בית־החרושת זייצוב לשימורי דגים ומלפפונים חמוצים, המחסנים שפעו קופסאות שימורים עד אפס מקום שעה שפגעו פצצות־תבערה במבני המפעל. דלקה עצומה השתוללה ולהבות ענק התאבכו לשמים. המונים רעבים וצמאים חירפו את נפשם, התפרצו לתוך המחסנים הבוערים, חטפו מכל הבא ביד ובלעו את טרפם בעודו בכפם. רבים נכוו למוות בטרם זכו לטעום מן המעדנים, אולם גם גורלם של "ברוכי המזל" לא שפר. אחרי שהשיבו את נפשם בישמורים המשופעים מלח ותבלינים חריפים ולגמו בבת אחת את מיץ המלפפונים

החמוצים גבר עליהם צמאונם שבעתיים, ורבים קרסו תחתיהם מאפיסת כח ומצימאון. הלהבות האדירות נאחזו בבגדים ודנו את לובשיהם לשרפה.

להקות ציפורי־טרף של פלדה הנמיכו טוס יומם ולילה בשמי הבירה הנצורה והמטירו אלפי טונות פצצות־תבערה, מתוך טרטור רצוף של מכונות היריה המכוונות לעבר כל נפש חיה שהעיזה לצאת מפתח ביתה. תילי־תילים של הרוגים ופצועים נצטברו ברחובות, בסימטאות ובחצרות, נוסף על הנפגעים בין קורות דירותיהם. גופותיהם של החללים היו מרוסקות ומרוטשות עד כדי שנמחק יצורי־אנוש לשעבר. בינות לגוויותיהם המבותרות והמושחתות של המבוגרים התפלשו בעפר גם גופות זעירות של תינוקות וזאטוטים שהפכו לגושי בשר מוצפי דם.

בלילה הראשון אחרי נפילת הבירה התחבאתי במרתף ואזני קלטו עמומות את זעקות הנצחון של האויבים המתהוללים ואת היריות הבלתי־פוסקות שהרעישו את החלל. עם הפציע השחר השתלטה דממה מחרידה, ולא עצרתי כח להיוותר במחבוא. השתרכתי בלאט החוצה על מנת להימלט מגיא־ההריגה אל קיבוץ ההכשרה בגרוכוב. ברחוב ניתן לי להציץ בפעם הראשונה בפרצופיהם של המרצחים הנאצים — חוליית־סיור מורכבת מחיילים סמוקי־פנים בריאי־בשר ולבושים כהוגן. החיילים לא נגעו לרעה בעוברים ושבים ולא נטפלו ליהודים. הרחובות המו פליטים מכל שכבות התושבים — יהודים ופולנים בערבוביה — ועל פניהם נסוכה היתה ארשת של אימה ויאוש. שום מטרה ברורה לא היתה לנגד עיניהם, פרט לדחף עז לנוס למרחקים מפני הסכנות הגלויות והסמויות המרחפות מעל לראש.

הצטרפתי לפלוגה של פליטים יהודים וצעדנו בקצב מזורז כברת דרך, והנה לפתע פגע־רע לפנינו: קבוצת חיילים נאצים ובראשם קצין. המפקד עצר את שיירתנו וצרח: ״היש ביניכם יהודים?״ פולנים רבים, פליטים גם הם, הצביעו עלינו וקראו: ״אלה הם ז׳ידים!״ הקצין צווה עלינו היהודים לצאת מן השורה, ואחר־כך פנה אלינו בניחותא: ״כלום אתם רעבים?״ מבלי לחכות לתשובה רמז לאחד החיילים והלה מיהר לעברנו עם סל גדוש לחם, תפוחים, שוקולד, סיגריות והחל מחלק לנו מן כל הטוב אשר בסל. נשימתנו נעצרה נוכח חסד בלתי־צפוי זה מצדם של שונאינו בנפש ולא ירדנו לסוף דעתם. מתוך פחד לקחנו את המתנות אולם איש לא העיז להגיש את המטעמים אל פיו, מתוך חשד שהמקרה הוא לא טהור.

הגרמני נעץ בנו מבט חודר וקרא לעברנו בנימה שקטה: ״מדוע אינכם אוכלים? כלום אתם חושדים ששמנו רעל באוכל?״ מתוך כוונה להרגיענו תפס

תפוח מן הסל ונגס בו. חששותינו נגוזו וכולנו חטפנו את המזון ובלענו אותו בתיאבון כי נפשותינו יצאו מרעב. לפתע חשנו בגרמני לבוש־מדים העומד מן הצד ומסובב ידית של מסרטה מכוונת לעומתנו. אז נתברר לנו טיבו של החסד הנאצי. המעמד המתמיה בויים על ידי הפושעים הטבטוניים בכוונה תחילה על מנת להוליך שולל את העולם המערבי ולהוכיח באמצעות סרט את התנהגותם ההגונה בשטחים הכבושים, אפילו לגבי יהודים.

גיטו, טלאי צהוב ושאר ירקות

...שיבתי הביתה היתה בהיתר גמור, אך ישיבתי בבית קשתה עלי מאשר בביקורי הקודמים וחשתי כיושב על עקרבים. מרגע שנכנסתי בתחומה של עיר מולדתי זלוב, החלה מקרקרת במוחי השאלה המטרידה: כיצד נמלטים מכאן לקצה העולם?

הגרמנים הטילו הסגר על רובע היהודים שהוכתר בתואר כבוד "גיטו", ואסרו על כל יהודי לצאת מפתח ביתו למן 6 בערב ועד 8 בבוקר. כמו כן נצטוו כל החושבים היהודים, החל מפעוטות בני שנתיים ומעלה, לענוד על שרוול בגדם טלאי צהוב בצורת מגן־דוד עם הכתובת "יודה" (יהודי). אמא פרצה בבכי תמרורים שעה שלבשה בראשונה בגד מקושט בטלאי הצהוב. בושנו להביט איש בפני משנהו. אבא הרכין ראשו מתוך עלבון צורב ודמעות ניגרו על לחייו. זקנו הנאה והמהודר נפל מזמן קרבן למספריים. אחותי שושנה היתה הראשונה שקיימה מצוות "על כנפי בגדיהם ועשו להם... טלאי צהוב". למחרת נפלה קטטה בבית, מי מבין הזכרים ייצא הראשון כששרוולו מעוטר כדת וכדין. אני ואחי דוד הפצרנו לזכות במשפט הבכורה, אך אמא סירבה להרשות. לפי הלוח היה אז יום שבת־קודש, אולם בבית נגוז כליל צביונו האציל של יום המנוחה. פמוטי הכסף נעלמו מעל פני השולחן המעורטל והמבוייש, משום שנשדדו בידי הנאצים ביחד עם כל חפצי הערך, הבגדים הטובים, לרבות מטפחת המשי הצחורה. אבא לא זז החוצה ביום השבת ומפיו התפרצו תכופות אנחות מרות. ספרי התורה ב"שטיבל" חוללו, ואלו "מנין" מאן זכר שמיה בשעת חרום כזו. מה עמוקה התהום בה שקענו, מה גדול השבר!

סוף־סוף הותר לי לצאת החוצה באותה שבת לפנות ערב. אחרי רבע שעה של פסיעה צצו לקראתי שני נאצים ענודי צלב־הקרס. כהרף עין הסרתי את הכובע, השתחוויתי עמוקות וירדתי מעל המדרכה, כפי שנגזר על האוכלוסיה היהודית מטעם השלטונות. הטמאים פרצו בצחוק אדיר, וגברתן אחד תלה בי את עיניו הלוהטות משנאה תהומית וצרח לעברי בבוז: "יהודון, הטלאי הצהוב מוצא חן

בעיניך, נכון״ לא פציתי פה ובלבי כבר אמרתי שלום לביתי ולמשפחתי. אולם למזלי נתבדו חששותי, ספגתי בעיטה כהלכה ויצאתי ידי חובתי.

עם הסתלק הבריונים עליתי שוב על המדרכה, הואיל ולא הסתמן באופק שום פגע־רע. תשוקתי לשוט בעיירה נגוזה ושבתי על עקבי הביתה. בהיותי כבר סמוך לביתנו לא הרגשתי בלהקה של ״שקצים״ מין כנופיות ה״פולקסדויטשה״ שנזדקרה מתוך סימטה אפלה, ולפיכך לא ירדתי מן המדרכה כדת. משהבחינו הבריונים בטלאי הצהוב המתנוסס לתפארת על שרוולי כיתרוני מכל העברים, ואחד מהם צרח: ״יהודי מטונף, למה לא ירדת מעל המדרכה?״ ואילו משנהו הרעים: ״חזיר בן כלבה, כיצד העזת לטמא ברגליך המזוהמות מדרכה גרמנית?״ דברי הנאצה שימשו מבוא להתעללויות של ממש. אחד גברתן הנחית את אגרופו במלוא התנופה בפני וזרם דם פרץ מחוטמי. הנוזל האדום שימש אור ירוק להתקפה כללית ומהלומות החלו ניתכות על פני ועל גופי. לא החזקתי מעמד וקרסתי תחתי, פצוע ושותת דם. בראותם אותי שרוע על המרצפת בשלולית דם הסתלקו ה״שקצים״ בצחוק פרוע. קמתי בשארית כוחותי והסתחבתי הביתה. לא קראתי לעזרה ולא גיליתי סימן של התנגדות, אחרת הייתי מקפח את חיי, מכיוון שדמם של יהודים הותר בפולין.

אלה תולדותיו של היום בו בירכתי ״שהחינו״ על הטלאי הצהוב.

ביום צום כיפור יחתמון

...בסתיו 1942 הגיעתני הגלוייה האחרונה מעיר מולדתי. אבא הודיע לי שהגרמנים משמידים בהדרגה את כל יהודיה של קהילת זלוב, בעזרתם הפעילה של הפולנים. בשורה איומה זו פיצפצה את נשמתי והשחירה שבעתיים את האופל בו הייתי שרוי. יומם ולילה ניקרה במוחי השאלה הגורלית: כלום אזכה להציץ אי־פעם בצורותיהם המזהירות של אהובי מחמלי־נפשי בהקיץ ולא בחלום? מסביב לי הלך וגאה נחשול האבדון, והחסר נתמלא ללא־הרף במשלוחים חדשים של צפויים לכלייה.

והנה צצו עשרת ימי התשובה, עונה של עשיית חשבון הנפש, של התעוררות ושל חרטה. גם אנחנו, כלואי המחנה, נתפסנו לרוממותם של ימים נשגבים אלה ופישפשנו במעשינו. העברנו לנגד עינינו את הקורות אותנו לאורך השנה שהלכה לעולמה — שרשרת מחרידה של תביעה ביוון־מצולה, של יאוש וקפאון, של יסורי־שאול אשר פגעו בחומר וברוח. זכרם של הימים העטופים הילת־זוהר בטרם יצא עלינו הקצף זורה מלח על פצעינו הדוויים, מוסיף שמן על המדורה

היוקדת בקרבנו. גם התקופה ספוגת־האימים במקומות מגורינו אחרי פרוץ המלחמה לובשת בעינינו מחלצות של עידן־זהב לעומת ההווה חסר־הישע בו אנו נתונים. הרי אז טרם נעקרנו מחוג אהובינו ואת הסבל נשאנו במחיצתם; הרי אז טרם נשללה מאתנו קורת־גג ורשות־היחיד וניתן לנו לשאוב נוחם מאמרי־הנועם הזרועים על גבי הספרים הקדושים; הרי אז לא כבתה התוחלת שחלום הבלהות יכלה כעשן במהרה וימינו יחודשו כקדם. והיום דעך כל שביב של תקווה, אין שמץ של קרן אור קלושה אשר תגיה את חשכנו, וכעלה נידף אנו נישאים על פני תהום הפוערת את פיה לבלענו מדי רגע, ואין מושיע.

בשעות אחרי הצהרים, ערב יום הכיפורים, נתקשרו השמים בעבים וגשם סוחף ניתך ארצה. היינו לבושים כתונות דקות, בלות ומטולאות, ובכל זאת אסרו עלינו הנוגשים לחפש חסות בצריפים מפני גשמי הזעף וצרחו לעברנו להמשיך בעבודה. בשובנו מן העבודה עם רדת היום הרבו המלווים המזויינים להכביד עלינו את אכפם יותר מ ןהרגיל, הריצו אותנו בקצב מזורז אף כי היינו רטובים עד העצמות יגעים עד כלות־הנפש ובקושי רב הרימונו את רגלינו. עם הגיע הפלוגה אל המחנה נתחלקה מנת ה"מרק" המגעיל ספוג צחנת־פשפשים ופרוסת לחם. בלענו בחפזון את המדענים לפני שקיעת החמה, זכר לסעודה המפסקת.

והנה ירדו הצללים, ואפלה אפפה את הכוך העלוב שלא ראה אור נר מימיו. הצטרפתי לחבורה של עצירים דתיים אשר הצטופפו בקרן זוית לתפילת "כל־נדרי" בציבור. מחזורים לא נמצאו ברשותנו ולפיכך התפללנו בעל־פה, איש איש כמיטב זכרונו. אחד מאתנו התנדב לשמש שליח־ציבור ומפיו החלו קולחים בלחש הצלילים הנוגים והנשגבים של כל־נדרי. אותה נעימה נפלאה ועתיקה, ספוגה רזי־דרזין, עוררה בנו כזרם חשמל רטט וחרדה והשכיחה במחי־יד את המציאות המבעיתה. לפתע חשנו זיקה אדוקה לאנוסי־ספרד בימות קדם, אשר שפכו את שיחם לפני אלהים במערות ובנקיקים מתוך מסירות נפש בליל יום־כיפור ושפתותיהם רחשו את התפילה המיסתורית "כל־נדרי" שנתחברה למענם.

למחרת נרדפנו כרגיל עם הנץ היום לעבודת־הפרך. איש־איש קיבל את מנת הלחם הזעומה, אולם מרבית העצירים שלטו ברוחם ולא הגישו אל פיהם את הפרוסה, אף כי מעיהם המו מרעב. הפלוגה נערכה בטורים וצעדה אל שטח העבודה, לכרות שוחות מסביב למחנה על כל צרה שלא תבוא (התקפות אוויר). כשבועיים נתמשכה המלאכה וטרם נגמרה. באותו יום הצמדתי עצמי לחברי, יהודי אדוק ותלמיד חכם, על מנת להערים על נוגשינו ולהזהר ממלאכה ככל האפשר. בחרנו באחת השוחות העמוקות ביותר שנמצאה בשלב של גמר. ירדנו לתוכה

ונעלמנו במעמקיה עד שלא הבחינו בנו מלמעלה, סמויים מפני עינא־בישא, העמדנו פנים של עמלים השקועים במלאכתם, מבלי לנקוף אצבע. ליד השוחה נצטברו ערמות של אדמה ואבנים שנכרו עוד אתמול וטרם סולקו, ולפיכך נבצר מן הרודים בעם להבחין במעשינו במעמקי־החפירה. ידינו לפתו את הטוריות לשם זהירות, וכל אימת שבקעה חריקת־מגפיים מלמעלה גופפנו את הכלים בחריצות מדומה, כדי לאחוז את עיניהם של שונאי־ישראל.

עם שהותנו בשוחה מלמלנו בקול דממה דקה את התפילות. חברי הקריא לפני את המלים בנעימה המקובלת ואני עניתי אחריו — "ממעמקים קראתיך ה׳", הפעם לא נאמרו הדברים בדרך השאלה... משהגענו לתפילה "ונתנה תוקף" חשנו את טעמו האמיתי של הפרק "אדם יסודו מעפר וסופו לעפר". אכן שקועים אנו בעפר עד מחנק, שונאינו מחשיבים אותנו פחות מעפר ומגפיהם דשים אותנו כעפר, כרמש הנרמס בבוץ. בעומק האדמה עברה עלינו מרביתו של היום הקדוש, בתפילה ובתחנונים, והנה זמן תפילת מנחה. מבלי־משים צפה לעינינו הפטרת־יונה הנשגבה ותפלתו במעי־הדגה. גם אנו הושלכנו לים זועף, ספינת חיינו נטרפה והמים הזידונים באו עד נפש. גם אנו מפילים את תחנונינו כאותו הנביא בצר לו: "לקצבי הרים ירדתי, הארץ בריחיה בעדי לעולם"... האומנם נזכה גם לנחמתו של סוף הפסוק: "ותעל משחת חיי, ה׳ אלהי", בטרם יסתם עלינו הגולל?...

שעת הנעילה, במובן כפול. ניתן אות לחזור אל המחנה אחרי יום גדוש סבל ועינויים. יגע ותשוש עקב הצום והבילוי בשוחה הטחובה, אך מאושש ברוחי, שבתי אל המחנה סמוך לשקיעת־החמה. קיבלנו את מנת "מרק הפשפשים" אולם לא טעמנו טיפה. שוב התקהלנו בקרן זוית והתפללנו "נעילה" בלב נשבר ובדמעות־שליש. חשנו את מלוא־טעמו של הפזמון: "אזכרה אלהים ואהמיה... ובשערי דמעות כי לא נשלבות"... הה, אלוהים, היה מה לזכור ועל מה להמות! שערי דמעותינו נפתחו לרווחה, והאגלים המלוחים ניגרו על לחיינו באין מעצור, גם אחרי צאת הכוכבים...

אושוויץ, אסיר מספר 143926

... בבית הכלא היו חבושים המון אנשים, ברובם יהודים, שנחרץ דינם להישלח למחנה ההשמדה אושוויץ עוד באותו יום. לרוע־המזל, נקלעתי לתוך משלוח זה. אחרי שעות ספורות הודחסנו כולנו לתוך קרונות מיועדים לבהמות, חמישים עד שבעים נפש בקרון. המשלוח קיפל בתוכנו למכביר חולים נוטים למות, ישישים כפופי־גב, נשים הרות, תינוקות ועוללים. שום אוכל לא הוגש לכלואים בקרונות

ולא טיפה של מים. בקרונות המוגפים מבחוץ ללא זיק של אור חסר אוויר לנשימה והצחנה היתה להחניק. הכל עשו צרכיהם במקום ישיבתם — שכיבה לא באה בחשבון — והרצפה היתה מזוהמת בסחי וצואה. נשים הרות כרעו ללדת בשאול תחתית זו על גלגלים והתבוססו בדמן עד שנפחו נשמותיהן בצוותא עם פרי בטנן.

סוף סוף הגיעה הרכבת עם הנותרים לפליטה עד לרציף התחנה בירקנאו. עם רדת ה"אורחים" מן הקרונות קרעו חיילי ס. ס. את המשפחות לגזרים. הגברים והנשים הכשירים לפי חזותם לעבודת־פרך הופנו מיד אל המחנות־התאומים אושוויץ ובירקנאו, ואילו הקשישים, החולים, התשושים והילדים הפליגו ליעד שאין ממנו חזרה — אל תאי הגאז במבנה המשרפה הידועה לדראון עולם. מי שעמדו לו כוחותיו עשה את דרכו האחרונה אל בית־המרחץ, (כך כינו המרצחים את הכבשנים, לשם הולכת שולל) ברגל, ויתרם זכו להסעה במשאיות.

מראה הסלקציה האיומה עם בוא הרכבת לבירקנאו לא ימוש מנגד עיני כל עוד נשמתי בי. יללותיהן של האמהות השכולות, שתינוקותיהן נחטפו בידי חיות־הטרף המנואצות, וצעקותיהם המסמרות־שיער של הילדים החטופים היה בהם לקרוע שחקים, אך שערי השמים נותרו אטומים לאנקת המובלים לטבח. הסלקציה בוצעה במהירות הבזק, כדי לפנות את הרציף למשלוח הבא. הרכבות פלטו ללא הפוגה חומר־דלק בצלם אלוהים מכל קצוות אירופה ללועי הכבשנים, והמלאכה היתה מרובה. גורלי שפר עלי ונצטרפתי לפלוגת הגברים הכשירים לעבודה. הפלוגה זזה לעבר המחנה אושוויץ. עוד מרחוק נתגלה לעיני שלט־ענק ומעליו התלוצצו בלעג שטני שלוש מלים באותיות של קידוש־לבנה: "ארבייט מאכט פריי" (עבודה מעניקה חרות). השער נפתח בפנינו לרווחה וגל חדש של צפויים לכליון זרם פנימה אל רחבה שהשתרעה מול שורה של מיבנים קודרים. המלווים לבושי־המדים הדפו אותנו לתוך מכלאה מוקפת גדר תיל־דוקרני וציוו עלינו לפשוט את כל הבגדים וחלוץ את הנעליים. למעלה מיממה ארכה עמידתנו, ערומים ויחפים בתוך המכלאה. בטווחים קצרים הזדקרו לאורך הגדר כלונסאות נושאי שלטי־אזהרת: "זהירות, סכנה!" מסביב לשטח הגדור התנשאו מגדלי־תצפית מאויישים בחיילי ס. ס. ליד תת־מקלעים דרוכים. הנוף המבעית המם אותנו כהלמות פטיש על קדקד ובעצם התכוונו לכך המרצחים הטמאים. המכלאה נועדה להכשיר את "הנופשים" החדשים לקראת הבאות. בשלט שעל השער נפלה בעליל טעות, והכתובת ההולמת היתה: "כל באיה לא ישובון". אכן, כמה "אורחים" מקרוב באו לא השלימו עם קבלת הפנים במכלאה והתנפלו לסבך התייל הטעון זרם חשמלי במתח גבוה. בעבורם תמה מסכת אושוויץ לעדי־עד...

נישט ווייט פון אונדזער שטוב, ביים הויכן שטיינערנעם פּלויט פון דער טשעכישער קירכע, האָט זיך איינעם, אַ דייטשן סאַדיסט, פאַרגלוסט זיך צו איבן אין שיסן. דער ציל איז געווען אַ געלער מגן־דוד וואָס מיר זענען געווען געצווינגען צו טראָגן. מיט אַ סאַדיסטישע הנאה האָט ער געצילט און געטראָפן. פון דער קויל איז געוואָרן שווער פאַרוואונדעט אונדזערס אַ יונגער שכן.

ווען עס זענען אומגעבראַכט געוואָרן די עשירי הרוגי מלכות, האָט זיך צווישן די קדושים געפונען אַ יונגער בלאָנדער בחור וועלכער האָט מיט דער פּעטליע אויפן האַלדז, מיט מוט און דרייסטקייט אויסגעשריגן זיינע לעצטע ווערטער — „שמע ישראל!" אַזוי האָבן אויך געטון די איבעריקע קדושים. מיר, וועלכע האָבן געמוזט זיין אַנוועזנד בשעת דער עקזעקוציע, זענען געוואָרן פּאַראַליזירט.

אַזוי קומען פאָר צאָלרייכע בלוטיקע אַקציעס ביז מיר דערגרייכן צו דער טאָטאַלער ליקווידאַציע, צום חורבן פון יידישן זעלעוו.

טויזנטער ווערן צונויפגעשפּאַרט אין אַ טעקסטיל־פאַבריק. מענער, פרויען, קינדער און אַלטע לייט געפונען זיך עטלעכע טעג אָן די עלעמענטאַרסטע סאַניטאַרע באַדינגונגען, אָן עסן און טרינקען. עס פעלט אויס לופט צום אָטעמען. מענטשן וויינען, שרייען. פאַראַן טויטע פון דערשטיקונג. פאַר מיינע אויגן

ווערט מיין מוטער אָוועקגעשלעפּט און אין מאָמענט ווען זי פּרוווט צו אַנטלויפן, ווערט זי מערדערלעך צעשלאָגן. איך בין קוים 16 יאָר אַלט און מוז זיך צוקוקן צו דעם. ביי מיין שוועגערין געפינט זיך איר 4־יאָריק קינד. די דייטשן צעשיידן זיי, דאָס קינד ווער טאָוועקגעשלעפּט, עמעץ וואַרפט מיר אין די הענט אַריין אַ קליין קינד, איך טוליע עס צו מיר אָבער די דייטשן רייסן עס אָוועק פון מיר. איך בלייב דערשיטערט און אומבאַהאָלפן, „קולטורעלע" דייטשע קינדער־מערדער!

פון אַ שטוב ווו מיר די איבערגעבליבענע 150 מאָן געפונען זיך, אָבסערוויר איך דעם קאַשמאַר וואָס קומט פאַר אין גאָס: עס קומען אָן שוואַרצע פאַרמאַכטע אויטאָס און דאָרט אַהין ווערן אַריינגעשליידערט, ווי שמאַטעס, קראַנקע און אַלטע, מאַמעס מיט קינדער. דאָס איז זייער לעצטער וועג, קיין כעלמנאָ.

* * *

פאַריתומט בין איך געבליבן. אַן איינציקער שפּליטער פון מיין משפּחה. מיין פאָטער און מוטער זענען אומגעבראַכט געוואָרן מיט אַלע זעלעווער קדושים. מיין ברודער נתן איז געוואָרן פאַרשיקט פון וואַרשע קיין דאַכאו און דאָרט אומגעקומען. דער ברודער יעקב איז אומגעקומען אין פּיאָטרקאָוו. די ברידער חיים און ניסן, וואָס זענען אַנטלאָפן קיין רוסלאַנד, האָבן זיך מער נישט צוריקגעקערט. דער יונגסטער אברהם איז געפאַלן ביי די פאַרטיזאַנער. נאָכן קריג האָב איך עטלעכע מאָל באַזוכט אונדזער שטעטל ווו יעדער שטיין האָט געקאָנט דערציילן וועגן גרויסן חורבן, וועגן טראַגישן יידישן אומגליק.

אשר קוויאַטקאָווסקי
ניו־יאָרק

נע־ונד יארן

מיט אַ צעבלוטיקט האַרץ און ציטערדיקע האַנט וויל איך פאַראייביקן די אַדורכגעגאַנגענע בלוטיקער תקופה פון דער היטלער־צייט. אַ תקופה פון שרעק און קאַשמאַר, פון שוידער און אייביקן אומרו. איינער אליין בין איך געבליבן פון אַ פאַרצווייגטער, איינגעפונדעוועטער משפחה. איינער אליין געבליבן מיט קאַשמאַרע זכרונות און בלוטיקע דערינערונגען.

זאָלן די שורות זיין ווי אַן אַנגעצינדן ליכט פאַר די אומגעבראַכטע הייליקע נשמות.

* * *

מיין פאַמיליע איז באַשטאַנען פון מיין פאַטער, חיים קוויאַטקאָווסקי, אַ סוחר און געשעפטסמאַן. אין די יונגע יאָרן האָט ער געהאַנדלט מיט וועלדער און פעלדער ווי אויך געהאַט אַ געשעפט. ער איז געווען באַוווסט אין דער גאַנצער סביבה אַלס ערלעכער און גוטהאַרציקער מענטש. געדאַוונט האָט ער אין דער שיל און פון צייט צו צייט אויך געפלעגט דאַווענען פאַרן עמוד.

מיין מוטער, חנה גאָלדע, פונדערהיים קרימאַלאָווסקי פון דזשאַלאָשין, האָט זיך באַמיט אַז יעדן שבת זאָל זיין ביים טיש אַן אורח. מיין עלסטער ברודער הערשל מיט זיין פרוי רחל, טאָכטער פון הערשל ניימאַן און צוויי קינדער. די עלטסטע שוועסטער ייטא מיט איר מאַן דוד גרינבערג און 4 קינדער. די שוועסטער פראַדל מיט איר מאַן דוד שטערן און צוויי קינדער. די יונגסטע שוועסטער קלאַראַ מיט איר מאַן ישראל ראָזנבלום און אַ קינד. מיינע ברידער וואָלף, לייבל און איך — נישט פאַרהייראַטע.

אזוי איז געווען, דער באַשטאַנד פון מיין פאַמיליע ביזן אויסברוך פון קריג, ביז עס האָבן זיך אָנגעריקט שוואַרצע וואָלקנס אויפן אייראָפּעאישן יידנטום און בתוכם אויף אונדזער באַליבט יידיש־זעלעוו.

* * *

די ערשטע צייטן איז די לאַגע אין זעלעוו נאָך געווען דערטרעגלעך. צוליב דער אָפענער געטאָ האָבן יידן געהאַט אַ מעגלעכקייט פון צופאַרדינען דורך שמוגל. דער ערשטער קרבן איז געפאַלן מיין ברודער וואָלף. ער איז געוואָרן אַרעסטירט ביים שמוגלען לעדער און פון דער שערעדזשער טורמע האָט ער זיך שוין נישט צוריקגעקערט.

די ידיעה וועגן דער אויסזידלונג פון יידישן זעלעוו איז צו מיר דערגאַנגען ווען איך בין געווען אין וויעלונער פּאַוויאַק מיט געשמוגלטע סחורות. זייענדיק באַאומרואיקט וועגן גורל פון מיין פאַמיליע, האָב איך זיך זאָפאַרט אומגעקערט. מיין פאַמיליע האָב איך שוין אין זעלעוו נישט געטראָפן, זיי זענען געווען אויסבאַהאַלטן ביי אַ באַקאַנטן קריסט אין דאָרף וואָלאַ־פּושאַלעצקאַ. נאָך עטלעכע טעג האָט אונדז אַ צווייטער קריסט געמסרט און די דייטשן האָבן אונדז אוועקגעפירט, צוערשט נאָך קאָרוויג און נאָכער קיין זעלעוו אין דער פאַבריק פון יענקל לעווי ווו ס'האָבן זיך געפונען אַ גרעסערע צאָל פאַרהאַלטענע, מענער, פרויען און קינדער.

זעענדיק אַז די לאַגע איז זייער שלעכט, האָבן מיר באַשלאָסן צו אַנטלויפן. דער פאָטער האָט זיך אָפּגעזאָגט צוליב זיין עלטער און מיר, נאָכדעם ווי באַקאַנטע פון יידישן קאָמיטעט האָבן אונדז צוגעהאָלפן ארויסצוקריגן זיך פון דער פאַבריק, זענען מיר אַנטלאָפן.

אונדזער גרופּע איז באַשטאַנען פון: איך, מיין ברודער לייבל, ישראל, נטע לייזעראָוויטש, ישראלס שוואָגער, מיינע צוויי קוזינס און אונדזער קוזינקע פייגל.

זעט אויס אַז מיר זענען געוואָרן באַמערקט דורך עמעצן ווייל עס האָט זיך אָנגעהויבן נאָך אונדז אַ יאַגעניש.

נאָכן אויסבאַהאַלטן זיך עטלעכע טעג אין די זעלעווער וועלדער, פילנדיק אַז ס'האָט זיך באַרויקט, זענען מיר אַוועק צו אַ באַקאַנטן קריסט וועלכער האָט פאַר מיר געפירט סחורות און דאָרט זיך אויסבאַהאַלטן אויפן בוידעם.

ווּיסנדיק אַז לאַנג קאָן אַזאַ לעבן נישט אָנהאַלטן, באַשליסן מיר צו גיין אין פּראָטעקטאָראַט, קיין ראַדאָמסק.

דער קריסט האָט אונדז באַזאָרגט אַ שמוגלער וועלכער האָט אונדז, פאַר 500 מאַרק אַריבערגעפירט קיין ראַדאָמסק.

דעם גאַנצן וועג זענען מיר געווען אין ציטערניש, ווייל כאַפּן אַ ייד איז געווען אַן איינאיינציקער שטראָף: טויט.

אין ראַדאָמסק איז אונדז געלונגען איינצושאַפן פאַלשע דאָקומענטן אַלס ראַדאָמסקער און מיר האָבן דאָרט אויך געדונגען אַ דירה.

אָבער נישט אַלס גייט ווי עס וויל זיך, אויך אויף ראַדאָמסק קומט אָן די פּלאָג פון אויסזידלונג.

* * *

ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן די אויסזידלונג אין טשענסטאָכאָוו און פילנדיק די אָנקומענדיקע געפאַר, האָבן מיר געשריבן צום קריסט ווו מיר זענען געווען באַהאַלטן און אים מיטגעטיילט וועגן דער לאַגע. ער האָט אונדז געענטפערט אַז מיר קאָנען צו אים קומען נאָר מען זאָל זיין זייער פאָרזיכטיק.

נאָך אַ ריזיקאַלישן וועג, פול מיט טויט־שרעקן, זענען מיר אָנגעקומען צו אונדזער ערשטער באַהעלטעניש. מיר האָבן אויך מיטגעבראַכט ישראלס אַ קוזין ווי אויך לוזער גרינבערג וועלכער איז געווען אויסבאַהאַלטן ביי אַ דייטש, נעבן זעלעוו.

פאַר אונדזער גרופּע וועלכע האָט איצט געציילט ניין מאָן איז נישט געווען קיין אָרט אויפן בוידעם און דער קריסט האָט אונדז איינלאָקירט ביי נאָך אַ באַקאַנטן. מיר זענען געווען צוטיילט אין צוויי גרופּן.

איינמאָל איז נטע לייזעראָוויטש, ישראלס שוואָגער קראַנק געוואָרן און מען האָט אים געמוזט פירן צו אַ דאָקטאָר. דער קריסט האָט איינגעשפּאַנט דעם שליטן און מיין קוזין לייב קרימאַלאָווסקי איז מיטגעפאָרן מיטן קראַנקן קיין זאַגאָשטש, דאָרט איז געווען אַ יידישער לאַגער. דאָרט האָט זיך לייב באַקאַנט מיטן יידן־עלטסטן און ער האָט אים דערציילט וועגן אונדזער לאַגע ווי אויך אַז מיר וואָלטן געוואָלט אָנקומען אין די לאַגערן וועלכע געפינען זיך אין קלאָבאָצק (אויבערשלעזן).

דער יידן־עלטסטער האָט איבערגערעדט מיטן לאַגער־פירער און ער האָט

אונדז מיטגעטיילט אַז אויב מיר וועלן באַצאָלן 500 מאַרק פּאַר אַ קאָפּ, קאָן מען עס אַדורכפירן.

נאָכן צוריקקער האָט אונדז לייב אינפאָרמירט וועגן דעם ענין און מיר באַשליסן צו פאַרלאָזן דעם באַהעלטעניש.

נאָך אַ געפאַרפולן וועג פון בערך 50 קילאָמעטער, קומען מיר אָן אין לאַגער. דאָס איז געווען פאַר פסח פון יאָר 1943. די באַדינגונגען אין לאַגער זענען געווען דערטרעגלעכע. קיין ספּעציעלע שמירה איז נישט געווען און עסן איז אויך געווען געננג. יעדנפאַלס איז עס געווען לייכטער ווי ליגן באַהאַלטן אויפן בוידעם.

נאָך פסח ווערן מיר איבערגעשיקט אין אַ צווייטן לאַגער אין דאָרף ביאַלאַ, נישט ווייט פון קלאָבאָצק אין טשענסטאָכאָוו, דאָרט זענען מיר געווען 40 מענטשן, מענער און פרויען.

אויך דאָך איז די לאַגע געווען צו דערליידן. ישראל האָט זיך אויך באַקאַנט מיטן לאַגער־פירער, אַן עס־עס־מאַן אַ שיכור, וועלכער האָט אונדז געגעבן געוויסע פאַרלייכטערונגען.

איינמאָל איז דער לאַגער־פירער געוואָרן אַרויסגערופן אין הויפּט־פּונקט פון דער געסטאַפּאָ אין קלאָבאָצק. דאָרט האָט ער באַקומען געוויסע אינסטרוק־ציעס וועגן אונדזער גורל און ווען ער איז צוריקגעקומען, האָט ער געזאָגט ישראלן אַז עפּעס דאַרף פאַרקומען, וואָס און ווען האָט ער נישט געזאָגט. ער האָט געראָטן אַז מיר זאָלן באַהאַלטן אַלע זאַכן וואָס מיר פאַרמאָגן.

די זעלבע נאַכט האָבן מיר געהערט געשרייען פון די געסטאַפּאָווצעס וועלכע האָבן אַרומגערינגלט אונדזער לאַגער.

פאַרטאָגס זענען מיר געוואָרן אַרויסגעיאָגט פון לאַגער און ביי דער באַגלייט פון קלעפּ און זידלערייען, זענען מיר געוואָרן איבערגעפירט אין דער פּאָליציי אין קלאָבאָצק.

אויסנוצנדיק אַ געלעגנהייט, אַנטלויפן פון דאָרט עטלעכע און צווישן זיי מיין קוזינקע פייגל און ישראלס שוואָגער נטע. ליידער האָט נטע נישט געקאָנט קלאָבאָצק און איז אַריין אין די פעלדער און דאָרט געוואָרן דערשאָסן. די איבעריקע זענען געוואָרן צוריקגעבראַכט. אויפדערנאַכט ווערן מיר געפירט, אונטער אַ שטרענגער וואַך, צו דער באַן. איך מיט לייבלן זענען געווען זיכער אַז דאָס איז אונדזער לעצטער וועג, קיין אַוישוויץ. אַלע ווערטפולע זאַכן

וואַרפן מיר אַוועק אויפן וועג. נאָכוואָס טויגן שוין אזעלכע זאַכן איז באַרימטן טויטן־לאַגער אוישוויץ ?

זעט אויס אַז דער גורל האָט אנדערש געוואָלט,
מיר קומען אָן, נאָך אַ לאַנג פאָרן, קיין בלעכהאַמער.

* * *

אין קאָנצענטראַציע־לאַגער בלעכהאַמער האָבן מיר דאָס ערשטע מאָל דערזען די גרוילן און קאַשמאַרן וועלכע האָבן באַגלייט די אַרעסטירטע אויף טריט און שריט. די לאַגערניקעס, אויסגעהונגערטע און אויסגעפּייניקטע פון שווערער האַרעוואַניע און מערדערישע קלעפּ, זענען געווען ענלעך צו שקאַלעטן. מיר די פריש־אָנגעקומענע האָבן נישט געפילט דעם מוראַדיקן הונגער ווי די אַלטע לאַגערניקעס. צו וועט אויך אונדזער גורל זיין דערזעלבער ? צו זענען מיר אויך פאַרמשפט צו אַזאַ יסורימדיקן אומקום ?

נאָך דריי טעג זענען געוואָרן אויסגעקליבן 150 געזונטע מענער און בתוכם איך, מיין ברודער לייבל, ישראל, מיינע צוויי קוזינס און לוזער גרינבערג און מען האָט אונדז אַוועקגעפירט אין קאָנצ. לאַגער קלעטענדאָרף ביי ברעסלאו. אונדזער גרופּע איז געוואָרן צוגעטיילט צו שווערע אַרבעט ביים לאָדענען צעמענט און שטיינער. עסן איז געווען ווייניק. די אַרבעטן זענען געוואָרן געטון אויך זונטיק. אויף „שוואַרץ" איז דער פּרייז פון אַ ברייטל געווען 50 מאַרק און מיין גאַנץ פאַרמעגן איז באַשטאַנען פון 180 מאַרק. חוץ פון נישט דערעסן, האָבן מיר באַקומען קלעפּ פאַר יעדער קלייניקייט. נאָכן באַטראַכטן די טרויעריקע לאַגע, באַשליסן מיר עפּעס צו טון אויף אַרויסצוקריגן זיך, עווענטועל אנטלויפן.

איינמאָל, צוריקקומענדיק פון דער אַרבעט, זענען מיר געוווּיר געוואָרן אַז מען דאַרפט מענטשן צו בוי־אַרבעט אין ברעסלאו. מיר האָבן זיך פאַרשטענדיקט מיטן קאַפּאָ וועלכן מיר האָבן אוועקגעגעבן אונדזער גאַנץ פאַרמעגן (ישראל האָט נאָך געהאַט אַביסל „הארטע" און „חזירימלעך" — דאָלאַרן און גאָלד־רובלס) און ער האָט אונדז איבערגעפירט צו דער צווייטער אַרבעט. ביי אונדז איז געווען דער אויסרעכענונג אַז פון דאָרט וועט זיין אפשר אַ מעגלעכקייט צו אַנטלויפן.

ביי דער נייער אַרבעט האָבן מיר זיך באַקענט מיט קריסטן ביי וועלכע מיר האָבן גענומען גענויע אינפאָרמאַציעס ווי צוצוקומען צו דער באַן־סטאַציע.

נאָך אַ באַראַטונג האָבן מיר באַשלאָסן אַז די ערשטע אַנטלויפן איך מיט מיין קוזין לייב און אויב מיר וועלן מצליח זיין, וועלן די איבעריקע נאָכקומען.

איך האָב זיך הארציק געזעגנט מיט מיין ברודער לייבל און מיט אַלע אַנדערע און ווען אַלע זענען געגאַנגען עסן מיטאָג, האָב איך אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די ארבעטס־בגדים און אָנגעטון אַן אַנצוג וואָס כ׳האָב געהאַט נאָך פון דערהיים און ארויס אין גאַס.

צום אָפּפאָר פון דער באַן האָבן מיר נאָך געהאַט עטלעכע שעה ווייל דער צוג האָט באַדאַרפט אָפּגיין ערשט 7 אַזייגער, דעריבער האָבן מיר אביסל ארומשפּאַצירט, אפילו געגאַנגען אין אַ פריזערײ זיך ראַזירן. קיין אכט האָט מען אויף אונדז נישט געלייגט.

מיר האָבן דאָרט אויך באַמערקט אַ גרופּע יידן מיט געלע מגן־דודס, נאָר צוליב זיכערקייט, האָבן מיר זיי אויסגעמיטן.

נאָך עטלעכע שעה פון טויט־שרעק, אַזוי אין שטאָט ווי אויך ביים נעמען די בילעטן, זענען מיר אריין אין באַן. אויף די סטאַציעס האָבן פאַרשטייער פון רויטן־קרייץ געטיילט טיי און קאַווע און מיר האָבן זיך אַביסל דערקוויקט. מיר זענען געפאָרן ביז 12 ביינאַכט און צוליב דער פינצטערניש זענען מיר נישט אָפּגעשטיגן אויף דער ריכטיקער סטאַציע פון וואַנען מיר האָבן געדאַרפט זיך איבערזעצן אויף אַ צווייטן צוג, נאָר געפאָרן אַ סטאַציע ווייטער. אַראָפּ־גייענדיק האָבן מיר באַמערקט אַ באַן־אָנגעשטעלטן מיט אַ פענדל אין האַנט און מיר האָבן אים דערציילט אַז מיר זענען בטעות געפאָרן ווייטער און אַז מיר דארפן פאָרן אויף די הערביס, האָט ער אונדז אינפאָרמירט אַז טאַקע פון דאַנען גייט אָפּ אַ צוג, 3.30 פאַרטאָגס אויף הערביס און אונדז געוויזן דעם וואַרטע־זאַל ווי מיר קאָנען איבערוואַרטן און זיך אויסרוען. יעדע מינוט איז פאַר אונדז געווען ווי אַן אייביקייט ווייל מיר זענען געווען פולשטענדיק אָן דאָקומענטן און עס איז געווען אַ געפאַר מען זאָל אונדז נישט לעגיטימירן.

דריי אַזייגער זענען מיר אריין אין באַן, דערנאָך נאָכאַמאָל זיך איבערגעזעצט אין אַ צוג וואָס גייט פון קאַטאָוויץ ביז קאַרשניץ, נעבן זדונסקע־וואָליע. ביז קאַרשניץ האָבן מיר מורא געהאַט צו פאָרן ווייל עס איז שוין נאָענט צו אונדזער געגנט און מ׳קאָן אונדז דערקענען, דעריבער זענען מיר אויסגעשטיגן אויף אַ סטאַציע נישט ווייט פון קלאָבאַצק און פון דאָרט האָבן מיר געהאַט נאָך 30 קילאָמעטער צו דער קאָלאָניע כאַזשאָוו, וויעלונער פּאָוויאַט, צום באַקאַנטן פויער וולאַדיסלאַוו באַרעק.

די געגנט איז מיר געווען גוט באַקאַנט פון דער צייט ווען כ'האָב געשמוגלט קיין קלאַבאַצק און אין אַ פּאָר שעה זענען מיר אָנגעקומען אויפן דערמאַנטן אדרעס.

צו אונדזער פרייד האָבן מיר שוין דאָרט געטראָפן שלמה זלמן גערשאָנאָ־וויטש און ביי אַ צווייטן פויער, פּיעטריק ווישניעווסקי, וועלכער האָט געוווינט אין א שכנותדיק דאָרף, האָט זיך געפונען מיין קוזינקע פייגל און נאָך צוויי מענטשן, אַ ברודער מיט אַ שוועסטער מיטן נאָמען פלאַקאָוויטש (היינט אין אויסטראַליע). וועלכע זענען פריער געווען אין זעלעווער געטאָ.

אזוי האָט אונדז דער גורל צוריקגעבראַכט צו אונדזער ביי־באַהעלטעניש — אויפן בוידעם ביי ווישניעווסקין.

* * *

נאָך עטלעכע וואָכן האָט אונדז געטראָפן אַ פּריש אומגליק. דער פויער איז געוואָרן אַרעסטירט פאַר שמוגלען און זיין פרוי האָט אונדז געזאָגט אַז מיר מוזן זוכן אַ צווייט אָרט. איר פּחד איז געווען באַגרינדעט ווייל אין יענע צייטן אויב מען האָט ביי עמעצן געכאַפּט באַהאַלטענע יידן, זענען אויך די פּאָלאַקן געוואָרן דערשאָסן. איך באַשליס צו גיין צו מיינע באַקאַנטע דייטשן וועלכע האָבן אין דער צייט געדינט אין דער זעלעווער פּאָליציי און איך בין אָנגעקומען קיין וואָלאַ־פּאַזשינסקאַ, הינטער זעלעוו, צו מיין באַקאַנטן ניקעל בינדערמאַן. בכדי אויסצומיידן די פּוילישע משרתים, בין איך אַריין אין שטאַל. דאָרט האָב איך געטראָפן ניקעלס פרוי און כ'האָב איר דערציילט די ביטערע לאַגע און וועלכע געפאַר עס דראָט אונדז. זי האָט מיר געגעבן אַ פּעקל עסנוואַרג, ברויט, פּוטער, שמאַלץ און אַביסל געלט און מיט דעם בין איך צוריקגעקומען צו אונדזער באַהעלטעניש. דער קריסטין האָבן מיר געבעטן אַז זי זאָל אַביסל צוואַרטן ווייל מיר שאַפן זיך איין פּוילישע דאָקומענטן און דאַן וועלן מיר זאָפאָרט פאַרלאָזן דעם אָרט.

נאָך אַ קורצער צייט האָט דער פויער באַרעק אונדז באַזאָרגט מיט פאַלשע דאָקומענטן. די ערשטע האָבן באַקומען לייב און שלמה זלמן גערשענאָוויטש וועלכע האָבן זיך אַוועקגעלאָזט אין וועג. אויף דער באַן האָבן זיי זיך באַקענט מיט אייניקע קריסטן וועלכע האָבן דערציילט אַז זיי אַרבעטן אין א גרויסע בוי־אונטערנעמונג אין נאָמיסלאָוו און אז זיי קאָנען אויך זיי רעקאָמענדירן צו דער אַרבעט.

מאַנטיק זענען זיי מיטגעגאנגען מיט די קריסטן אין קאַנטאַר און געוואָרן אָנגענומען צו דער ארבעט.

נאָך צוויי וואָכן איז לייב צו אונדז געקומען מיט אָן אורלויב־שיין און געני אינפאָרמירט ווי מ׳דארף פאָרן און זיך ווענדן. אין מיין דאָקומענט איז געוואָרן פאַרשריבן אַז איך בין אַ קצב און פייגל איז אַ שניידערין.

נאָך אַ קורצער צייט זענען מיר אויך אוועק און בשלום אָנגעקומען. אָבער צוליב דעם וואָס ביי מיר איז געווען פאַרשריבן אַז כ׳בין אַ פאַכמאַן, בין איך דאָרט נישט געוואָרן אָנגענומען און דורכן ארבעטס־אמט האָב איך באַקומען אַרבעט ביי אַ קצב און פייגל האָט אָנגעהויבן ארבעטן אין א מיליטערישער פאבריק.

ביים קצב האָבן געאַרבעט דריי מענער און דריי פרויען, קריסטן איך האָב באַקומען עסן און אַ געלעגער.

אזוי האָב איך אָפּגעאַרבעט עטלעכע וואָכן ביז ס׳איז אונטערגעקומען אַ פרישע צרה.

דער פאַר־ארבעטער וועלכער איז פאקטיש געווען מיין באַלעבאָס, איז געווען אַ פאָלקס־דייטש פון קעמפּנאָ, אַ גרויסער אנטיסעמיט און ער האָט געוואָרפן אויף מיר אַ פאַרדאַכט אַז כ׳בין אַ ייד. איינמאָל האָט ער מיר געזאָגט, אויב דו ביסט אַ פּאָלאַק, זאָג מיר די צען געבאָט. איך האָב אים געענטפערט אַז ער איז נישט מיין גלח פאַר וועמען כ׳דאַרף זיך מתוודה זיין. דערהערנדיק מיין ענטפער, האָט ער מיר אַראָפּגעלאָזט אַ פייערדיקן פּאַטש און מיך געוואָרנט אַז כ׳זאָל פאַרלאָזן דעם אָרט, אויב נישט וועט ער מעלדן אינדערפרי דער פּאָליציי. לאַנג טראַכטן איז נישט געווען קיין צייט, כ׳האָב געפילט אַז די סכנה איז גרויס און איך מוז וואָס שנעלער אַנטלויפן.

די זעלבע נאַכט, האָב איך צוזאַמענגענומען מיין ביסל זאַכן, אריבער־געשפּרונגען דעם פּלויט (דאָס טויער איז געווען פאַרמאַכט), און אין דער נאַכט־פינצטערניש אָנגעהויבן זוכן דעם אָרט ווו לייב אַרבעט. ווען כ׳בין אָנגעקומען אין לאַגער, נישט וויסנדיק ווו לייב שלאָפט, האָב איך עטלעכע מאָל גערופן זיין נאָמען (ער האָט געהייסן לויט די פאַלשע דאָקומענטן, באָלעס־לאַוו פּאָלינטאַרסקי). צי מיין מזל האָט לייב מיך דערהערט און ער האָט מיך אַריינגענומען אין זיין צימער ווו ער איז געווען מיט נאָך 5 קריסטן.

לייבן האָב איך פאַרציילט די גאַנצע געשיכטע און מיר זענען געקומען צום אויספיר אַז לייב זאָל פאָרן צום באַקאַנטן קריסט און מיר איינשאַפן פרישע

דאָקומענטן. די צייט איז געווען פאַר ניי־יאַר און ס׳איז געווען לייכט צו באַקומען אַן אורלויב־שיין. דורך די צייט פון לייבס אָפּוועזנהייט, בין איך געווען אין זיין צימער.

נאָך אַ קורצער צייט איז לייב צוריקגעקומען מיט פרישע דאָקומענטן. פון איצט בין איך אַ נייער גלגול. איך הייס שוין נישט טשעסלאוו קוויאַטקאָווסקי, ווי אין די פריערדיקע דאָקומענטן, נאָר מיין נאָמען איז איצט טשעסלאוו קראַיעווסקי.

* * *

זעט אויס אַז ס׳איז נישט באַשערט געווען רואיק אַדורכצוקומען דער ביטערער צייט. ווי כ׳האָב זיך נאָר נישט געהיטן פאַרן פאָלקס־דייטש און די אַנדערע ארבעטער מיט וועלכע כ׳האָב פריער געאַרבעט, זענען זיי געקומען אויף מיינע שפורן.

איינמאָל, אין אַן אינדערפרי, ווען איך מיט לייבן האָבן זיך געגרייט צו דער ארבעט (כ׳האָב שוין דאָרט געאַרבעט עטלעכע מאָנאַטן), זענען אריינגע־קומען צוויי געסטאַפּאָ־לייט מיט אַ שייגעץ און געפרעגט זיך אויף אונדז. זעענדיק אַז דער מצב איז נישט פויגלדיק, באַשליסט לייב צו אַנטלויפן, אויב דאָס וועט זיין מעגלעך. אזא געלעגנהייט האָט זיך געשאַפן ווען די געסטאַפּאָ־לייט זענען געווען מיט עפּעס פארנומען און דאַן איז לייב נעלם געוואָרן. איך ווער אַרעסטירט מיט מיינעם א קריסטלעכן חבר, זיגמונט מאַטשעווסקי, מיט וועלכן כ׳בין געווען גוט באפריינדעט און מיר ווערן אָפּגעפירט אין דער פּאָליציי, דאָרט דערקלערן די געסטאַפּאָווצעס אַז נאָר איינער, דער אמתער ייד, איז אַנטלאָפן.

נאָכן רעגיסטרירן, ווערן מיר אריינגעפירט אין פּאָליציי־טורמע ווו עס זענען שוין געווען צונויפגעזאַמלט בערך הונדערט מאַן און נאָך אַן אויספאָרשונג, פארבלייבן אין ארעסט 22 מענטשן און די איבעריקע ווערן באפרייט. ווי ס׳האָט זיך ארויסגעוויזן, איז דאָס געווען אַ מסירה מצד א פּאָלאַק.

נאָך אַ קורצער צייט ווערן מיר איבערגעפירט קיין ברעסלאו.

דאָס איז געווען דאָנערשטיק דעם 21־טן דעצעמבער 1943.

די ערשטע טעג, ביז נאָך ניי־יאַר, האָט מען זיך צו אונדז נישט געטשעפּעט, נאָך ניי־יאַר זענען מיר געוואָרן איבערגעפירט אין פּרעזידיום פון דער געסטאַפּאָ. דאָס ערשטע איז געווען דער באַזוך אין באָד. דערנאָך זענען מיר אַדורכגע־

גאנגען א מעדיצינישע־אונטערזוכונג. דאָ האָב איך גוט געציטערט אז דער דאָקטאָר זאָל נישט אויפדעקן דעם סוד. אָבער אַלעס איז אדורך בשלום. מיר זענען געוואָרן צעטיילט און איך האָב זיך געפונען אין א קאַמער מיט אַרעסטירטע דייטשן, פּאָלאַקן און אוקראַינער. עסן האָבן מיר באַקומען בלויז א שטיקל ברויט און אַ וואַסערדיקער זופּ און דאָס אויך אַן לעפל.

נאָך עטלעכע טעג האָב איך באַמערקט אַז די אַרעסטירטע דייטשן ווערן אַרויסגערופן און קערן זיך נישט צוריק.

צומאָרגנס האָבן זיי צונויפגענומען אַלע פאַרבליבענע אַרעסטאַנטן, אַרויסגעגעבן פון מאַגאַזין די זאַכן און גענומען זיך אין ווייטערדיקן וועג.

טייל זענען געוואָרן צוגעטיילט קיין גראָסראָזען און אַ טייל קיין טשעכיען און אין אַנדערע פּלעצער.

אונדזער טראַנספּאָרט וועלכער האָט געציילט 105 מאַן איז געוואָרן אַוועקגעפירט קיין שווײדניץ און מיר זענען געווען אַרעסטירט 6 וואָכן אין דער אָרטיקער תפיסה ביי אוממענטשלעכע באַדינגונגען. פאַר 6 מאַן איז געווען איין בעט. די איבעריקע זענען געשלאָפן אויף דער האַרטער צעמענטענער פּאָדלאָגע.

איינמאָל, אין אַ זונטיק פאַרמיטאָג, איז שווײדניץ געוואָרן שטאַרק באָמבאַרדירט, דאָס איז געווען פאַר אונדז אַ פּונק פון האָפנונג, אפשר וועט שוין קומען א סוף צו אונדזערע פּיינען און אפשר וועלן מיר דערלעבן דער באַפרייונג ? אויך די דייטשן האָבן פאַרשטאַנען אַז זייער סוף איז נאָענט, אַז עס דערנענטערט זיך דער טאָג ווען זיי וועלן באַצאָלן פאַר אלע אדורכגעפירטע מאָרדן.

דערווייל ווערן מיר געיאָגט ווייטער, פון שווײדניץ ווערן מיר געפירט קיין וואַלדענבאַרג (היינט טאָוולבזשיק) אין דער שטאָטישער טורמע.

לויט אַ באַפעל פון דער געסטאַפּאָ, ווערן מיר אויסגעטיילט 50 מאַן וועלכע געפונען זיך אין אויספאָרשונג און ווערן איבערגעשיקט אין הויפּט־פונקט. פון אַן אונטערגעהערט געשפּרעך, האָב איך זיך דערוווסט אז זיי האָבן נישט וועגן אונדז קיין שום דאָקומענט. איך האָב דאָס באַלד מיטגעטיילט די אַנדערע אַרעסטירטע וועלכע האָבן דאָס אויסגענוצט בעת דער אויספאָרשונג. יעדער האָט זיך אויסגעזוכט אַ לייכטן חטא. איינער האָט געזאָגט אַז ער איז אַרעסטירט פאַרן שפּילן אין קאָרטן, אַ צווייטער פאַר שמוגלען קלייניקייטן א. א. וו. און זיי זענען באַפרייט געוואָרן.

אַ קליינע גרופּע, אויך איך בתוכם, זענען געבליבן אין ארעסט, ווייל איינער האָט געזאָגט אַז מיר זיצן פאַר פּאָליטיק.

אין אַ פרימאָרגן איז אריינגעקומען דער וואכמאַן און מיר געהייסן נעמען די זאכן און מיט אים מיטגיין. אינדרויסן האָב איך געזען עטלעכע פון מיינע באַקאַנטע קריסטן ווי אויך צוויי פּראָנצויזן. איך האָב זיך זייער באַאומרויקט. כ׳בין געווען זיכער אַז זיי וועלן אונדז, ערגעץ־ווו אויסענדיקן. אָבער אויך איצט האָט מיר אָפּגעגליקט. זיי האָבן אונדז געפירט אין אַ פאַבריק וואָס איז געווען אַן אָרט פאַר עוואקואירטע און היימלאָזע. מיר זענען געוואָרן באַפרייט.

דורכן ארבעטס־אַמט, האָב איך אָנגעהויבן ארבעטן ביי אַ קצב אין שעכט־הויז. דאָרט האָבן מיר באַקומען גוט צו עסן אַז איך האָב זיך אַזש איבערגעגעסן.

צומאָרגנס, דאָס איז געווען אַ זונטיק, זענען אַלע באַקאַנטע געגאַנגען אין שטאָט אריין און אַזוי ווי איך האָב זיך שלעכט געפילט בין איך געבליבן ליגן אויף דער פּאָדלאָגע. אינדעם קומט אריין דער לאַגער־פירער און נעמט צונויף אַלע פאַרבליבענע און פירט אונדז אַוועק אויף אַן ארבעט. לויט זיינע רייד, ווערן מיר געפירט אין אַ קוילן־גרובן. אויסנוצנדיק אַ געלעגנהייט וואָס איך האָב זיך געפונען אין דער לעצטער ריי, האָב איך זיך ארויפגעכאַפּט אויף אַ טראַמוויי און צוריק אין לאַגער, אין דער פאַבריק. די באַקאַנטע קריסטן האָבן מיר געגעבן אַנדערע קליידונג בכדי מ׳זאָל מיך נישט דערקענען און איך בין מיט זיי אַוועק צו דער ארבעט.

איינמאָל, גייענדיק פון דער ארבעט, האָב איך דערזען יידישע קאַצעטלער. ס׳האָט מיר ווי געטון ביים האַרצן דערזעענדיק זיי, כ׳בין נאָך מער געוואָרן געריירט ווען כ׳האָב דערהערט ווי ס׳רופט מיך עמעץ פון דער גרופּע ביי מיין נאָמען. כ׳האָב געמוזט זיך מאַכן נישט זעענדיק און נישט הערנדיק, ווייל העלפן האָב איך נישט געקאָנט און וואָלט נאָר זיך ערגער געמאכט. דער וואָס האָט מיך גערופן איז געווען אַ זעלעווער, אלחנן מאַשקאָוויטש, ווען איך בין אנטלאָפן פון לאַגער אין קלעטענדאָרף, איז ער דאָרט פאַרבליבן.

צוליב דער אָפענסיווע פון דער רוסישער ארמיי, האָט דער באַלעבאָס געזאָגט אַז ער האָט נישט קיין ארבעט פאַר אלע און אַזוי ווי איך בין געקומען דער לעצטער, בין איך געווען געצווינגען צו פאַרלאָזן.

צווישן די מענטשן וואָס האָבן מיך געקאָנט פון דער אַרבעט אין שעכט־הויז, איז אויך געווען אַ מיידל פון לודוויגסדאָרף. זי האָט מיר געראָטן אַז

כ׳זאָל מיטפאָרן מיט איר צו אירע עלטערן אין דאָרף אריין און דאָרט וועל איך קאָנען ארבעטן ביי זיי, כ׳האָב נישט געהאט וואָס צו פארלירן און מיר זענען אהין געפאָרן.

דאָרט, ביי אירע עלטערן, אָן עלטער פאָרפאָלק, האָב איך זיך געפילט פולשטענדיק פריי אָן פחד אַז עמעץ קאָן מיך דערקענען.

דערווייל דערנענטערט זיך די רוסישע ארמיי פון דער אומאויפהערלעכער קאנאָנאַדע בייטאָג און ביינאַכט, איז קלאָר אז די ארמיי געפינט זיך נישט ווייט פון דאָרף.

מאָנטיק פאַרטאָגס דעם 7־טן מאי 1945, האָט די באַפעלקערונג ארויס־געהאָנגען ווייסע פענער און צומאָרגנס דעם 8־טן מאי, האָט די ארמיי אריינ־מארשירט אין דאָרף.

8־טער מאי 1945.

ביז מיין לעצטן אָטעם־צוג וועל איך נישט פאָרגעסן די דאַטע. כ׳וועל נישט פאָרגעסן דעם טאָג ווען כ׳האָב זיך ענדלעך געפילט פריי נאָך יאָרן פון פחד און פלאָגענישן. עס לאָזט זיך נישט גלויבן, עס דוכט זיך אַז עס איז בלויז אַ חלום נאָך אזויפיל איבערגעלעבטע קאָשמאָרן און אומאויפהערלעכע טויט־שרעקן. אָבער צוזאמען מיט דער פרייד באַגלייט מיך אַן אינסטינקטיווע שרעק פאַרן גורל פון מיין פאַמיליע, פון מיינע באַקאַנטע, פון אונדזער באַליבט שטעטל זעלעוו. ווער איז געבליבן? צו לעבט נאָך עמעצער?

מיט אזעלכע ציטערדיקע מחשבות באַשליס איך וואָס שנעלער צוריק־צופאָרן אין שטעטל אריין.

* * *

מיינע באַלעבאַטים האָבן מיין באַשלוס אויפגענומען נישט מיט קיין פרייד זיי האָבן מיר אלץ צוגעזאָגט, אפילו זייער טאָכטער פאר אַ ווייב און דאָס גאנצע פארמעגן, אבי כ׳זאָל פארבלייבן ביי זיי. בכדי זיי צו באַרויקן, האָב איך צוגעזאָגט אַז כ׳וועל זיך אומקערן. נעמענדיק פראָוויאנט אויפן וועג לאָז איך זיך אויפן וועג צוריק אין דער אלטער היים.

צוקומענדיק אין דער געגנט נישט ווייט פון לאָסק, האָב איך געטראָפן באַקאַנטע קריסטן מיט וועלכע כ׳האָב פריער געהאנדלט, אָבער זיי האָבן מיך נישט דערקאַנט. עטלעכע קילאָמעטער הינטער לאָסק, האָבן מיר איבערגע־נעכטיקט ביי אַ פויער און אינדערפרי האָב איך זיך געזעגנט מיט מיינע מיטגייער און אריין קיין זעלעוו.

דער ערשטער באַזוך מיינער איז געווען ביי די מאַטיסן אויף זשעראָמסקע גאַס. זי האָט מיר דערציילט ווער ס'איז צוריקגעקומען און אַז אויך מיין קוזינקע פייגל און דער קוזין לייב געפונען זיך שוין אין שטעטל.

עס איז שווער צו שילדערן אונדזער באַגעגעניש. קיינער פון אונדז האָט נישט געגלויבט אַז מיר וועלן זיך נאָך אומקערן. מיר האָבן זיך אָנגעקוקט ווי מ'וואָלט אויפגעשטאַנען תחיית־המתים.

כ'האָב אָנגעהויבן צו האַנדלען און ס'איז מיר נישט שלעכט געגאַנגען, אָבער אויף יעדן טריט און שריט האָט אונדז באַגלייט צער און טרויער. ווען כ'האָב געקוקט אויף דאָ הויז ווי ס'האָט געוווינט אַ ברודער, אַ שוועסטער, אַ נאָענטער, האָט געקלעמטביים האַרצן, כ'האָב זיך אויפגעהאַלטן אין שטעטל ווייל כ'האָב געטראַכט אפשר וועט נאָך עמעץ קומען, אפשר האָט זיך ווער אָפּגעראַטעוועט.

נאָך אַ קורצער צייט קומט אָן ישראל און ער דערציילט מיר די טרויעריקע ידיעה אַז מיין ברודער לייבל איז אָפּגעשטאָרבן אין די לאַגערן, אַזוי אַז פון מיין גאַנצער פאַמיליע, בין איך געבליבן איינער אַליין.

עטלעכע מאָנאַטן נאָכן טרויעריק־באַרימטן קעלצער פּאָגראָם, זענען מיר אַוועק קיין דייטשלאַנד. איך בין געווען ביי מרדכי שאַטקאָווסקי אין טראָנשטיין, בייערן, און אים געהאָלפן ביים האַנדלען. אין דערזעלבער צייט איז צו מיר געקומען שמואל פּאָסאַלסקי פון סטערצעוו און מיר גערעדט אַ שידוך מיט אַ מיידל פון אונגאַרן און מיר האָבן חתונה געהאַט.

עטלעכע מאָנאַטן נאָך דער חתונה זענען מיר, איך מיט מיין פרוי, לייב מיט זיין פרוי, ישראל מיט דער פרוי און מיין קוזין גדליה צוריקגעפאָרן קיין זעלעוו ווי מיר זענען געווען ביזן יאָר 1950, דערנאָך באַשליס איך צופאָרן מיט מיין פאַמיליע (מיין פרוי האָט אין יאָר 1949 געבוירן אַ קינד), קיין ישראל.

אין ישראל בין איך געווען נישט שלעכט איינגעאָרדנט און געוווינט אין בני־ברק אָבער דאָן איז אָנגעקומען די קוואָטע פון אַמעריקע (ווען כ'בין נאָך אָנגעקומען קיין ישראל, האָב איך זיך רעגיסטרירט צו עמיגרירן קיין אַמעריקע) און מיר זענען אַוועקגעפאָרן.

היינט צו טאָג, כאָטש איך האָב אַ טייערע און איבערגעגעבענע פרוי מיט צוויי געראָטענע קינדער, פיל איך אַ בענקעניש צו ישראל, ווייל נאָך די אַלע אַדורכגעגאַנגענע איבערלעבענישן בין איך איבערצייגט אַז ישראל און נאָר ישראל איז דאָס אָרט פאַר אַ פרייַ יידיש לעבן.

גדליה ווייץ רחובות

עפיזאדן פון דער היטלער תקופה

פון די פויזנער לאַגערן ביז טערעזינשטאַט

ביזן יאָר 1939 האָט מיין פאַמיליע, ווי א סך אנדערע גוט־סיטואירטע יידישע משפחות, געלעבט אַ רואיק לעבן. מיין פאָטער משה אברהם, אַן אָפּשטאַמיקער פון לאַסק, איז געווען פון דור־דורות א תבואה־סוחר און צוגעשטעלט מעל פאר אלע זעלעוור בעקערייען.

אויך מיין זיידע נחמן איז געווען באַוווסט אין דער סביבה אַלס אַ גרויסער תבואה־אָפּנעמער (די פויערים האָבן אים גערופן לאַכמען אנשטאָט נחמן און פון דאָנען דער צונאָמען וואָס איז איבערגעגאנגען פון דור צו דור).

די משפחה איז באַשטאַנען פון דער מוטער מאַשע קוויאַטקאָווסקי (געשטאָרבן אין יאָר 1929), דריי ברידער און אַ שוועסטער. נאָך דער הייראַט פון עלטסטן ברודער, האָבן מיר, איך און מיין ברודער חיים צוגעהאָלפןביים פאָטער אין געשעפט.

ווי שוין דערמאָנט, האָט זיך געפירט אַ בכבודיק און רואיק לעבן. אונדזער שטוב איז געווען באַוווסט פאַר מענטשן וועלכע האָבן זיך גענויטיקט אין אַ גמילת־חסד אָדער אַן אנדערע טובה אַז ביי אונדז וועלן זיי באַקומען די נויטיקע הילף.

אזוי איז עס געווען ביז סעפּטעמבער 1939, ביז דאָס דייטשע מיליטער האָט פארנומען זעלעוו און מיט זיך מיטגעבראַכט א נייע אָרדנונג, אַן אַרישע אָרדנונג פון יידן־האַס און בלוט־גייציקייט. אַן אָרדנונג וואָס האָט אונדז פאַר־משפּט צום אונטערגאנג.

דער עלטסטער ברודער הערשל וועלכער איז געוואָרן מאָביליזירט דורך די פּאָלאַקן קורץ פאַרן אויסברוך פונעם קריג, איז א חודש נאָך דער קאַפּיטו־לאַציע צוריקגעקומען צו זיין פרוי און צוויי קינדער (ער איז דערנאָך אומגע־

קומען אין די לאגערן או זדי פרוי מיט די קינדער זענען אומגעבראכט געוואָרן אין כעלמנאָ).

די ערשטע צייט האָט מען געכאפט יידן צו דער ארבעט ביים אַפּריינ̈יקן שניי און אנדערע ארבעטן אין כאַטש די ארבעט איז געווען א שווערע און אַגאַנצן טאָג זענען מיר געווען כמעט אָן עסן, איז עס נאָך געווען צו דערליידן, ווייל אויפדערנאכט האָבן מיר כאָטש געהאט ווו דעם קאָפּ אָוועקצולייגן און אביסל זיך צו דערוואַרעמען. ערגער איז געוואָרן אין דער שפּעטערדיקער צייט ווען מ'האָט אָנגעהויבן כאַפּן יידן און אוועקצושיקן אין די לאַגערן.

אין יאָר 1941 זענען אַ סך יידישע יונגעלייט ארויסגענומען געוואָרן פון די בעטן. איך און מיין ברודער היים האָבן פּאַרגעפילט אַזאַ אַקציע און מיר האָבן זיך באַהאַלטן און אזוי ווי זיי האָבן אונדז נישט געטראָפן האָבן זיי צוגענומען דעם פאַטער (איינמאָל איז ער שוין געוואָרן צוגענומען און באפרייט געוואָרן צוליב זיין עלטער).

לויט ווי מ'האָט אונדז אינפאָרמירט, זענען די פאַרהאַלטענע 200 יידן, געוואָרן געשיקט אויף אַ קאָמיסיע קיין שעראַדז.

איך בין געווען זיכער אַז אויך איצט וועט דער פאָטער אַלס עלטערער מענטש באַפרייט ווערן.

זאַרנאַכט ווען די אויטאָס זענען צוריקגעקומען ליידיק און דער פאָטער האָט זיך נישט אומגעקערט, בין איך זאָפאָרט געגאַנגען אין יידישן־קאָמיטעט און מיך געמאָלדן אַז איך וויל זיין אויפן פאָטערס אָרט.

דער קאָמיטעט האָט לידער גאַרנישט געקאָנט העלפן און זיי האָבן געראָטן אהינצופאָרן קיין שעראדז ווו עס געפונען זיך די אַרעסטירטע. פאַר אַ לייטישע סומע האָט אַ דייטש וועלכער האָט געהאַט אַ לאַסט־־אויטאָ, מיך אַריבערגעפירט קיין שעראדז (צו דער צייט איז שוין געווען פאַר יידן פאַרבאָטן צו פאָרן).

אין שערעדזער געטאָ האָב איך זיך געוואָנדן צום יידישן־קאָמיטעט און אויך בייגעלייגט אַ פאַר טויזנט מאַרק און זיי האָבן מסכים געווען אַז איך זאָל פאָרן אנשטאָט מיין פאָטערס.

צומאַרגנס 8 אזייגער אינדערפרי, ווען אַ פאַרשטייער פון ארבעטס־אמט האָט אויסגערופן מיין פאָטערס נאָמען. האָב איך זיך צוגעשטעלט. אזוי בין איך צוזאמען מיט די אַנדערע 200 מאַן געוואָרן אָוועקגעפירט אין די פויזנער לאַגערן.

ביי די שרעקלעכע און מוראדיקע באַדינגונגען אין די לאַגערן ווו מיר

האָבן געאַרבעט אַ שווערע קאַטאָרזשנע אַרבעט פון פאַרטאָגס ביז שפּעט אין דער נאַכט ביי אַ פּולקאָמער אונטערדערנערונג (אַ וואַסערדיקע זופּ און 250 גראַם ברויט אין מעתלעת), ביי אַ ברוטאַלער און אכזריותדיקער באַציונג מצד די אויפזעער האָב איך זיך נישט איינמאָל געטרייסט וואָס דער פאָטער געפונט זיך אינדערהיים און דאַרף נישט מיטמאַכן די אַלע פּיינען.

די ערשטע מאָנאַטן האָב איך נאָך דערהאַלטן פונדערהיים בריוו און יעדן מאָנאַט אַ קילאָ ברויט, דערנאָך איז יעדער קאָנטאַקט מיט דער פאַמיליע געוואָרן איבערגעריסן.

פון די פּויזנער לאַגערן זענען מיר געוואָרן געשיקט אין פאַרשידענע אנדערע פּלעצער. מיר האָבן אויך דורכגעמאַכט די גרוילן פון באַרימטן טויטן־לאַגער אוישוויץ און נאָכער פון בוכנוואַלד. צו דער אַ צייט זענען פון 300 זעלעווער אין די לאַגערן, געבליבן בערך 10 מאַן.

פאַרן ענדע פון קריג, ווען די דייטשן זענען געלאָפן ווי געסמטע מייז, ווען די אנטיהיטלערישע אַרמייען האָבן אָנגעגריפן דייטשלאַנד פון אַלע זייטן, האָב איך זיך געפונען אין אַ טראַנספּאָרט וואָס האָט אין אָנפאַנג געציילט 1500 מאַן און נאָכער זענען געבליבן אַ העלפט. די איבעריקע זענען אויסגע־שטאָרבן פון הונגער און קעלט. אין לעצטן מאָמענט איז געקומען אַ באַפעל צוזאַמענצונעמען אַלע יידן פון טראַנספּאָרט (עס זענען דאָרט געווען אויך רוסישע קריגס־געפאַנגענע און פּאָלאַקן) און מיר זענען געוואָרן אַוועקגעשיקט קיין טערעזיענשטאַט.

אין טערעזיענשטאַט זענען מיר געוואָרן ארויסגענומען פון די וואַגאָנען ווייל קיינער איז שוין נישט געווען פעאיק זיך צו באַוועגן. אויך די טויטע זענען געוואָרן אַראָפּגענומען און אַוועקגעפירט אויף אַ באַזונדער אָרט, נאָכן אָפּזיין דאָרט אַ נאַכט, האָבן די רוסן מיט שטורעם באַפרייט דעם לאַגער.

לויט די ידיעות וואָס מיר האָבן דערנאָך באַקומען, איז שוין דאָרט געווען צוגעגרייט אַלע גאַז־איינריכטונגען בכדי אונדז צו פאַרניכטן, נאָר אָן עס־עס־מאַן אויף וועמען ס'האָט געציטערט די הויט, האָט דערוועגן געמאָלדן דעם רויטן־קרייץ און דאָס האָט אונדז אָפּגעראַטעוועט.

זעלעוו נאָכן חורבן

נאָך יאָרן פון קאַשמאַר בין איך צוריקגעקומען אין דער חרובער היים. נישטאָ מער אונדזער באַליבט שטעטל. יידיש־זעלעוו איז חרוב ונחרב געוואָרן.

נישט בלויז יידיש לעבן איז געוואָרן פאַרשניטן, אויך אַלע הייליקע ערטער זענען געוואָרן געשענדעט. די וואַנדאַלן האָבן אויך דעם יידישן בית־הקברות נישט געלאָזט צורו או זמיט די אַרויסגעריסענע מצבות אויסגעפלאַסטערט די גאַסן.

נישט קאָנענדיק צוקוקן דעם שרעקלעכן חילול־הקודש, בין איך אריינגע־פאָרן קיין וואַרשע בכדי צו אינטערווענירן ביים רעליגיע־אַמט, פון דאָרט האָב איך באַקומען אַ בריוו צום זעלעווער בירגערמייסטער מיט אַ פאָדערונג אָוועק־צונעמען די מצבות פון די גאַסן. ווען דער בירגערמייסטער האָט אַרויסגעגעבן די געהעריקע פאַראָרדענונג בין איך מיטגעווען ביים איבערפירן די מצבות אויפן בית־עלמין. אויף מיין פאַרלאַנג און מיט עטלעכע פלעשער בראָנפן פאַר די אַרבעטער אַלס צולאַגע, זענען אַלע מצבות געוואָרן איבערגעדרייט מיטן אויסגעקריצטן אינהאַלט פון אויבן. די מצבות זענען געווען כמעט אָן פגם כאָטש זיי זענען עטלעכע יאָר געווען אין דער ערד. צווישן די מצבות האָב איך געפונען די מצבה פון מיין מוטער ע״ה וועלכע איך האָב אָוועקגעשטעלט אויפן אָרט. די איבעריקע זענען געוואָרן אָוועקגעלייגט ביים טהרה־שטיבל.

איינמאָל אי זאַראָפּגעקומען אַ פּאַרטיי־דעלעגאַציע פון לאָדזש מיטן ציל איבערצונעמען דעם בית־המדרש, ווייל דער בנין איז געווען אַ נייער (געוואָרן אויסגעענדיקט אין יאָר 1939). איך האָב זיך ענערגיש אַנטקעגן געשטעלט זייער פּרווו. כ׳האָב זיי אפילו נישט געלאָזט אַנקוקן. דאָס אָרט איז צום דאווענען — האָב איך זיי געזאָגט און אויב איין ייד דאַוונט איז ווי ס׳וואָלט דאָס גאַנצע שטעטל געדאַוונט, די דעלעגאַציע איז אָוועקגעפאָרן מיט גאָרנישט.

ליידער איז זיי אין די שפּעטערדיקע יאָרן יאָ געלונגען צו פאַרוואַנדלען דעם בית־המדרש אין אַ קלוב.

אין יאָר 1952 האָב איך פאַרלאָזן די מיט יידיש בלוט־איינגעזאַפּטע פּוילישע ערד און עולה געווען קיין ישראל.

עדות דערציילן

צבי שיוועק

דעם 15.8.1942 איז געקומען דער דייטש צופוליס און געפאָדערט אַז מען זאָל אים צושטעלן 100 מענער און 40 פרויען. די ארבעטס־קרעפטן זענען אים געווען נויטיק בכדי אַדורכצופירן אַן אָרדנונג אין דער לאָסקער געטאָ וועלכע איז שוין געווען אויסגעזידלט און די ידישע באַפעלקערונג איז שוין געוואָרן פאַרשיקט קיין כעלמנאָ אויף פאַרניכטונג.

ווען מיר זענען אָנגעקומען קיין לאָסק, האָבן מיר געזען דעם גרויסן חורבן פון דער לאָסקער קהילה. ידן האָבן אַלס איבערגעלאָזט אויף הפקר ווערנדיק אַוועקגעפירט צום טויט.

מיט דעם האָבן זיך די רוצחים נישט באַגנוגנט. לויט זייער באַפעל זענען מיר פערצן טעג ארומגעגאַנגען פון שטוב צו שטוב און צונויפגעזאַמלט ווערט־פולע און סתם זאַכן, פאַרפּאַקט אין קאַסטנס און אַוועקגעשיקט קיין דייטשלאַנד.

זייענדיק אין לאָסק ווערן מיר געוויר אַז אונדזער גרופּע ווערט געשיקט אין לאָדזשער געטאָ. מיר דערהערן אויך די טרויעריקע בשורה אַז אונדזער שטעטל זעלעוו איז געוואָרן ידן־ריין.

מרים שיוועק

איך בין געבוירן געוואָרן אין זעלעוו, דערנאָך זענען מיר (איך, מיינע עלטערן און ברודער) אַוועקגעפאָרן קיין קאַליש.

ביים אויסברוך פונעם קריג זענען מיר פון דאָרט אַוועק אין פּראָטעקטאָראַט אַריין.

אין יאָר 1942, אין דער נאַכט פו ןיום־כיפור ווען עס איז פאָרגעקומען די אויסזידלונג, זענען מיר געווען באַהאַלטן אין א סטאַדאָלע. איינזעענדיק אַז דאָס צייטווייליקע באַהעלטעניש וועט אונדז נישט אָפּראַטעווען, באַשליס איך צו פאָרן צו דער רוסישער גרענעץ מיט דער האָפנונג אַזוי ארום זיך

צו ראטעווען. אנקומענדיק מיט דער באן קיין קעלץ, האט מיך די באן־פאליציי ארא‍פגענומען און איבערגעגעבן צו דער געסטאפא. בעת דער אויספארשונג, באגלייט מיט דראאונגען פון א רעוואלווער, האב איך עקשנותדיק געטענהט אז איך בין א פוילישע. זעט אויס אז צוליב מיין אויסזען און דער עיקר צוליב מיין גוטן פוילישן אויסשפראך, בין איך געווארן באפרייט.

אויפן ווייטערדיקן וועג, אין דער ריכטונג פון לעמבערג, האב איך זיך באקאנט מיט א פראפעסאר פון קאנסערוואטאריום און אדאנק אים האב איך באקומען ארבעט, צוערשט אלס בוכהאלטער און דערנאך אלס סעקרעטארקע. פארשטייט זיך אז איך בין אנגעגאנגען אלס קריסטין.

אין דער צייט פון מיין ארבעט אלס סעקרעטארקע, איז מיר געלונגען אוועקצושיקן צו באן־ארבעט אויף דער פארנומענער רוסישער טעריטאריע 25 יידן. דארט האבן זיי געהאט מער האפנונג צו בלייבן ביים לעבן.

פיל פון די אפגעטויטע פארברעכנס האב איך געהאט א מעגלעכקייט צו אבסערווירן. נאך היינט צו טאג הער איך די געוויינען פון יידישע קינדערלעך וועלכע זענען געווארן באגראבן לעבעדיקערהייט.

נאך דער באפרייאונג קום איך צוריק קיין זעלעוו און דארט האב איך חתונה. נאך לאנגע וואנדערונגען, קומען מיר אן קיין ישראל.

יצחק בארנשטיין

קיין זעלעוו בין איך אנגעקומען אין די קינדער־יארן פון שטעטל פראשקע, מיר האבן געהאט א פאבריקל פון סאדע־וואסער און פון דעם זיך מפרנס געווען.

ביזן אויסברוך פונעם קריג בין איך געווען א חבר אין „ביתר" און גענומען אן אנטייל אין קולטורעל־געזעלשאפטלעכן לעבן.

באכן קריגס־אויסברוך האב איך געמאכט א פרווו צו אנטלויפן קיין רוסלאנד, אבער די דייטשן האבן מיך געכאפט און צוריקגעפירט קיין זעלעוו.

נאכדעם ווי די דייטשן האבן צוגענומען אונדזער פארמעגן און מיר זענען געבליבן אן ברויט, הויב איך אן שמוגלען קיין פיאטרקאוו און צוריק פארשידענע סחורות און פון דעם האבן מיר זיך צוביסלעך דערנערט.

ערב דער אויסזידלונג, האב איך אריבערגעפירט מיין פאטער און ברודער ווי אויך א שוועסטער (איצט אין ישראל) צו א באקאנטן קריסט. די געסטאפא איז געקומען אויף זייערע שפורן (צוליב א מסירה) און זיי זענען געווארן דערשאסן ביים קריסט אין שטוב.

נאך דער באפרייאונג, האב איך זייערע קערפערס געבראכט צו קבר-ישראל.

צוריק קיין זעלעוו בין איך געקומען א טאג אײדער די דייטשן האבן פארלאזט דאס שטעטל (איך האב גישט געוווסט אז זיי געפינען זיך דארט) אזוי אז איך בין געווען געצוווּנגען זיך צו באהאלטן ביז זיי זענען אוועק.

אין זעלעוו האב איך חתונה געהאט און נאך וואנדערונגען דורך טשעכן און דייטשלאנד, קומען מיר אן אין יאר 1949 קיין ישראל.

אליהו דוד שטערן

מיין יוגנט האב איך פארבראכט אין סטערצעוו דערנאך חתונה געהאט פון זעלעוו און דארט געוווינט ביזן אויסברוך פונעם קריג. די ערשטע צייטן האב איך געארבעט אלס שניידער ביז מ'האט אונדז 100 מענער און פרויען, אוועקגעשיקט אין דער לאדזשער געטא.

נאך א סעלעקציע, ווער איך פארשיקט קיין סקארזשיסק און דארט אפגעווען א יאר צייט.

נאכן וואלגערן זיך פון איין לאגער אין צווייטן, קומען מיר אן קיין בוכנוואלד און אין א קורצער צייט ווערן מיר באפרייט דורך די ענגלענדער. מיין גאנצע פאמיליע איז געווארן דערמארדעט דורך די נאצישע הענקער.

נאך א קורצער צייט האב איך צום צווייטן מאל חתונה געהאט מיט מיין פרוי צביה.

שרה פלוסקבה־האכמאַן

אונדזער געשענדעטע היים

כאָטש שוין עטלעכע יאָרצענדליק זענען אַדורך, ווען איך שטענדיק, ביזן לעצטן אָטעם־צוג, געדענקן און דערמאָנען אונדזער טייער שטעטל.

עס באַגלייטן מיך קאָשמאַרן ווען זכרונות טויכן אויף, זכרונות פול מיט בלוט און טרערן. זעלעוו מיין שטעטל, מיין אלטע היים! צו קאָן מען פאַרגעסן דיינע טייערע האַרציקע יידן, די שלווהדיקע שבתים און יום־טובים?

עס וואַנדערן אַוועק די זכרונות העט־ווייט צו יענע טעג ווען איך בין יונגערהייט געוואָרן אַוועקגעריסן פון מיין היים, פון מיינע עלטערן, פון מיינע שוועסטער און ברידער, פון מיינע האַרציקע פריינט און געבליבן פאַריתומט, פאַראיינזאַמט.

זעלעוו מיין היימשטעטל! שטענדיק ביסטו פאַר מיינע אויגן געשטאַנען. אויך אין ווייטן און אין קאַלטן רוסלאַנד ווו דער שטורעם האָט מיך פאַרשלעפט. דאָרט אין די ווייטע סטעפּעס, ליידנדיק הונגער און קעלט, האָב איך געטראַכט און געוויינט איבערן טראַגישן גורל פון יידישן זעלעוו. אָבער דאָרט אין די קאַלטע סטעפּעס און טייגעס האָט נאָך געטליעט אַ פונק פון האָפנונג, אפשר — — אפשר איז נאָך עמעץ געבליבן, אפשר איז דער גורל נישט אזוי טראַגיש ווו איך האָב זיך פאַרגעשטעלט.

עס האָט מיך געיאָגט צוריק אין שטעטל ווען דער קריג האָט זיך געענדיקט, געוואָלט וואָס שנעלער זען מיט די אייגענע אויגן אונדזער אַלטער היים, אונדזער חורבן, אונדזער בראָך.

* * *

איך בין ווידער דאָ אין מיין חרובע היים און שפּאַן אַ פאַרוויינטע אויף די חורבות. פאַרניכטעט און געשענדעט איז די שיל און דער בית־הקברות ווו

איך פלעג גיין אין די יאָרצייטן פון באָבע־זיידע איז געוואָרן וואַנדאַליש פאַר־טיליקט. אויפן אָרט פון ידישע מצבות זענען וועגן אויסגעפלאַסטערט און הייזער אויפגעשטעלט. נישטאָ מיין פאַמיליע פלוסקבה — אונדזער הויז איז פארנומען דורך גוישע פאַמיליעס. אונדז געמאָרדעט און געירשנט! נישטאָ מער אונדזער יידיש זעלעוו מיט דער אימפולסיווער, טרוימערישער ידישער יוגנט — אלץ איז אוועק מיטן פייער אָנגעצינדן דורך נאצישע באַרבאָרן. אוועק אויף אייביק דאָס הערלעכע זעלעווער יידנטום.

ה׳ ינקום דמם!

חיה שענקלעווסקי

פרויען-לאגערן

סעפטעמבער 1939.

דאָס שרעקלעכע געשפענסט וואָס האָט אונדז פאַרפאָלגט לאַנגע חדשים האָט זיך באַוויזן מיט דער גאַנצער ברוטאַלקייט. אויב מיר האָבן זיך פריער געטרייסט אַז די וועלט וועט נישט דערלאָזן צו אַ דייטשן אַנגריף אויף פוילן, האָבן מיר איצט דערזען דעם גאַנצן ברוטאַלן אמת. דייטשע מיליטערישע כוחות פאַרנעמען אונדזער שטעטל און אין די פוסטריט פון דער היימוועך, קומען אַן רוצחישע עס־עס אָפּטיילונגען מיט געסטאַפּאָוועס וועלכע הויבן אָן צו פאַרווירקלעכן זייער פאַרברעכערישן טרוים — ליקווידאַציע פונעם יידישן ישוב.

קוים 12 יאָר בין איך דעמאָלט אַלט געווען, אָבער די בלוטיקע טעג וועל איך נישט פאַרגעסן ביז מיין לעצטן אָטעם־צוג, ווייל נישט יאָרן וועלן מאַכן פאַרגעסן און טויזנטער זונען וועלן נישט אויסטרוקענען דאָס פאַרגאָסענע בלוט.

* * *

גזירה יאָגט גזירה און טאָגטעגלעך דערשיינען פרישע באַפעלן וועלכע האָבן פאַר אַ ציל צו דערנידעריקן און אויסמאַטערן דעם יידישן ישוב.

די ערשטע צייט ווערן יידן גענומען צו שוואַרצע אַרבעט אין שטעטל, דערנאָך ווערן יונגטלעכע געכאַפּט פון די בעטן און ווערן פאַרשיקט אין די טרויעריק־באַקאַנטע פויזנער לאַגערן.

איך האָב געאַרבעט אין שאָפּ ביז דער בלוטיקער סעלעקציע אין יאָר 1942 — דעמאָלט ווען עס איז געוואָרן פולשטענדיק פאַרניכטעט יידיש־זעלווו. צוזאַמען מיט אַ גרופּע אַרבעטס־פעאיקע ווער איך געשיקט אין לאַדזשער

געטאָ און מיין אַרבעט איז באַשטאַנען אין באַגראָבן טויטע וועלכע זענען געווען אומעטום אויף טריט און שריט.

ביי דער אַ אַרבעט האָבן מיר געזען דעם גרויזאַמען אמת און מיר זענען געווען זיכער אז אָט־אָט קומט אויך אונדזער סוף.

נאָך אַ קורצער צייט, הויב איך אָן אַרבעטן אלס שניידערין ביז צו דער פרישער סעלעקציע בעת דער ליקווידאציע פון דער לאָדזשער געטאָ אין יאר 1944.

* * *

שוין ווידער אַ סעלעקציע. איצט אין באַקאַנטן טויטן־לאַגער אוישוויץ. מיט דער סעלעקציע פירט אָן דער פאַרשאָלטענער ד״ר מענגעלע ימ״ש וועלכער פאַרמשפט די קרבנות מיט א ווייז פונעם פינגער. פאַראַן אַ ווייז וועלכער באַ־דייט קרעמאַטאָריום און אַ ווייז וועלכער לאָזט צייטווייליק איבער ביים לעבן, ווייל מען קאָן נאָך ארויסנעמען פון די לעבנגעבליבענע דאָס לעצטע ביסל מאַרך.

שוין ווידער האָט מיר אָפגעגליקט און איך ווער געשיקט אויף אַרבעט אין אַן אַמוניציע־פאַבריק ביי האַנאָווער ווו איך ארבעט זעקס וואָכן. פון דאָרט ווער איך געשיקט קיין בערגען־בעלזען. נאָך 14 טעג קומען אָן ציווילע דייטשן וועלכע באַטראַכטן אונדז ווי אויף אַ קנעכט־האַנדל מאַרק און ווע רעס געפעלט זיי ווערט געשיקט אויף אַרבעט, אויך אין א אמוניציע־פאַבריק, ביי טורגאו, ווו מיר ארבעטן ביי שווידערלעכע הונגער־באַדינגונגען.

ווען די אמעריקאנער ארמיי האָט זיך דערנענטערט, האָבן אונדז די דייטשן איבערגעשיקט אויף א באַן־סטאַציע. דאָרט זענען מיר געווען אַכט טעג פול־שטענדיק אָן עסן ביז די רוסן האָבן באַמבארדירט די סטאַציע און דערנאָך זענען מיר געוואָרן באפרייט.

פון אַכט הונדערט פרויען זענען געבליבן ביים לעבן בלויז צוויי הונדערט.

דב האראנטשיק

סטערצעווער פליטים אין זעלעוו

ביז צום אויסברוך פון קריג האָט אונדזער שטעטל סטערצעוו געלעבט מיטן שטייגער פון אַלע יידישע שטעטלעך אין פוילן. אַ קליינער דינאַמישער ישוב מיט אַלע אַספּעקטן פון יידישער אַקטיוויטעט, פון רעליגיעזע קרייזן וואָס זענען געווען דער רוב פון ישוב, בית־המדרש בחורים וואָס האָבן עוסק געווען אין לימוד־התורה ווי אויך פאַרשידענע ציוניסטישע שאַטירונגען וועלכע האָבן געפירט אַ ברייטע טעטיקייט. פרנסה האָבן אַ גרויסער טייל פון דער באַפעלקערונג געצויגן פון האַנדל וואָס איז געווען פאַרבינדן מיטן זעלעווער

אין די ערשטע טעג פון די קריגס־אָפּעראַציעס איז סטערצעוו געוואָרן ארומגעכאַפּט מיט פלאַמען און כמעט די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג איז געבליבן אָן אַ דאַך איבערן קאָפּ. זוכנדיק פאַר זיך אַ רעטונג און אָן אָנשפּאַר, האָט דער איבערוויגנדיקער טייל, בערך 400 יידישע משפחות, זיך געלאָזן קיין זעלעוו. די זעלעווער יידן, נישט קוקנדיק אויף זייער אייגענעם ביטערן מצב, האָבן ארויסגעוויזן צו די סטערצעווער פליטים די מאַקסימאַלסטע מאָס פון ברודערלעכקייט און איבערגעגעבנקייט. די פליטים זענען געוואָרן איינגעאָרדנט אין פאַרשידענע אינסטיטוציעס, אין בית־המדרש און אין די שטיבלעך. זעלעווער יידן האָבן זיך געטיילט מיט זייער בעטגעוואַנט און אַנדערע נויטיקע זאַכן.

אין די שרעקלעכע יאָרן פון נאַציישן טעראָר האָבן ד יסטערצעווער יידישע פליטים אין זעלעוו געטיילט דעם גורל אינאיינעם מיטן גאַנצן יידישן ישוב. צווישן די 10 געהאַנגענע יידן האָבן זיך געפונען דריי סטערצעווער: שאול ווינטער, לאַזנאָווסקי און שולץ. אין די טעג פון דער אויסזידלונג איז פון אַ באַהעלטעניש געוואָרן ארויסגענומען מיין שוועגערין הינדע האַראַנטשיק מיט אירע דריי קינדער לייזער, בעריש און אברהם און געוואָרן אַוועקגעשיקט צוזאַמען מיט אַלע קדושים אויף פאַרניכטונג.

צווישן די אָפּגעראַטעוועטע 150 יידן וועלכע זענען גוואָרן גשיקט אין לאָדזשער געטאָ, האָבן זיך געפונען בערך 20 סטערצעווער.

א. מ. קליין

יזכור

אונדזערע לאַנדסלייט די זעלעווער קדושים, דעפּאָרטירטע פון בעלגיען און פראַנקרייך וועלכע זענען אומגעבראַכט געוואָרן אין די נאַצישע טויטן־לאַגערן אין די טרויעריקע מלחמה יאָרן 1939—45.

טוביה ביאַלעצקי. פון דייטשלאַנד. זיין לעצט ווין־אָרט — אומבאַקאַנט.

וואָלף בערגמאַן. לאַנגע יאָרן געווען אין פּאַריז, פראַנקרייך. געהאַט אַ פרוי מיט צוויי טעכטער. איין טאָכטער האָט זיך געראַטעוועט און געפינט זיך אין ישראל.

דוד בערקאָוויטש. געקומען צוזאַמען מיט זיין ברודער מרדכי אין יאָר 1929, געלעבט ביז דער פאַרניכטונג אין בריסל, בעלגיען. אומגעקומען צוזאַמען מיט דער פרוי און טאָכטער.

מרדכי בערקאָוויטש. דודס ברודער. אומגעקומען צוזאַמען מיט זיין פרוי (קיין קינדער האָט ער נישט געהאַט)

עלע גרינבערג. שאַרלערוא, בעלגיען. נישט פאַרהייראַט. נאָך דער אָקופּאַציע פון בעלגיען איז ער געקומען קיין פראַנקרייך מיינענדיק אז ער וועט זיך דאָרט ראַטעווען. אומגעקומען מיט אַנדערע פראַנצויזישע מאַרטירער.

הערשל זאַלצמאַן. געקומען קיין בעלגיען אין די 30־ער יאָרן געלעבט אין בריסל. אומגעקומען מיט זיין פאַמיליע.

ישראל זאַלצמאַן. הערשלס אַ ברודער. געלעבט אין פראַנקרייך זייט 1920. אומגעקומען מיט זיין פאַמיליע.

פישל יאַבלאָנסקי. אנטווערפּן, בעלגיען. אומגעקומען מיט זיין פרוי קריינדל און זייערע צוויי קינדער.

יעקב ליבערמאַן. געוווינט אין שטראַסבורג זייטן יאָר 1920. זיין פאַמיליע־צושטאַנד נישט באַוווסט.

ריפשטיין (קליין) **שיינדל**. אנטווערפן, בעלגיען. אומגעקומען מיט איר מאַן און טאָכטער.

קלעטשעווסקי שמעון. דער מאַן פון מיין שוועסטער שרה.

די אַלע זעלעווער לאַנדסלייט זענען געווען אקטיוו אזוי אין בעלגיען ווי אויך אין פראַנקרייך, אויסער ביי די טאָג־טעגלעכע ארבעטן אויך ביי פאַרשידענע געזעלשאפטלעכע און קולטורעלע טעטיקייטן. פיל פון זיי האָבן אויך גענומען אַן אָנטייל אין די רייען פון די אַלאירטע אַרמייען אין קאַמף קעגן געמיינזאַמען שונא, קעגן בלוטיקן נאַצי־רעזשים.

כבוד זייער אָנדענקען!

אברהם מנדל קליין

בצרפת הכבושה

בפרוץ המלחמה

ב־1 בספטמבר 1939 אחזנו פחד ורעדה עת הגיענו הידיעה על פלישת הצבא ההיטלראי לפולין.

הממשלה הצרפתית הכריזה על גיוס כללי והורתה על פנוי נשים וילדים



א. מ. קליין בצבא הצרפתי — א. מ. קליין אין פראנצויזישן מיליטער

מפריז לדרום המדינה. גם אני נמלטתי מפריז דרומה. הגעתי עם אשתי ועם ילדי בן השנתיים לעיר בלוא, במרחק 70 ק"מ מהבירה, והתאכסנו במלון.

תוך ימים ספורים, ב־6 בספטמבר התגיסתי לצבא (בתור נתין זר) ואשתי שקיבלה מעמד של פליט־המדינה, הועברה לכפר סמוך לבלוא, פה קבלה דירה וקצבת־פנסיה כאשת חייל בצבא הצרפתי. הממשל הכפרי קיבל אותה תחת חסותה ודאג לה.

ב־19 לספטמבר הועברתי עם יחידתי קרוב לגבול הספרדי. לא הרחק מהרי הפירנאים, בברקרס ע"י פרפיניאן.

בינתיים המאורעות התפתחו במהירות מסחררת. פולין נכבשה והמלחמה התלקחה לממדים מאיימים. הצבא הנאצי התקדם בצעדי ענק וכבש גם ארצות ניטרליות.

בעת כזאת הגיע שחרורי מהצבא, אמנם באופן זמני, וחזרתי למשפחתי. ארזתי שוב את המטלטלין ויצאתי עם אשתי וילדי לפריז.



צירל, א. מ. קליין בצרפת הכבושה
צירל און א. מ. קליין אין אָקופירטן פראנקרייך

בסוף מאי שנת 1940, לאחר נפילתה של בלגיה, התנהלו הקרבות לא הרחק מאדמת צרפת ובירתה פריז אחוזה בבהלה ממש. האויב בשעריה.

ב־10 ביוני, עם שחר, פנה לעם בקריאה דרמטית ראש ממשלתה של צרפת פול רנו. בדבריו הוא מודיע על התלקחות המלחמה „חיילנו לוחמים באויב הגרמני הפולש, המצב הוא חמור, השעות הן ספורות והרי סכנות".

בליל ה־10 ביוני כיסה ענן שחור את שמי פריז ואחזה בהלה ופניקה את אוכלוסיה. היו שמועות שהאויב פיזר עב־גז על הבירה. אבל בדיעבד שמועות אלו לא היו נכונות וכי היה זה ערפל מלאכותי למען מנוע בהלה באוכלוסיה עם נטישתה של הממשלה את בירתה, את פריז.

באותה עת מסרו ברדיו פניתה של הממשלה (שנמלטה לעיר בורדו) לתושבי הבירה, שעל הנשים לטול את ילדיהן וזקניהן ולהימלט מפריז מיד. בבירה יצוי שישארו רק אנשים המסוגלים להחזיק בנשק והמסוגלים לגונן עליה.

בשפת אנוש אין כלל אפשרות לבטא ולתאר את הפניקה והבהלה שאחזה בציבור בעת הפינוי. רבבות אנשים נשים וטף נהרו מבוהלים לתחנת הרכבת. רבים התעלפו מעייפות ודוחק בעמדם בתור להשגת כרטיס־נסיעה, וכשהצליחו סוף־סוף לרכוש כרטיס־נסיעה, החלה הפריצה המבוהלת לרכבת דרך כל פתח, דלתות או חלונות. כל מקום פנוי נתפס מיד ע״י ההמון המבוהל הנמלט על נפשו. האנשים רצו כמטורפים בין הקרונות, נאחזו בדלתות, במדרגות ומילאו גם את גגות הרכבת. הבהלה עוד רבתה לאחר שנפוצו שמועות שהרכבת מופצצת ע״י האיטלקים.

לאחר עמידה לילה שלם וגם למחרתו עד הצהרים, הצליחה אשתי עם הילד להידחף לקרון ולהגיע עם הפליטים לעיירה פורא השוכנת בחוף האטלנטי, כ־500 קילומטר מפריז.

בדרכים לא דרכים

בלב כואב ומר חזרתי הביתה, לדירתי הריקה מאדם.

במוחי חלפו מחשבות נוגות ומדאיגות: האם יגיעו אשתי וילדי בשלום? ומי יודע אם בכלל אזכה לראותם עוד?

המאורעות נעו במהירות מסחררת ולא השאירו כלל זמן להרהורים ומחשבות.

די וועלכע האָבן זיך צוגעשטעלט זענען געוואָרן קאָנצענטרירט ביי דער צענטראַלער זשאַנדאַרמעריע אין פּאַריז ווו אַרום דעם הויף האָט זיך געפונען אַ שטאַרקע וואַך. יעדער האָט געהאַט רעכט אַז איינער פון זיינע קרובים אָדער באַקאַנטע זאָלן אים ביז דאָרט באַגלייטן. מיינעם אַ שכן וועלכער האָט געהאַט אַ פרוי מיט דריי קינדער און די פרוי האָט נישט געקאָנט איבערלאָזן די קינדער אין שטוב, האָב איך באַגלייט (איך האָב אַזאַ מעלדונג נישט באַקומען ווייל צו מיין מזל האָט מיר די פּוילישע רעגירונג צוגענומען מיין בירגערשאַפט אין יאָר 1936 און איצט בין איך געווען שטאַטלאָז). איך האָב זיך שנעל אָפּגעזעגנט מיט מיין שכן און צוריק אהיים. דאָס איז געווען מיין מזל ווייל אין אַ שעה אַרום איז אָנגעקומען אַ באַפעל אַז אויך די באַגלייטער זאָלן ווערן פאַרהאַלטן. אַלע פאַרהאַלטענע זענען דערנאָך געוואָרן געשיקט אין אַ דורכגאַנגס־לאַגער נעבן פּאַריז און פון דאָרט קיין אוישוויץ. מיין שכן האָט געטיילט דעם זעלבן גורל וואָס אַלע אַנדערע. ער איז שוין מער נישט צוריקגעקומען.

דערווייל ווערן די רדיפות וואָס אַמאָל געפערלעכער. די נאַצי־מערדער הויבן אָן ווערן מער אכזריותדיק.

דעם 20־טן סעפּטעמבער 1941 ווערט דער 11־טער אַראָנדיסמאַן (באַצירק) אין פּאַריז אַרומגערינגלט און אָפּגעשלאָסן דורך דער ס.ס., געסטאַפּאָ און פראַנצויזישער געהיים פּאָליציי. זיי גייען פון שטוב צו שטוב און נעמען אַרויס די ייִדן וועלכע ווערן איבערגעפירט אין ערשטן גרויסן לאַגער אין אַ פאַרשטאָט

פון פאריז, דראַנסי. צווישן די יידן געפינט זיך אויך מיין שוואָגער שמעון קלעטשעווסקי מיט זיינע צוויי זין. דער יונגסטער האָט זיך ארויסגעדרייט אונטער די אויגן פון דער געסטאַפּאָ, דער עלטערער איז אנטלאָפן שוין זייענדיק אין לאַגער דראַנסי. פון דראַנסי ווערן אלע איבערגעשיקט אין אַ צווייטן איבערגאַנגס-לאַגער פּיטיוויע און פון דאָרט קיין אוישוויץ. די פארבליבענע פאַמיליע-מיטגלידער (געמומען האָט מען נאָר מענער) האָבן דערנאָך באַקומען פאָסט-קאַרטלעך אַז זיי זענען געזונט און פריש. דאָס האָט מען די פארמשפּטע געצווינגען צו שרייבן אַזעלכע גרוסן בכדי צו פאַרטושן די מוחות פון די פאַרבליבענע. קיינער פון די דעפּאַרטירטע איז נישט געבליבן ביים לעבן.

נאָך די אַבלאַווע אין 11-טן אַראָנדיסמאַן ווערט אביסל רויאיקער. דאָס איז דער טייוולאַנישער אויסראָטונגס-פּלאַן פון די נאַצי-אויסוואורפן, נאָך יעדער אַקציע ווערט אביסל שטילער אָבער אויך ביי דער „שטילקייט" ווערן מענטשן געכאַפּט און פארשיקט. עס האָט געטראָפן אַז יידן זענען געגאַנגען צו אַרבעט און זיך נישט אומגעקערט.

פון חודש יוני 1942 הויבן זיך אָן נייע פאָרמען אין דער נאַציש-רוצחישער אויסראָטונגס - פּאָליטיק פון פראנצויזישן יידנטום און דער עיקר פון די צוגערייזטע יידן. עס ווערט פארבאָטן פאר יידן צו באַזיצן ראַווערן און ראַדיאָ-אַפּאַראַטן. ראַווערן ווערן צוגענומען דורך דער פּאָליציי פון די שטובן און ראַדיאָ-אַפּאַראַטן מוזן מיר אליין ברענגען אין די פּאָליציי-קאָמיסאַריאַטן. אין די זעלבע טעג באַווייזן זיך אויף די גאַסן פון פּאַריס מעלדונגען אַז אלע אָן אויסנאַם יידן, פרויען מענער און קינדער פון 6 יאָר, מוזן טראָגן, אָנהויבנדיק פון 6-טן יוני 1942, די געלע לאַטע. ווער עס וועט נישט אויספירן דעם באַפעל, וועט ווערן שטרענג באַשטראָפט. מיר ווערן אויפגעפאָדערט צוצושטעלן זיך אין פּאָליציי-קאָמיסאַריאַט און דאָרט אַרויסנעמען די געלע לאַטע פאַרן פּרייז פון צוויי טעקסטיל-פּונקטן פון די עקזיסטירנדיקע מלחמה-קאַרטן (וויפיל ציניזם — אויך פאר דער געלער לאַטע מוזן מיר באַצאָלן מיט פּונקטן...).

כאָטש דאָס געזעץ וועגן טראָגן די געלע לאַטע איז געווען פון די טרויעריקסטע דערשיינונגען פאַרן יידישן ישוב אין פראנקרייך, האָבן אַ גאַר-גרויסער טייל פון דער יידישער באַפעלקערונג אויפגענומען דעם געזעץ ווי שטאָלצע יידן און דאָס איז געווען אַ פּאַטש אין פּנים פון די נאַציס וועלכע האָבן זיך פאָרגעשטעלט אַז יידן וועלן פאר פארצווייפלונג מאַסנווייז באַגיין זעלבסטמאָרד (יחידים פון דער אַסימילירטע טייל האָבן טאַקע אַזוי געטאָן). אַ טייל און איך

בתוכם, האָבן מיטגענומען אין קאָמיסאַריאַט שפּילקעלעך און אויפן אָרט צוגע־טשעפּעט די געלע לאַטע צוויי טעג פריער ווי דאָס געזעץ האָט געפאָדערט. ווען דער פּאָליציי־קאָמיסאַר האָט מיך געפרעגט פאַרוואָס איך טו עס, צו איך שעם זיך נישט מיט דער געלער לאַטע, האָב איך אים געענטפערט אַז אויב אַזעלכעס קומט פאַר אין פראַנקרייך, זאָלן זיך דערמיט שעמען די פראַנ־צויזן. איך בין שטאָלץ מיט דעם וואָס איך בין אַ ייד. די נאַציס זענען געוואָרן צערייצט פון דער אַ דערשיינונג, פון טראָגן די לאַטע פאַרן טערמין. זיי האָבן דערפאַר אַ טייל אַרעסטירט און דעפּאָרטירט.

עס מוז דערמאָנט ווערן אַז אַ גאַר־גרויסער טייל פראַנצויזן, אויסער אַ הייפל פאַרקויפטע נשמות, האָבן סימפּאַטיזירט מיט דער יידישער באַפעלקערונג. זיי האָבן זיך געשעמט אונדז צו קוקן אין די אויגן פאַר חרפה אַז אַזעלכעס קאָן פאָרקומען אין פראַנקרייך. ווען זיי האָבן געזען אַ ייד מיט אַ געלע לאַטע, האָבן זיי געצויגן דעם הוט פאַר רעספּעקט. פיל קריסטלעכע סטודענטן האָבן אַלס אויסדרוק פון פּראָטעסט און סאָלידאַריטעט אַליין אָנגעטאָן די געלע לאַטע פאַר וועלכן זיי זענען געוואָרן געראָדפט דורך די נאַציס.

אין די טעג האָבן מיר נאָך אָנגעהאַלטן אַ קאָראָספּאָדענץ מיט אונדזער היים שטעטל זעלעוו און מיר האָבן זיך קעגנזייטיק אין אַ פאַרשטעלטער פאָרם פאַרשטענדיקט וועגן אונדזער טרויעריקער לאַגע. מיין פרוי צירל האָט געשריבן צו איר שוועסטער הענדל אַז כאָטש עס איז שוין יוני איז נאָך ביי אונדז חנוכה און מיר עסן לאַטקעס. אויף דעם האָט הענדל געענטפערט אַז ביי זיי איז שוין לאַנג חנוכה און הלוואי זאָלן אונדז די לאַטקעס נישט פאַרשאָטן ווי דאָס שאָט זיי — — — —זיי זענען חרוב קראַנק עסנדיק די לאַטקעס...

און מיר זענען טאַקע קראַנק געוואָרן.

נאָכן אָנטון די געלע לאַטע קומען אָן נייע באַפעלן און גזירות יאָגן גזירות. יידן מעגן זיין אין גאַס ביז 8 אָוונט. פאַר יידן איז פאַרבאָטן צו באַווייזן זיך אין די עפנטלעכע גערטנער. אין דער מעטרא (אונטערערדישע באַן) האָבן יידן געמעגט פאָרן אין לעצטן וואַגאָן. אַ טייל פראַנצויזישע קאַפעען (אַ גאַר־קליינער טייל) האָבן אַרויסגעהאָנגען אין די אַריינגאַנג מעלדונגען אַז פאַר יידן, נעגער און הינט איז דער אַריינגאַנג פאַרבאָטן. עס פילט זיך אין דער אַטמאָספער אַז עפּעס שרעקלעכעס קומט אָן און די שטילע טעג פון 6־טן יוני ביזן 16־טן יולי 1942 זענען געווען אַ שטילקייט פאַר אַ גרויסן שטורעם, פאַר פרישע גורלדיקע געשעענישן.

וואָגלנישן

דעם 14־טן יולי 1942 קומט צו מיר מיין שוועסטערן־זון זשאַק און דערציילט מיר אַז זיצנדיק ביים פריזיער האָט ער אונטערגעהערט אַ שמועס צווישן פּאָליציי־קאָמיסאַר מיטן פריזיער (זיי האָבן נישט געוווסט אַז אַ ייד הערט אונטער). דער קאָמיסאַר האָט פאַרציילט אַז ער האָט באַקומען פון דער צענטראַלער פּאָליציי פאַר יידישע ענינים אַ פאַרמאַכטן קאָנווערט מיט אינסטרוקציעס. לויט זיין מיינונג האַנדלט זיך וועגן אַן אַלגעמיינע אַבלאַווע אויף יידן וואָס דאַרף פאַרקומען וואַרשיינלעך דעם 16־טן יולי. איך האָב די ידיעה אויפגענומען ערנסט און מיט דאגה. איך האָב די נייעס זאָפאָרט איבערגעגעבן מיינע יידישע שכנים (מיר זענען געווען 17 יידישע שכנים אין הויז), אָבער נישט אַלע האָבן זיך ערנסט באַצויגן צו מיין וואָרנונג ווייל פון 6־טן יוני איז נישט פאָרגעקומען קיין אַבלאַוועס. פאַר מיר איז די ידיעה געווען אַ סיגנאַל פון אַן אָנקומענדיקער געפאַר און איך האָב פּלאַנירט וויאַזוי אויסצומיידן די פרישע לעבנסגעפערלעכע סכנה.

צומאָרגנס דעם 15־טן יולי ווען איך בין אַריינגעגאַנגען צו דער הויז־פאַרוואַלטערין (קאָנסיערזש) צאָלן דירה־געלט, האָט זי מיר געזאָגט, בעסער האַלט דאָס געלט פאַר זיך, קאָנסט עס דאַרפן אין אַ נויט ווייל היינט ביינאַכט וועט מען קומען אייך נעמען. די נייעס האָט איר איבערגעגעבן דער פּאָסטן־טרעגער וועלכער האָט איר געבעטן איבערגעבן די נאָכריכט אַלע יידישע שכנים (ביידע, די הויז־פאַרוואַלטערין מיטן פּאָסטן־טרעגער האָבן מיטגעאַרבעט מיט דער פראַנצויזישער אונטערגרונט). איך האָב דערוועגן דערציילט מיין פרוי און באַשליס צו ריזיקירן און בלייבן דערווייל היינט אינדערהיים און צומאָרגנס, אויב ס'וועט מיר אָפּגליקן, וועל איך פאַרלאָזן די שטוב מיין פּלאַן איז געווען אויסצובאַהאַלטן זיך צייטווייליק ביי מיינע חברים וועלכע האָבן געהאַט פּאַלעס־טינעזער פּעסער און זיי זענען געווען פראַטעזשירט פון רויטן־קרייץ אַלס ענגלישע אונטערטאַנער. זיי האָבן נישט געטראָגן די געלע לאַטע און אַלע אַנטי־יידישע געזעצן זענען אויף זיי נישט חל געווען. דער מאַן איז געווען אינטערנירט אַלס ציווילער קריגס־געפאַנגענער. זיי זענען געווען פאַרוואַלטער פון דער „אָרט״־שולע און דאָרט געוווינט. ביי זיי האָב איך פּלאַנירט צו בלייבן ביז די בהלה וועט אַדורך.

צומאָרגנס דעם 16־טן יולי האָב איך אָפּגעגעסן מיטאָג (דאָס לעצטע ביי זיך אין שטוב), אַראָפּגענומען די געלע לאַטע און געלאָזט זיך אין סכנהדיקן

וועג. פֿאַרן אַוועקגיין האָב איך זיך אָפּגערעדט מיט דער הויז־פּאַרוואַלטערין פֿאַרשידענע סימנים ווי זיך צו פֿאַרשטענדיקן דורכן טעלעפֿאָן ווי די לאַגע זעט אויס. איינער פֿון די סימנים, אַז די געפֿאַר איז גרויס, איז געווען אַז זי זאָל צורופֿן איר הינט צום טעלעפֿאָן און אויף אים שרייען אַז ער זאָל זיך צעבילן.

איך בין אָנגעקומען בשלום און טעלעפֿאָניש דערוועגן מיטגעטיילט. מיין פֿרוי מיטן קינד זענען פֿאַרבליבן אין שטוב ביז האַלב אַכט אין אָוונט און דערנאָך זענען זיי אויך אָנגעקומען בכדי איבערצונעכטיקן און אינדערפֿרי זיך צוריקקערן.

צומאָרגנס אינדערפֿרי האָט אונדזער חברה, צוריקקומענדיק פֿון גאַס, דערציילט וועגן האַרצרייסנדע און שרעקלעכע סצענעס וועלכע קומען פֿאָר אויף די גאַסן. געסטאַפּאָווצעס צוזאַמען מיט דער פֿראַנצויזישער פּאָליציי שלעפּן אַרויס פֿון די שטובן יידישע מענער, פֿרויען, אַלטע לייט און קינדער. מען פֿאַרפּאַקט זיי ווי הערינג אין ספּעציעלע צוגעגרייטע אויטאָבוסן. די געשרייען דערגייען עד לב השמים, אונדזער חברה, אידה כוכבי, לאָזט אונדז אפֿילו נישט טראַכטן וועגן פֿאַרלאָזן אין דעם מאָמענט איר וווינונג.

צומאָרגנס, דעם 17־טן, באַקום איך אַ טעלעפֿאָן מיט שלעכטע סימנים. די הויז־פּאַרוואַלטערין גיט מיר איבער אַז בייניאַכט זענען זיי געקומען עטלעכע מאָל אונדז נעמען און זי האָט זיי געזאָגט, אַז מיר זענען שוין אַ לאַנגע צייט נישטאָ אינדערהיים. נאָך עטלעכע טעג שיקן מיר אונדזער חברה אין אונדזער וווינונג, (אויסנוצנדיק אירע פֿרייער באַוועגונג) אַז זי זאָל אונדז ברענגען אַפּאָר נויטיקע זאַכן. איך בעט איר זי זאָל אַרויסנעמען אונדזערע דאָקומענטן אין דעם אַלבום מיט פֿאָטאָגראַפֿיעס ווייל אַזעלכע זאַכן באַקומט מען מער נישט, אַלע אַנדערע זאַכן קאָן מען צוריקקויפֿן. ביים פֿאַרלאָזן אונדזער וווינונג האָט זי איבערגעגעבן דעם שליסל די הויז־פּאַרוואַלטערין.

דער רעזולטאַט פֿון דער אַבלאַווע איז געווען אַ גאָר־טראַגישער.

דרייסיק טויזנט יידן זענען געוואָרן צונויפֿגעטריבן אין אוממענטשלעכע באַדינגונגען אין וועלדראָם דע איווער (ווינטער ספּאָרט־פּלאַץ), דאָרט זענען זיי געוואָרן געהאַלטן אָן עסן און טרינקען, אָן עלעמענטאַרע היגיענישע באַדינ־גונגען עטלעכע טעג און דערנאָך געוואָרן פֿאַרשיקט קיין אוישוויץ. קיינער איז פֿון דאָרט נישט צוריקגעקומען.

דערווייל ווערט אונדזער אויפֿהאַלט ביי דער פֿריינדין געפֿערלעכער. עס

קאָן זיך מאַכן אַז די „אַרט״־שולע זאָל רעקוויזירט ווערן. אויסער דעם באַווייזן זיך מעלדונגען אין די גאַסן אַז די וועלכע באַהאַלטן אויס יידן, דערוואַרטעט אַ שווערע שטראָף און מיר ווילן נישט פאַרשאַפן אומאַנגענעמלעכקייטן די וועלכע האָבן אונדז געראַטעוועט. מיר באַשליסן זיך צוצושטעלן צו דער פּאָליציי און אונדזער קינד, מאַרסעל, וועט בלייבן ביי אונדזער פריינדין וועלכע האָט אַ יינגעלע דניאל אין דעם זעלבן עלטער וואָס אונדזערער. מיר לאָזן איבער אַ געוויסע סומע געלט און מיר גרייטן יזך מיין פרוי שרייבט אַוועק אַ בריוו צו איר שוועסטער הענדל און טיילט איר מיט וועגן אונדזער דעציזיע. אויב וועט איר בלייבן ביים לעבן — שרייבט מיין פרוי צו דער שוועסטער, זאָלט איר אויפזוכן אונדזער קינד. ער געפינט זיך ביי פרוי אידה כוכבי און ער איז צוזאַמען מיט אירס א קינד דניאל.

ווען מיר האָבן געענדיקט אַלע צוגרייטונגען, פאַרפּאַקט אין די רוק־זעק די נויטיקסטע זאַכן און זענען שוין געווען גרייט צום אַוועקגיין, קומט אַריין א חברה פון אונדזער פריינדין און ווען זי דערהערט וועגן וואָס עס האַנדלט זיך און וווהין מיר גרייטן זיך, האָט זי קאַטעגאָריש אונדז נישט דערלאָזט צו אַזאַ פאַרצווייפלטן שריט. „איר וועט זיך נישט צושטעלן צום טיגער אין פיסק אריין״ — האָט זי דערקלערט. איר חתן איז צו דער אַ צייט געווען אין לאַגער דראַנסי און פון דאָרט האָט דער וועג געפירט קיין אוישוויץ. פאַראַן איינאייניציקער אויסוועג, כאָטש אַ ריזיקאַלער פול מיט סכנות־נפשות. מען דאַרף זיך אריבערשמוגלען אין דער אַזוי גערופענער פרייער זאָנע פון דער ווישי־רעגירונג.

אידה כוכבי וועלכע האָט מעגלעכקייטן פון באַוועגן זיך, שאַפט פאַר אונדז אַ שמוגלער און דעם 15־טן אויגוסט לאָזן מיר זיך אין וועג.

דעם שמוגלער קאָנען מיר נישט, מיר דאַרפן נאָכגיין איינעם א מענטש און נאָכפאָלגן געוויסע סימנים. ביי אַזעלכע אָנגעשטרענגטע און קאָנספּיראַטיווע באַדינגונגען קומען מיר אָן צום באַן־הויף ווו עס לויערט די סכנה יעדע סעקונדע. יעדע ווײַלע קאָן ווערן אַדורכגעפירט אַן אַבלאַווע. וואַרטנדיק אויף דער באַן, מישן מיר זיך אויס מיטאַ גרופּע קינדער מיט וועלכע עס פאַרנעמט זיך דער רויטער־קרייץ און ווען די באַן קומט אָן גייען מיר אַריין אין באַשטימטן דורך די שמוגלער וואַגאָן וועלכער דאַרף אונדז פירן ביזן שטעטל וויערזאָן. דאָס גרענעץ שטעטל פון אָקופּירטן פראַנקרייך און ווישי־פראַנקרייך. דאָרט וועט אונדז טרעפן אַ צווייטער און אונדז געבן ווייטערדיקע אָנווייזונגען.

אין וויערזאָן ווערן מיר אַריינגעפירט אין א קימפערטאַרין־קליניק און מיט אונדז פאַרנעמען זיך אנדערע שמוגלער. מיר באַצאָלן אַ צוגאָב צו די שוין באַצאָלטע סומע אין פּאַריז. עס האָט אויסגעמאַכט די היפשע סומע פון 7000 פראַנק פאַר אַ פּערזאָן, אויך פאַרן קינד האָבן מיר באַצאָלט דעם פולן פּרייז.

מיר ווערן צוגעגרייט צום לעצטן עטאַפּ, צום סאַמע איינגעשטעלטן סכנהדיקן אָפּשניט פון אונדזער וועג.

מיר גייען 50 מענטשן דורך אַ וואַלד, אָפּגעריקט איינער פון צווייטן. יעדע אָפּווייכונג דראָט אז אַלע זאָלן זיין פאַרלוירענע. ביים מינדעסטן שאָרך לייגן מיר זיך אויס אויף דער ערד און דאָס ביי דער מאַקסימאַלסטער שנעלקייט און שטילקייט. דערנאָך קומען מיר צו אַ וואַסער פון בערך 50 מעטער די ברייט, דאָס איז די אזוי־גערופענע דערמאַרקאַציע־ליניע צווישן אָקופּירטן און פרייען פראַנקרייך. מיט האַרצקלאַפּעניש קומען מיר ענדלעך צום צווייטן ברעג, אויף דער טעריטאָריע פון דער פרייער זאָנע. לויט די ווערטער פון שמוגלער, האָבן מיר געהאַט מזל, ווייל ערשט נעכטן איז אויף דעם אָרט פאָרגעקומען אַ שיסעריי און עס זענען געווען קרבנות.

אונדזער פרייד איז געווען נישט אָפּצושאַצן. מיר האָבן זיך אַרומגענומען זיך צעקישט און געזעגנט די מאַרסיליעזע. די גרענעץ־וואַך פון דער פרייער זאָנע האָבן אונדז אויפגענומען זייער פריינטלעך. אויך די פּויערים פון נאָענטן דאָרף ווו מיר זענען אָנגעקומען מידע און הונגעריקע, נעמען אונדז אויף גאַסטפריינטלעך און ווילן נישט נעמען באַצאָלט פאַרן עסן וואָס זיי גיבן אונדז.

נאָכן אַדורכשלאָפן אַ נאַכט אויף אַ בוידעם מיט שטרוי (איך בין געווען וואָך אַ גאַנצע נאַכט צוליב דער גרויסער צאָל שטשורעס וועלכע כ׳האָב געמוזט כסדר פאַריאָגן בכדי אונדזער קינד זאָל נישט צעביסן ווערן). נעמען מיר צו־מאָרגנס דעם וועג קיין טולוז און פון דאָרט אין אַ פערמע אין וועלכן עס באַהאַלטן זיך אויס יידן געקומענע פון יענער זייט.

די פערמע

דער וועג פון דער גרענעץ ביז צו אונדזער ציל איז אויך געווען פאַרבינדן מיט גרויסע סכנות. לויט אַ פאַראָרדנונג פון דער ווישי־רעגירונג האָט אונדז געדראָט אַז די זשאַנדאַרמעריע זאָל אונדז אַראָפּנעמען פון דער באַן און אפילו צוריקשיקן קיין פּאַריז. נאָך מאַטערנישן קומען מיר אָן קיין טולוז און פון דאָרטיקן באַן־הויף נעמען מיר א טאַקסי קיין פרעטעסערפ אין דער פערמע.

די פערמע האָט זיך געפונען אין א פונקט כמעט איזאָלירט פון א מענטשלעך אויג, ארום נאָר פעלדער. פאר דער ווישי־רעגירונג האָט עס געהייסן אַז דאָ געפינט זיך א אגרי־קולטור שולע פאר יידישע יוגנטלעכע, אינדעראמתן איז עס געווען אַן אָרט פון דער יידישער אונטערגרונט, א מקלט פאַר אנטלאָפענע יידן פון אָקופּירטן טייל פראנקרייך. געהערט האָט די פערמע צו דער ציוניס־טישער אָרגאניזאציע און דורך איר געוואָרן אונטערשטיצט. דער פונקט איז געוואָרן אָבסערווירט דורך דער אָרטיקע זשאַנדאַרמעריע און זיי האָבן אָפּגעלעקט אָ פעט ביינדל בכדי זיי זאָלן נישט צופיל קוקן און צופיל זעען וואָס דאָ קומט פאָר. די זשאַנדאַרמען האָבן אויך סיגנאַליזירט אָנקומענדיקע סכנות.

אָנקומענדיק אויפן אָרט הויבן זיך אָן שוועריקייטן מיטן איינמעלדן, מיטן לעגאַליזירן זיך. קודם כל האָב איך זיך באַמיט פּטור צו ווערן פון דער צושריפט „זשוויוו״ (ייד) אין אונדזערע דאָקומענטן. מיט א כימישער פליסיקייט געלונגט מיר די צושריפט אָפּצומעקן, אָבער דאָס איינמעלדן איז נישט פון די לייכטע זאַכן. איך ווענדט זיך צום אָנפירער פון דער פערמע חבר שיינער וועגן דעם ענין, אָבער אָן רעזולטאַטן ווייל די פערמע געפינט זיך אונטער א שטרענגען פּאָליציייאישן קאָנטראָל. ערשט נאָך אן אינטערווענץ פון חבר יאַרבלום האָט שיינער זיך אָנגעהויבן פאַרנעמען דערמיט. ער האָט זיך געוואָנדן מיט דעם ענין צום שטאָט־פּרעזידענט (מער) פון שטעטל גרענאַד (די פערמע האָט געהערט צום דעפּאַרטאַמענט (פּאַוויאָט) פון גרענאַד) וועלכע איז געווען א ליבעראַלער מענטש און אויך מיטגעאַרבעט מיט דער פראנצויזישער אונטערגרונט. דער שטאָט־פּרעזידענט האָט אים געענטפערט אַז אין מאַגיסטראַט פון גרענאַד איז דאָס אוממעגלעך צו מאַכן, נאָר ער וועט מיר געבן אָ בריוו צום סאָלטיס פון א דאָרף און מיט דעם קאָן ער מיר העלפן. שיינער האָט מיר געבראַכט דעם בריוו וועלכער האָט געלויטעט:

גרענאַדע דעם 20.8.1942

טייער קאָלעגאָ און פריינט.

איך שיק אייך מיסיע און מאַדאַם קליין, פּליטים פּוילישע בירגער. איך בעט אייך נעמט זיי אויף ביי אייך אין לאנאַק (נאָמען פון דאָרף. א.מ.ק.) און מעלדעט זיי איין. זיי קומען פון פּרעטעסערפ.

מיט פריינטלעכן גרוס. מער פון גרענאַדע (אונטערשריפט)

מיט דעם וואָס דער שטאָט־פּרעזידענט האָט געשריבן אַז מיר קומען פון פּרעטעסערפ, האָט ער אונדז גערעטעוועט ווייל לויט די לעצטע פאַראָרדנונג

איז יעדער געקומענער פון פאַריז געווען אונטערן אונטערן פּאָליצייאישע אויפזיכט. זייערע דאָקומענטן זענען געוואָרן צוגענומען און עס זענען געווען פאַלן פון צוריקשיקן קיין פאַריז. דער באַדייט פון אַזאַ צוריקקערן איז געווען פאַרניכטונג. דער סאָלטיס פון דאָרף וועלכער האָט אויך געהערט צו אַ לינקער ריכטונג האָט פאַרשטאַנען אין וואָס עס גייט און נאָכן אַדורכלייענען דעם בריוו האָט ער מיר געזאָגט אַז ער האָט גרויסן רעספּעקט צום מער און ער איז גרייט מיך איינצומעלדן אָבער פריער מוז איך האָבן אַ וווינאָרט בכדי דאָס איינמעלדן זאָל זיין געזעצלעך. איצט הויבט זיך פאַר מיר אָן אַ לויפעניש מיטן געפונען אַ צימער. איינער איז שוין געווען גרייט מיר איבערצוגעבן אַ צימער אָבער דער בעל-הבית, אַ מיניסטער אין דער ווישי-רעגירונג, האָט אים געענטפערט אַז ער וויל נישט קיין יידן ביי זיך אין הויז. נאָך לאַנגע זוכענישן באַקום איך אַ צימער ביי אַ פאַריזער ייד וועלכער געפינט זיך אין דאָרף מיט נישט-יידישע דאָקומענטן. דער סאָלטיס וואָס איז אין דער צייט געווען שטאַרק פאַר-נומען ביים דעקן אַ דאַך (ער איז געווען אַ בלעכער) גיט מיר אַ צעטל צום סעקרעטאַר פון דער גמינע וועלכער מעלדעט מיך איין אויפן סמך פונעם בריוו פון גרענאָבלער שטאַט-פּרעזידענט. ער האָט ביים איינמעלדן נישט פאַרצייכנט די דאַטע און דאָס האָט מיר שפּעטער געהאָלפן אַז איך זאָל זיך קאָנען פרייער באַוועגן.

זייענדיק שוין איינגעמאָלדן, מיט אַ כשרן סטעמפּל, פאָר איך צוריק צו מיין פרוי מיטן קינד אין דער פערמע. צו דער אַ צייט האָבן זיך דאָרט געפונען 40—50 יוגנטלעכע וועלכע האָבן זיך פאַרנומען מיט דער ווירטשאַפט אין פעלד און אין דער קיך. אַ מידער פון די איבערלעבענישן און כסדרדיקן שרעק פאַרן ווייטערדיקן גורל, שלאָפן מיר איין מיט אַ שטאַרקן שלאָף.

ביינאַכט וועקט מיך מיין פרוי, זי האָט דערהערט אין הויז אַ גערויש און שווערע טריט. און איידער וואָס-ווען, שטייען פאַר מיר 2 זשאַנדאַרמען און פרעגן מיך ווו עס זענען אַלע וועלכע באַוווינען די פערמע. איך האָב געענטפערט אַז מיר וויזיטירן בלויז די פערמע און איך האָב נישט קיין אנונג ווו אַלע געפינען זיך. נאָכן נישטערן אין זייערע דאָקומענטן, נישט געפונענדיק מיין נאָמען, זענען זיי אַוועק און אונדז נישט געטשעפּעט. דער פאַל האָט ביי אונדז ארויסגערוופן אומרו און זאָרג און וועגן ווייטערדיקן שלאָפן איז שוין נישט געווען קיין רייד. באַלד אינדערפרי האָט מיר דער עקאָנאָם חיים פאַכטער דערציילט אַז ווען די חברה האָבן דערהערט אז עס זענען אָנגעקומען זשאַנ-

דאַרמען, זענען זיי אנטלאָפן דורך די פענצטער אין דערנעבנדיקן וואַלד. דאָס זענען געווען ייִדן וועלכע זענען געקומען קיין פראנקרייך אין יאָר 1936 ווען לעאָן בלום איז געווען פרעמיער־מיניסטער און אויף זיי איז געווען א פאַראָרדנונג אַוועקצושיקן אין די פארניכטונגס־לאַגערן. נישט וועלנדיק ריזיקירן, זענען מיר אויך אוועק אין וואַלד.

זוכנדיק אַן אויסוועג צו דער לאַגע, גיי איך צוריק אין דאָרף ווו איך בין געווען געמאָלדן בכדי צו געפונען אַ וווינונג פאר מיין משפחה. אַפזייענדיק עטלעכע טעג אין דער צייטווייליקער וווינונג ביים פאַריזער ייד און נישט געפונענדיק קיין צימער, האָב איך זיך געגרייט צוריקצוגיין אין דער פערמע צו מיין פרוי און קינד. אין זעלבן טאָג באַקום איך א ידיעה פון מיין פרוי (דורך מיינס אַ חבר) אז די זשאַנדאַרמען זענען נאָכאַמאָל געקומען און זיי האָבן באַדויערט וואָס זיי האָבן מיך פריער נישט מיטגענומען מיט זיך. איך בין שוין ווידער אין אַן אויסזיכטסלאָזע לאַגע, אין דער פערמע טאָר איך זיך נישט באַווייזן און אין דאָרף באַקום איך נישט קיין וווינונג, וואָס טוט מען?

איך לאָז זיך אין א צווייטן דאָרף, סט. סעזערט, דריי קילאָמעטער פון לאַנאַק, דאָס איז געווען א קליין דערפל מיט 165 איינוווינער, שוין אריינגע־רעכנט קינדער. די איינוווינער האָבן זיך ווייניק פארנומען מיט ערד־ארבעט, די עיקר פרנסה איז געווען אין די וויין־גערטנער. נאָך גרויסע שוועריקייטן, זוכנדיק פון הויז צו הויז, געלינגט מיר צו באַקומען א וווינונג, כאָטש אָן עלעקטרישע באַלייכטונג, אָבער אַן אָרט ווו אַוועקצולייגן דעם קאָפּ.

מיט דער פריידיקער ידיעה לאָז איך זיך צופיס צו דער פערמע, צו מיין פאַמיליע. נאָכן איבערנעכטיקן, נעמען מיר זיך באַלד אינדערפרי, אין וועג אריין.

ביים איינמעלדן זיך, האָב איך דעם סעקרעטאַר געוויזן אויסער מיין דאָקומענט פון דאָרף ווו איך בין געווען געמאָלדן, אויך דעם בריוו פון גרענאָדער שטאָט־פרעזידענט. זעט אויס אַז אויך דער סעקרעטאַר איז געווען מיט די אונטערגרונטלער און איך האָב נישט געהאַט קיין ספּעציעלע שוועריקייטן ביים איבערמעלדן זיך פון פריערדיקן דאָרף אין איצטיקן.

דער פויער ביי וועלכן איך האָב געדונגען די וווינונג האָט מיר געשטעלט אַ באַדינג אַז כ׳זאָל ביי אים ארבעטן אין וויינגאָרטן. פאַר מיר איז עס געווען אַ דאָפּלטער פרייד, איך האָב שוין אַ דאַך איבערן קאָפּ ווי אויך באַשעפטיקונג.

מיין פרייד איז אָבער געוואָרן געשטערט דורך פרישע האַרצקלאַפּעניש, ווייל אַלע פריש־אָנגעקומענע מוזן זיך מעלדן אין דער זשאַנדאַרמעריע פון דער

פּאָוויאַטאָווער שטאָט און צוליב דעם האָט מען מיך גערופן אויף אַ פאַרהער קיין גרענאַדע. די זשאַנדאַרמען זאָגן מיר אז זיי האָבן מיך געזוכט אין לאַנאַק און דאָרט נישט געפונען. עס ווערט מיר נאָך ביטערער ווען זיי באַטראַכטן גענוי מיינע דאָקומענטן און אַנטדעקן אַז כ׳האָב אויסגעמעקט דאָס סטעמפּעלע „זשוויוו". די אויספאָרשונג הויבט אָן אָננעמען ערנסטע פאָרמען. נישט האָבנדיק קיין ברירה זאָג איך זיי אָפן אַז איך בין אַ ייד און אַלס אזעלכער מוז איך טאָן אַלס בכדי זיך אָפּצוראַטעווען פון די דייטשן. איך באַווייז זיי אויך מיינע דאָקומענטן אז איך בין געווען אין דער פראַנצויזישער אַרמיי און דאָס האָט זיי געמאַכט עטוואָס ווייכער. זיי הייסן מיך קומען צומאָרגנס ממשיך זיין די אויספאָרשונג. דורך דער צייט האָב איך זיך פאַרשטענדיקט מיט מיין חבר שיינער און ער טרעפט זיך מיטן קאָמענדאַנט פון דער זשאַנדאַרמעריע און פאַר א לייטישע מתנה איז אלס געוואָרן גוט און וווּל. פון איצט בין איך שוין אַ כשרער איינוווינער פון סט.סעזערט.

אין דאָרף געפונען זיך צוויי יידישע פאַמיליעס און אַרום דעם דאָרף געפונען זיך אַ נישט־קליינע צאָל יידן מיט קריסטלעכע דאָקומענטן. פאַר דער קריסטלעכער באַפעלקערונג איז עס נישט קיין סוד. זיי פלעגן זאָגן אז זונטיק זענען אין דער קירכע פאַראַן מער יידן ווי קריסטן. זיי פלעגן אויך זאָגן אויב זיי זענען קריסטן און פראַנצויזן, נאָכוואָס דאַרפן זיי אונדזערע אָרעמע כאַטעס? זיי קאָנען דאָך זיין אין פּאַריז?...

מיר האָבן זיך אין דאָרף איינגעלעבט מיט די איינוווינער, זיך באַפריינדעט מיט זיי, געאַרבעט אין זייערע וויינגערטנער און געהאָפט אַז מיר וועלן רואיק אַדורכלעבן די מלחמה־צייט. אזוי האָבן מיר זיך געוווּנטשן, אָבער דער גורל האָט געוואָלט אַנדערש.

אין 11־טן נאָוועמבער 1942, נאָכדעם ווי פראַנצויזיש אַפריקע (דאַקאַר און טשאַד) איז געוואָרן איבערגעגעבן דורכן אדמיראל דאַרלאַן צו די אַלאירטע, ווערט אויך די אזוי־גערופענע פרייע זאָנע באַזעצט דורך די נאַציס און מיט זייער אָנקומען צוזאַמען מיט דער געסטאַפּאָ, דערגרייכן אויך דאָ די אַנטי־יידישע געזעצן. פאַרשטייט זיך אַז די געזעצן ווערן נישט איינגעפירט מיט דער זעלבער שטרענגקייט ווי אין פּאַריז, ווייל אָפיציעל האָט מיט דער אַדמיניס־טראַציע אָנגעפירט די ווישי־רעגירונג. די פרייע זאָנע איז געוואָרן בלויז מילי־טעריש־אָקופּירט. די לאַגע איז געווען עטוואָס לייכטער מיט דעם וואָס דער געזעץ פון דער געלער לאַטע איז נישט חל געווען אויף די געביטן (דעם סטעמפּל „ייד"

אויף די דאָקומענטן האָבן זיי יאָ געמאַכט) און דאָס האָט אונדז געגעבן מעג־לעכקייטן זיך אויסצובאַהאַלטן ביי פראַנצויזן בשעת אַן אַבלאַווע. א גרויסע הילף האָבן ארויסגעוויזן די פראַנצויזישע זשאַנדאַרמען וועלכע האָבן געגעבן סימנים ערב א געפאַר געכאַפּט צו ווערן אינדערצייט פון אַבלאַוועס וואָס זיי זענען געווען געצווינגען אין די ראַמען פון זייער דינסט, אדורכצופירן, אָבער טראָץ די פאַרלייכטערונגען, זענען פיל יידן געוואָרן געכאַפּט און פאַרשיקט קיין אוישוויץ.

איינמאָל, אהיימגייענדיק פון דער ארבעט אין די וויין־פּלאַנטאַציעס פון דער פאַמיליע זשערמען (אַן אייניקל פון אינדזשינער לעסעפּס, בויער פון סועץ־קאַנאַל, די פאַמיליע האָט געהאָלפן מיט אַלע מעגלעכקייטן די אויסבאַהאַלטענע יידן) פאַרציילט מיר מיין פרוי אז צוויי פראַנצויזישע אגענטן האָבן מיך געזוכט. אַ ביטער מזל באַגלייט מיך די גאַנצע צייט! ווי נאָר די נאַציס דרינגען אריין דערמאָנען זיי זיך אין מיר! קיין צייט איז נישטאָ, מיט יעדן טאָג קאָן ווערן קאַטאַסטראָפאַלער, מען דאַרף זוכן א באַהעלטעניש. אָבער ווו? ביי וועמען? ווער וועט זיין גרייט אויף אזא סכנהדיקן שריט פון באַהאַלטן אַ געיאָגטן ייד? אַלע באַקאַנטע מיט וועלכע מיר זענען געווען באַפריינדעט, זענען געווען גרייט מיר אָפּגעבן א פּלאַץ, אָבער זיי האָבן אָפנהאַרציק מיר דערקלערט אז אויב מען וועט זיך פרעגן אויף מיר, וועלן זיי נישט קאָנען לייקענען, זיי קאָנען נישט גיין קעגן דער מאַכט. אלזאָ וואָס ווייטער? פון וואַנען וועט קומען די הילף?

איך דערמאָן זיך אין פריזיער פון דאָרף, מיסיע קאַרפּענטיע, אפשר וועט ער מיר זיין בייהילפיק. אפשר? — — —

מיסיע קאַרפּענטיע

איך האָב שוין אין די פריערדיקע קאַפּיטלען דערמאָנט וועגן דעם סאָלי־דאַריטעט וואָס א גאַר־גרויסער טייל פראַנצויזן האָבן ארויסגעוויזן צו זייערע יידישע מיטבירגער און וועגן זייער הילף פאַר דער יידישער באַפעלקערונג. עס מוז דערמאָנט ווערן אַז אַ דאַנק די אַ נאָבעלע און אידעלע פראַנצויזן וועלכע האָבן אין פיל פאַלן איינגעשטעלט זייער אייגן לעבן, זענען זייער פיל יידן געוואָרן אָפּגעראַטעוועט פון אַ זיכערן טויט. אין קעגנזאַץ צו דער געמיינער פאַרעטערישער אויפפירונג פון אונדזערע געוועזענע שכנים די פּאָליאַקן וועלכע האָבן פון דער ערשטע טעג מיטגעהאָלפן די נאַצי־תליבים אין זייער מענטשן־

פרעסערישער ארבעט, ווען אין פוילן און אין אנדערע מזרח־אייראָפּעאישע לענדער האָט די אַרטיקע באַפעלקערונג ארויסגעוויזן א התלהבות צו דער יידן־אויסראָטערישער פּאָליטיק פון די היטלער־מערדער, האָט א גאַר־גרויסער טייל פון דער פראנצויזישער באַפעלקערונג מיטגעהאָלפן אירע יידישע מיט־בירגער.

איינער פון די הערלעכע זין פון פראנצויזישן פאָלק איז געווען מיסיע קאַרפּענטיע.

קאַרפּענטיע איז אויך געווען אַ פּליט. געקומען איז ער פון צפון־פראנקרייך, ביי דער בעלגישער גרענעץ. זיין שטעטל איז געוואָרן באָמבאַרדירט און צעקלאַפּט ביים אריינדרינגען פון דער נאַצי־ארמיי. ער, ווי א סך פראנצויזישע פּליטים, זענען נישט געווען אויסגעשטעלט אָוועקגעשיקט צו ווערן אין טויטן־לאַגערן ווי יידן. ער איז געקומען אין דאָרף, זיך דאָ באַזעצט, געפירט א פאַמיליע־לעבן און געצויגן זיין חיונה פון אַ שטיקל ערד וואָס ער האָט געקויפט און באארבעט. אויסער דעם איז ער געווען דער פריזיער פון דאָרף ווייל פריער איז קיין פריזיער נישט געווען. איינמאָל, זיצנדיק ביי אים בעתן שערן, באַמערק איך אז אויפן שפּיגל, אין סאַמע פראָנט, איז אָנגעקלעפּט אַ פלוג־בלעטל אראָפּגעוואָרפן דורך אַן ענגלישן עראָפּלאַן מיט דע־גאָלס רוף צו די פראנצויזן זיך אנטקעגנצושטעלן דער נאַצי־מאַכט. ווען איך האָב אים באַמערקט אַז דאָס איז א סכנה, עס קאָן נאָך עמעץ פון דער מאכט דאָס באמערקן, האָט ער מיר געענטפערט אז ער האָט נישט קיין מורא, ער איז שוין אַן אלטער מאַן, עס־איז נאָר אַ שאָד די יוגנט.

האָבנדיק צו אים צוטרוי, באַשליס איך מיט אים זיך צו באַראָטן, הערן זיינס אַן עצה צו אונדזער קלאָגנדיקן מצב.

נאָכן באַטראַכטן פאַרשידענע עווענטועלע ערטער ווו ס'איז פאַראַן אַ מעגלעכקייט צו געפינען אַ באַהעלטעניש, זאָגט ער צו מיר: ניין, די אלע פלעצער זענען נישט קיין זיכערע, איינער איז א שיכור, דער צווייטער וועט נעמען געלט און דערנאָך דיך איבערגעבן דער געסטאַפּאָ, ס'איז נאָר פאַראַן איינאיינציקער אויסוועג — איר וועט זיין ביי מיר. גיי ברענג די פרוי — זאָגט ער צו מיר, זאָל זי אָנקוקן דעם צימער.

איך בין געבליבן אָן לשון און פרעג אים: וויאזוי קאָנסטו אונדז געבן אַ צימער, דו האָסט דאָך אַ קליינע וווינונג א. א. וו. — אָבער עס האָט גאָרנישט געהאָלפן. איך בין געקומען צוזאמען מיט מיין פרוי צו באַקוקן דעם צימער

(דאָס באהעלטעניש האָט געדאַרפט זיין פאַרביידן ווייל אויך מיין פרוי האָט זיך געמוזט אויסבאהאלטן) און פאַרשטייט זיך אז ס'איז אונדז זייער געפעלן. מיסיע קאַרפּענטיע האָט אונדז אָפּגעגעבן דעם בעסטן צימער מיט א הילצערנע פּאָדלאָגע (אין די איבעריקע צימערן איז די פּאָדלאָגע געווען א שטיינערנע) וואָס האָט געהערט צו זיין טאָכטער וועלכע האָט געלערנט אין אן אנדערע שטאָט און איז אהיימגעקומען בלויז אויף זונטיק. „מיר וועלן זיך אן עצה געבן — האָט ער באמערקט, אָבער איר מוזט זיך אויסבאהאלטן פאַרן „באָש" (פראַנצויזיש זידל־וואָרט אויפן דייטש)".

ווען איך האָב געפרעגט וויפיל מיר דאַרפן באַצאָלן, וויפיל דאַרף עס קאָסטן, האָט ער זיך פשוט באַליידיקט און נישט געוואָלט הערן וועגן באַלוינונג. „איר זייט אין אן עת צרה און ווען מ'ראַטעוועט מענטשן פון די נאַצי־מערדער, רעדט מען נישט פון באַלוינונג" — האָט ער געזאָגט.

אונדזער מאַרסעל

פון טאָג צו טאָג ווערט די לאַגע שווערער און געפערלעכער. די ווישי־הערשער אַרבעטן מיט מיט דער געסטאַפּאָ און עס קומען אָן ידיעות פון טולוז און פון גרענאָבלע אז יידן ווערן פאַרשיקט אין די לאַגערן. מיר טאָרן נישט פאַרלירן קיין צייט ווייל עס קאָן דערנאָך זיין צו שפּעט. מיר מוזן אַוועק אין באַהעלטעניש פון דער פאַמיליע קאַרפּענטיע. איצט שטייט פאַר אונדז אַן ערנסטע פראַגע, וואָס זאָלן מיר טאָן מיט אונדזער פינף און א האַלב יאָריקן מאַרסעל ? ווו געפינען מיר פאַר אים א זיכער אָרט ?

איך בין אריינגעגאנגען צו מיין בעל־הבית מיסיע ביליער און אים דערציילט אז אזוי ווי מיר מוזן זיך אויסבאהאלטן אין אן אָרט 25 קילאָמעטער פונעם דאָרף (זיי טאָרן נישט וויסן אז אונדזער באהעלטעניש אי בסך הכל 50 מעטער פון זיי און אזוי ווי מיר האָבן צו אים גרויסן צוטרוי און קאָנען אים אלס ערלעכן און גוטן קריסט, בעטן מיר אים אז זיי זאָלן האלטן מאַרסעלן ביז אונדזער צוריקקומען. מיסיע ביליער האָט מסכים געווען (זיי האָבן אונדזער קינד זייער ליב געהאַט) און מיר קומען אדורך מיטן פרייז, 500 פראַנק א חודש. איידער מיר פאַרלאָזן די שטוב, ווייזט אונדז די פרוי ביליער דעם צימער און בעטל ווו מאַרסעל וועט שלאָפן. זי פרעגט מיך וואָס סאַרע גאָט זאָל זי אויפהענגען איבערן בעטל בכדי דאָס קינד זאָל רואיק שלאָפן ? איך האָב איר געענטפערט אז מיר יידן האָבן איין גאָט אין הימל און ער היט אונדז אלע...

מיר פאַרלאָזן די וווינונג מיט האַרצווייטיק. זייער שווער זיך צוצושיידן מיט אַ קינד אין אַזאַ צייט ווען מען ווייסט נישט וואָס עס וועט זיין דער ווייטערדיקער גורל און ווען דאָס וועט זיך שוין ענדיקן.

מיר פאַרשליסן אונדזער וווינונג און מיטנעמנדיק די נויטיקסטע זאַכן גייען מיר אין אונדזער באַהעלטעניש. מיסיע קאַרפּענטיע נעמט אונדז אויף מיט פרייד און מיט טרויער מיט פרייד — אַז ער קאָן אונדז העלפן און מיט טרויער אַז מיר זענען געצוווּנגען זיך צו באַהאַלטן בכדי נישט צו ווערן פאַרניכטעט דורך די נאַצי־באַנדיטן.

דאָס הויז האָט זיך געפונען בערך 50 מעטער פון אונדזער שטוב, אַזוי אַז איך האָב געהאַט אַ מעגלעכקייט אַריינצוגיין ביינאַכט און נעמען פאַרשידענע נויטיקע זאַכן. פון צייט צו צייט זענען מיר אַריינגעגאַנגען צו אונדזער קינד, נאָר אַזוי ווי פאַר די איינוווינער האָט עס געהייסן אַז מיר באַהאַלטן זיך ווייט פון דאָרף, האָב איך גענומען דעם ראָווער פון מיסיע קאַרפּענטיע, איינגע־שמירט די שיך און הויזן מיט בלאָטע עס זאָל אויסזען אַז איך קום פון ווייט...

האַרצרייסנד איז געווען ווען מיין פרוי איז מיטגעגאַנגען זיך צו טרעפן מיטן קינד און נאָך מער טראַגיש איז געווען דאָס געזעגענען זיך. דאָך אַ מאַמע מיט אַ פאַרביטערט האַרץ. זי האָט זיך מיט אים אביסל געשפּילט און ביים אוועקגיין האָט ער זיך פשוט געוואָרפן אויף דער מוטערס האַלדז און זיך געבעטן מען זאָל אים מיטנעמען. ווען מיין פרוי האָט אים געפּרוּווט באַרואיקן אַז דאָ האָבן אים אַלע ליב, דאָ האָט ער צו עסן א. א. וו. האָט דאָס קינד זיך צעוויינט און געזאָגט אַז ער וויל נישט עסן, ער וויל נאָר צו דער מאַמען. מיר האָבן זיך פשוט אָפּגעריסן פון קינד און צוריק אין באַהעלטעניש מיט צעבראָכענע הערצער. פון דעמאָלט אָן האָב איך זיך באַמיט אויסצומיידן אַז מיין פרוי זאָל זיך זעען מיטן קינד. מיר זענען געזעסן אין אונדזער באַהעלטעניש און אַרויסגעקוקט דורך אַ שמאָלע שפּאַרעבקע ווי קינדער צוזאַמען מיט אונדזער מאַרסעלן שפּילן זיך נישט האָבנדיק די מעגלעכקייט אים אַרומצוטוליען, אַ גלעט געבן איבערן קעפּל. מיר זענען אַזוי נאָענט פון אונדזער טייער קינד און דאָך אַזוי ווייט! אַזוי ווייט! דאָס קינד ווייסט נישט אַז זיינע טאַטע—מאַמע פאַלגן נאָך נאָך אַלע זיינע באַוועגונגען. אַ, ווי טראַגיש עס איז דער יידישער גורל!

איינמאָל האָט פּאַסירט אַ פאַל וואָס האָט נאָך מער פאַרקלעמט אונדזערע

אַנגעווייטיקטע הערצער. אונדזער קינד האָט זיך דערנענטערט, אינמיטן שפּילן זיך, צום פענצטער פון אונדזער באַהעלטעניש און אָנגעהויבן רייסן דעם לאָדן ווי ער וואָלט אינסטינקטיוו געפילט אַז אינעווייניק געפינען זיך זיינע נאָענטע און טייערע און מיר, זיינע עלטערן האָבן זיך נאָכמער געמוטשט באַהאַלטן אַז ער זאָל חלילה אונדז נישט באַמערקן.

אָרעמער מאַרסעל, ביי דיינע קנאָפּע זעקס יאָר מוזטו מיטמאַכן אַזעלכע שוידערן! — — —

די פאַמיליע בילִיער האָבן אים זייער ליב געהאַט, אים געהאַלטן ווי אַן אייגן קינד. איינמאָל, ווען בילִיער איז ערנסט קראַנק געוואָרן (איך בין אים געקומען מבקר־חולה זיין) און ער האָט געפילט אַז זיין טויט איז נאָענט, האָט ער צוגערופן מיך מיט זיין פרוי צום בעט און געזאָגט צו זיין פרוי (דאָס זענען געווען זיינע לעצטע ווערטער פאַרן אָפּשטאַרבן) אַז טאָמער קומען מאַרסעלס עלטערן נישט צוריק, זאָל זי האַלטן דאָס קינד ביי זיך און אים גוט באַהאַנדלען. דאָס קינד זאָל בלייבן ביי זיין גלויבן ביז 21 יאָר, דערנאָך זאָל ער אַליין באַשטימען וואָס ער וויל זיין, אַ ייד צו אַ קריסט, דאָס איז געווען די לעצטע צוואה זיינע.

פרישע געפאַרן

זייענדיק אין באַהעלטעניש, האָבן מיר געהאַט שוועריקייטן מיטן באַזאָרגן פאַר זיך עסנוואַרג, ווייל נאָך אַ סך לעבנסמיטל האָט מען געמוזט פאַרן קיין גרענאָדע. אויך איצט קומט אונדז צוהילף דער אידעלער קאַרפּענטיע. ער פאָרט פיל מאָל ספּעציעל פאַר אונדז בכדי אונדז צו באַזאָרגן מיטן נויטיקן. ערגער איז געווען מיט ברויט ווייל ברויט־קאַרטן זענען געוואָרן אַרויסגעגעבן דורכן מאַגיסטראַט. איך האָב זיך פאַרשטענדיקט מיטן סעקרעטאַר (אַ דעמאָ־קראַט און קעגנער פון דער ווישי־רעגירונג) ער זאָל אַהיימנעמען די ברויט־קאַרטן און ביינאַכט פלעג איך קומען אָפּנעמען. דער סאָלטיס פון דאָרף, מיסיע לאַראָש, זעענדיק אַז מיינע קאַרטן בלייבן נישט איבער, האָט געפרעגט דעם סעקרעטאַר דערוועגן און ער האָט אים געזאָגט אַז קליין שיקט אַהער אַ פראַנצויז וועלכער נעמט פאַר אים אָפּ די קאַרטן (איך האָב אים געבעטן אַזוי צו זאָגן). דערהערנדיק דאָס, האָט דער סאָלטיס געזאָגט אַז איך דאַרף נישט מורא האָבן און קומען צו אים יעדן חודש בייטן די קאַרטן. ווען דער חודש איז אַדורך, בין איך געקומען אין איינער אַ נאַכט צום סאָלטיס. ער האָט

מיך אויפגענומען מיט שמחה און אינטערעסירט זיך מיט מיין לאַגע. איך האָב אים געזאָגט אַז קיין סך צייט האָב איך נישט ווייל מען וואַרט אויף מיר און איך קום פון ווייט (סך הכל האָט זיך אונדזער באהעלטעניש געגרע־נעצט מיט זיין וווינונג, א וואנט ביי א וואנט...) ער האָט מיר געביטן די קארטן און פריינטלעך מיר צוגעזאָגט בייהילפיק צו זיין מיט אלעם נויטיקן.

דערווייל ווערט די לאגע אומדערטרעגלעך. מיט לעבנסמיטל ווערט וואָס אמאָל שווערער, מיר האָבן נישט געקאָנט פאַרלאַנגען פון מיסיע קארפענטיע ער זאָל זיך מיט אונדז כסדר פארנעמען, כאָטש ער האָט עס געטון זייער גערן. מיר האָבן אויך נישט געזען קיין פערספעקטיוו און האָפנונג אַז אין קורצנס זאָל עס זיך ענדיקן און די לאגע פון דער יידישער באפעלקערונג איז געוואָרן וואָס אמאָל שווערער. ווייטער צו לעבן אין אזעלכע באדינגונגען איז געוואָרן אוממעגלעך, דעריבער, שטיצנדיק זיך אויף דעם וואָס אין פאריז האָט די געסטאַפּאָ געשוינט שוואַנגערע פרויען און קינדער ביז צוויי יאָר, באַשליסן מיר אַז מיין פרוי זאָל פארשוואנגערן, כאָטש דאָס איז געווען אַ קאַלאָסאַלע פאַראַנטוואָרטלעכקייט אין אזא אומנאָרמאַלע צייט.

נאָך דער פעסטשטעלונג פון דאָקטאָר אַז מיין פרוי איז אין דריטן מאָנאָט פון שוואַנגערשאַפט, גייט מיין פרוי ארויס פון באַהעלטעניש און נעמט אהיים אונדזער קינד. זיי עטעמען אביסל אָפּ און דאָס קינד האָט צוריק א היים. איך בלייב ווייטער אין באהעלטעניש און יעדן ביינאַכט ווען אַלע, בתוכם אונדזער מארסעל, שלאָפן שוין, ברענגט מיר מיין פרוי עסן (אויך מארסעל טאָר נישט וויסן ווי איך באהאלט זיך אויס). ווען עס האָט זיך געמאכט אביסל רואיקע טעג, בין איך ארויס פון באהעלטעניש און אויסגעפירט שניידעריי־ארבעטן פאר די פויערים וועלכע האָבן זיך זייער גענויטיקט אין א שניידער. פאר דער ארבעט האָב איך באַקומען לעבנסמיטלען און פון עטלעכע טעג ארבעט האָב איך געהאט גענוג אויף א גאַנצן מאָנאָט. איך פלעג אויך אריינפאָרן איין מאָל אין וואָך (אין מארק־טאָג) קיין גרענאָדע איינקויפן פראָדוקטן וואָס מען האָט נישט באַקומען אין דאָרף. דאָס באַוויזן זיך אין גרענאדע איז געווען פארבונדן מיט גרויסע סכנות ווייל נישט ווייניק געסטאַפּאָ־אגענטן פלעגן זיך דאָרט ארומדרייען, אָבער צוליב דער בייהילף פון די פראַנצויזישע זשאַנדאַרמען, האָבן זיך פיל יידן אָפּגעראַטעוועט. איינמאָל, גייענדיק צום שטעטל, קומט אָן אַ זשאַנדאַרם אויף אַ ראָווער און זאָגט אונדז אין דייטש (ער איז געווען פון עלזאַס־לאָטרינגען) אַז מיר זאָלן זיך שנעל אומקערן ווייל די געסטאַפּאָ איז

דאָרט פאַראַן. ער האָט נאָך צוגעגעבן אז מיר זאָלן דאָס איבערגעבן אלע אנדערע יידן. א גרויסער טייל האָבן זיך טאַקע אָפּגעראַטעוועט.

דערווייל גייט די צייט און מיין פרוי געפינט זיך שוין אין די הויכע חדשים. מיר טראַכטן שוין וועגן א נאָמען פאַרן קינד וואָס וועט געבוירן ווערן. דעם 30־טן אָקטאָבער 1943 הויבט מיין פרוי אָן צו באַקומען ווייען און מיט דער הילף פון סאָלטיס באַקומען מיר א צעטל אויף בענזין וואָס איז געווען זייער באַגרענעצט. מיין פרוי אין דער באַגלייטונג פון א יידישע פרוי וואָס האָט געוווינט אין דאָרף ווערט איבערגעפירט אין שפּיטאָל קיין טולוז, עטלעכע דרייסיק קילאָמעטער פון דאָרף. איך טאָר נישט מיטפאָרן צוליב דער דרענדיקער געפאַר געכאַפּט צו ווערן ווייל צו דער צייט איז די לאַגע אין די שטעט געווען גאָר־געפערלעך פאַר יידן. פאַר דער פרויס אָפּפאָר באַשטימען מיר אויב עס וועט געבוירן ווערן א יינגל זאָל ער הייסן נאָך מיין פאָטער יצחק און אויב א מיידל נאָך מיין מוטער רבקה. איך ריזיקיר און פאַרבלייב מיט מארסעלן אין שטוב.

צומאָרגנס דעם 31־טן אָקטאָבער, באַקום איך א טעלעפאָן אז מיין פרוי האָט געבוירן א מיידעלע און זי האָט דעם קינד אַ נאָמען געגעבן רבקה, נאָך מיין מוטער, די דאָקטוירים און קראַנקן־שוועסטער האָבן זיך געוווּנדערט וואָס ביי אַזעלכע אומשטענדן האָט מיין פרוי ריזיקירט און געגעבן א יידישן נאָמען. מיין פרוי האָט דעצידירט געענטפערט, יאָ, דאָס איז מיין מאַנס און אויך מיין אייגענער פאַרלאַנג.

פרייען זיך מיטן ניי־געבוירענעם קינד ווי אין נאָרמאַלע צייטן, האָב איך נישט געהאַט קיין מעגלעכקייטן. פון צייט צו צייט האָב איך זיך ארייַנגעכאַפּט אין שטוב אַ בליק טאָן אויפן קינד. דער עיקר האָב איך זיך געמוזט באַגנוגענען מיטן ארויסקוקן פון קישטאָל דורך אַ שפּאַרע און די פרוי האָט ספּעציעל אויפגעהויבן דאָס קינד איך זאָל האָבן מעגלעכקייטן אַ קוק צו טאָן.
צווישן מיין באַהעלטעניש און די וווינונג איז געווען א שטייענדיק וואַסער אריבערקוגענדיק איז מיר מעגלעך געווען זען מיין ניי געבוירן קינד

מיר האָבן אויך נישט געטאָרט פאַרגעסן אַז אונדזער מאַרסעל, וועלכער איז שוין געגאַנגען אין שולע, זאָל דערצויגן ווערן אלס ייד, ער איז געווען דער איינציקער יידישער יינגל צווישן די שילער. איך האָב געבעטן ביים גלח וועלכער פלעגט גיין טאָג־טעגלעך מיט די שילער אין קירכע צום קאַטע־

כיזם, אז מיין מארסעל זאָל נישט נעמען קיין אנטייל ווייל איך בין אַ ייד און וויל אז אויך מיין קינד זאָל בלייבן אַ ייד. דער גלח האָט מסכים געווען און מארסעל איז געבליבן אין דרויסן ביז זיי האָבן געענדיקט די תפילה. מאַרסעל פלעגט מיך אויך פרעגן: פּאַפּאַ, זיי האָבן אַן עגליז (קירכע) וואָס האָבן מיר יידן? האָב איך אים געענטפערט אז ווען מיר וועלן אהיימקומען קיין פּאַריז, וועל איך אים ווייזן ווי עס זעט אויס אַ יידישע שיל. נאָך דער באפרייונג בין איך מיט אים יעדן פרייטיק און שבת געגאנגען אין דער פּאווע־שיל אין פּאַריז. ער האָט זיך אזוי צוגעוווינט אז יעדן פרייטיקצונאכטס איז ער געגאנגען אין שיל טרינקען פון קידוש...

יאָ, סכנות לויערן אויף טריט און שריט. געפאַרן קומען אָן נישט־ריכטנדיק זיך אויף זיי.

אַזאַ סכנה האָב איך איבערגעלעבט ווען איך האָב געפירט פון וואַלד האָלץ־צווייגן פאַרן שטוב־געברויך. זיצנדיק אויפן וואָגן געשפּאַנט אין צוויי בהמות, זייענדיק שוין נאָענט צו מיין שטוב, וואַקסט אויס אַ פּאָליציי־אַגענט אַנגעטון ציוויל און פרעגט מיך צו איך ווייס נישט ווו עס וווינט דער ייד קליין. מאָמענטאַל בין איך געבליבן אין אַ פאַרלעגנהייט אָבער דאָ שפּילט אַ ראָלע אַ סעקונדע און איך האָב אים אויפן אָרט געענטפערט, יאָ, איך קאָן אים. צוקומענדיק מיט אים צו דער שטוב, האָב איך געזאָגט מיט אַ הויך קול בכדי מיין פרוי זאָל זיך אריענטירן וואָס דאָ קומט פאָר — אָט דאָ וווינט ער. ער איז אריין אין שטוב און איך בין אין איין אויגנבליק אריין אין אַ נאָענטן ראַוו. ליגנדיק האָב איך געהערט ווי מיין פרוי זאָגט אים אז איך בין נישטאָ. ער שרייט זיך אויס די גאַל ביז עס ווערט אים מיאוס און ער פאַרלאָזט אונדזער שטוב. איך האָב שנעל אָפּגעלאָדנט די צווייגן און אריין צוריק אין באהעלטניש.

איבערלעבענישן יאָגן איבערלעבענישן, געפאַרן יאָגן געפאַרן.

אַ געוויסן אָוונט ווען מיין פרוי איז געזעסן אין דרויסן אויף אַ באַנק מיטן קינד, איז אדורכגעפאַרן ד"ר דוואָרין אויף אַ ראָווער און איבערגעגעבן מיין פרוי אז איך זאָל ביינאַכט נישט שלאָפן אינדערהיים. עס איז ביי אים געווען אַ זשאנדארם און געבעטן דאָס איבערצוגעבן. פאַרשטייט זיך אז די נאַכט איז ביי מיר געווען אַ שלאָפלאָזע, פול מיט זאָרגן. צומאָרגנס, באַלד אינדערפרי, כאַפּ איך זיך אריין אין שטאַל און דורך אַ שפּאַרע זע איך ווי

צוויי זשאנדארמען פארלאָזן מיין שטוב. ביינאַכט איז מיין פרוי געקומען צו מיר און דערציילט אַז צווישן די זשאנדארמען איז איינער געוועזן א פרעמדער, פון טולוז און דער צווייטער איז געווען טאַקע דער וואָס האָט איבערגעגעבן די ידיעה. דער אַ זשאנדארם האָט זיך זייער געפלייסט ביים זוכן מיך, ווייל ער האָט דאָך געוווסט אז איך בין נישטאָ אינדערהיים. אלזאָ כ׳בין שוין ווידער אָפּגעראטעוועט.

דעם 5־טן פעברואר 1944 באַקום איך אן איינלאדונג צוצושטעלן זיך קיין טולוז צום קאָמיסאר שעף פון צענטראלן פּאָליציי־אמט אין דער גענעראל־אינפאָרמאציע. פון דעם אָרט אז מען קומט דאָרט אריין, איז שוין קיין צוריק־וועג נישט פאראן. פון דאָרט איז דער וועג גלייך קיין אוישוויץ. איך באַהאַלט זיך אויס און אין עטלעכע טעג קומט א פּאָליציי־אגענט מיך זוכן. מיין פרוי זאָגט אים אז איך בין געפאָרן צו דער פּאָליציי קיין טולוז און ער האָט געטענהט אז עס איז א ליגן ווייל ער האָט מיר געשיקט די איינלאדונג.

אזוי גייט א קאץ און מויז שפיל צווישן מיר מיט דער נאַצישער־אימפעריע. עס איז נאָר א פראגע צו וועט מיר כסדר געלונגען אז איך זאָל ארויס א לעבעדיקער פון דעם טייוולאָנישן שפּיל...

אין וואלד

ס׳איז פרילינג פון יאָר 1944. די דייטשישע ארמיי, באַקומענדיק אויף די פראָנטן טויט־קלעפּ, ווערט וואָס אמאָל מער צעווילדעוועטער און געפערלעכער. די געפאר ווערט פון טאָג צו טאָג גרעסער און די סכנה לויערט אויף טריט און שריט.

דעם 19־טן מאי 1944 קומט צו מיר אריין מיין רעטער קארפּענטיע און לויט זיין פנים זע איך אַז עפּעס קומט פאָר אין דאָרף. ער דערציילט מיר אז מען זוכט עמעצן מיטן נאָמען קליין. ער גייט נאָכאַמאָל ארויס זיך אינפאָרמירן און עס ווייזט זיך ארויס אז נישט קליין ווערט געזוכט נאָר א געוויסער בליין, אַ מענטש מיט א באָרד אין די מיטעלע יאָרן. יעדנפאלס כאָטש נישט מיך מיינט מען אָבער ס׳איז דאָ א סכנה אז דאָס מיליטער וואָס געפינט זיך אין דאָרף אין א גרויסער צאָל, וועלן אדורכפירן רעוויזיעס פון שטוב צו שטוב. זייענדיק באַאומרואיקט פון דער געשעפענער לאַגע זאָגט מיר קארפּענטיע אַז מען מוז שוין איצט, נישט אָפּלייגנדיק, צוטראכטן עפּעס א פּלאַן פון אויסבאַהאַלטן זיך. אויב האָסט זיך אָפּגעראטעוועט ביז איצט — זאָגט ער

צו מיר, נאָכוואָס אריינפאַלן אין דער לעצטער מינוט ? דער איינציקער אויסוועג וואָס קאַרפּענטיע לייגט מיר פאָר, איז באהאַלטן זיך אין וואַלד וואָס געפינט זיך נאָענט פון זיין פעלד. איך שרייב אָן א צעטעלע צו מיין פרוי ווו איך קלער איר אויך אז ביז די בהלה וועט אַדורך איז נישטאָ קיין אנדערע עצה ווי אויסצובאַהאַלטן זיך צייטווייליק אין וואַלד. איך מאַך זיך נישט קיין גרויסע אילוזיעס צו איך וועל בכלל נאָך זוכה זיין זיך צו זעען מיט מיינע טייערע. שפּעט אין אָוונט געזעגן איך זיך אין מיין באהעלטניש מיט מיין פרוי און מיט אַ צעבראָכן האַרץ לאָזן מיר זיך איך מיט קאַרפּענטיע אין וועג אריין. מיר גייען דערווייטערט איינער פון צווייטן בערך א 30 מעטער (אויב אריינ־פאַלן, זאָל כאָטש איינער בלייבן, ביז מיר קומען אָן אין וואַלד.

אויפן אָרט נעמט קאַרפּענטיע ארויס פון זיין זאַק אַ גראַב־אייזן, לאָפּאַטע און שטריק און מיר נעמען זיך צו דער ארבעט. מיר שטעלן אויף 5 קופּעס פון טריקענע צווייגן און אין איינער פון זיי מאַכן מיר א הויל אָרט אין דער גרויס ווי א בודע פאַר א הינט, דאָרט קריך איך אריין. לשם זיכערקייט ווערט אַלס פארבינדן מיט שטריק און אין א צייט פון סכנה, גיבנדיק א צי ביי דער שטריק, פאַלט אַלס איין. איך האַלט אויך ביי זיך אַן עוואַנגעליש געבעטס־ביכל, טאָמער געפינט מען מיך, זאָל מען נישט אויפן אָרט וויסן אז איך בין אַ ייד.

צומאַרגנס פאַרטאָגס, נאָכן אדורכגעכטיקן די ערשטע נאַכט אין פרישן באהעלטניש, ווערנדיק אדורכגעווייקט פון אַ שטאַרקן רעגן, האָט מיר קאַרפּענטיע געבראַכט א שעניק מיט א פאַלטן זיך צוצודעקן. עסן האָט פאַר מיר געקאָכט מיין פרוי און שפּעט ביינאַכט בכדי נישט באמערקט צו ווערן פון קיינעם, האָט זי דאָס איבערגעגעבן קאַרפּענטיען וועלכער האָט מיר עס איבערגעגעבן צומאַרגנס ווען ער איז ארויס ארבעטן אין פעלד, געווען אויך פאַלן אז דעם זעלבן טאָג האָט ער נישט געהאַט קיין מעגלעכקייטן מיר איבערצוגעבן דאָס עסן ווייל מענטשן האָבן זיך געפונען אין דער סביבה. אין אזא פאַל האָט ער געהאַלטן דעם עסן ביז צומאַרגנס. זעט אויס אז צו צרות איז דער מענטש שטאַרקער פון אייזן. איך ווער נישט קראַנק פון דער קעלט און רעגן און דאָס קאַלדיקע עסן שאַדט מיר אויך נישט. ברויט האָט ער מיר געבראַכט איינ־מאָל אין וואָך. שווערער איז געווען מיט וואַסער, דעריבער בין איך געצווינגען אין די פינצטערע נעכטאַהיימצוגיין מיט פאַרזיכטיקע טריט, נעמען אַ טאָפּ מיט וואַסער און תיכף צוריקקערן אין וואַלד אריין.

אויסער דער געפאַר מצד די דייטשן, האָבן נישט געפעלט אנדערע סכנות. איינמאָל זענען די דאָרפסאיינוווינער געקומען אין וואלד אויף יאגד (אין וואלד זענען געווען א סך האָזן) האָט זיך איין האָז פארגלוסט צו אנט־לויפן דווקא אין מיין באהעלטניש. מיר געלונגט אים ארויסצויאָגן און די ביקסן־שאָסן זענען אוועק אין אן אנדערע ריכטונג.

דערווייל קומען אָן אין דאָרף אַ גרויסע צאָל דייטשן וועלכע פירן אדורך מאַנעווורעס. די מאַנעווורעס מיידן אויך נישט אויס דעם וואלד ווו איך בין באַהאַלטן. איינמאָל ליגנדיק אין מיין בודע. הער איך א שטאַרקן רעש ארום מיר. איך שטרענג זי דאָן און דערהער געשפרעכן און באפעלן אין דער דייטשער שפראַך. איך שטעק פאָרזיכטיק ארויס דעם קאָפּ און דערזע ווי זיי שטעלן אָן מאַשין־געווערן פון ביידע זייטן וואלד. אין זעלבן מאָמענט באַווייזט זיך קאָרפּענטיע מיין אויסלייזער און רעטער און זאָגט צו מיר: „קליין, ראטעווע זיך וואָס שנעלער, איצט קאָן איך מיט גאָרנישט העלפן. דער דאָרף איז פול מיט מיליטער". די קוילן פליען פון אַלע זייטן, די מאַנעווורעס קומען פאָר אין פולן גאַנג. איך האָב א צי געטון ביי דער שטריק און די קופּע צוויגן איבער מיר פאַלט איין. בכדי אַרויסצוקומען פון דער סכנהדיקער שפערע) ריטש איך זיך אויפן בויך ביז כ׳קום ארויס פון דער געפאַר.

וואָס טוט מען ווייטער? דאָס לעצטע רעטונגס־אָרט איזאויךפארשוואונדן, פונוואַנען וועט קומען די הילף?

נישט האָבנדיק קיין אנדערע עצה, קיין שום אַנדערן אויסוועג, נעם איך דעם וועג אויף א היים. איך גיי אדורך א צווייט געדיכט וואלד פול מיט קזשאַקעס און פלוצלונג אַ פרישע געפאר — אַ גרויסע שלאַנג באַווייזט זיך נעבן מיר מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ, גרייט זיך צו וואַרפן אויף מיר. אין לעצטן מאָמענט געלונגט מיר צו כאַפּן אַ שטעקן און די שלאַנג צו פאַריאָגן.

ארויסקומענדיק פון וואלד, הויב איך אָן גיין אויפן וועג, וואָס איז פול מיט דייטשע סאָלדאַטן, מיט א גלייכגילטיקייט, כ׳האַלט אין האַנט אַ שטעקעלע און דריי עס ווילעריש ווו עס וואָלט מיר גאָרנישט אַנגעגאַנגען דער גאַנצער טאַראַראַם. א יך זע אויס ווי א דאָרפס־גוי און באַגריס די סאָלדאַטן מיט אַ פראנצויזישן „באָן־זשור" (גוט־מאָרגן). איך הער ווי איין סאָלדאַט זאָגט דעם צווייטן, זע נאַר, דער דומער פראַנצויז קאָן נאָך דערשאָסן ווערן. אזוי קום איך אָן אין מיין שטוב נישט ווערנדיק פון קיינעם באמערקט (די איינוווינער

זענען געווען אין די שטובן צוליב די מאַנעווורעס). אין שטוב בין איך געווען פאַרמאַכט, זיך נישט באַוויזן אין דרויסן. אונדזער מאַרסעל, זייענדיק שוין אַ יינגעלע פון 7 יאָר, האָט שוין גוט פאַרשטאַנען וואָס עס קומט פאָר. ער האָט מיך געהיטן און זיך באַמיט אַז קיינער זאָל נישט וויסן אַז איך געפין זיך אין שטוב. דער צווייטער צימער וווּ כ'בין געווען באַהאַלטן איז געווען פאַרהאַנגען מיט אַ ליילעך און ער איז געשטאַנען ביי דער זייט פון צווייטן צימער (דאָ בין איך שוין פאַרבליבן ביז צו דער באַפרייאונג) מאַרסעל האָט מיר דערציילט אַז איינמאָל האָבן אים די איבעריקע שילער גענומען אין אַ קרענצל און דורכאויס געוואָלט וויסן ווו עס געפינט זיך זיין פאָטער. האָט ער זיי געענטפערט אַז איך געפין זיך אין וואַלד און עס גראַז. דעמאָלט האָט ער נישט געוווסט אַז דאָס איז אַ שטיק אמת...

קיין ראַדיאָ האָב איך נישט געהאַט און אַלע נייעסן האָט מיר קאַרפּענטיע איבערגעגעבן דורך זיין זון. פון אים בין איך געוווּיר געוואָרן אַז גאַר־וויכטיקע געשעענישן דאַרפן אין קורצנס פאַרקומען, אַז די אַלאירטע אַרמייען גרייטן זיך צו אַנטשיידענע קאַמפן.

נאָך 4 יאָר — — —

דעם 6־טן יוני אינדערפרי, באַקום איך אַ צעטעלע: „קליין, איר זייט געראַטעוועט. די אַלאירטע אַרמיי לאַנדעט אין נאָמאַנדיע". אין דאָרף איז אַ בהלה צווישן ד דייטשע באַאַמטע און די ווישי־לייט. דאָס דייטשע מיליטער פאַרלאָזט אונדער דאָרף. איך גיי נאָך נישט אַרויס פון שטוב און די נייעסן באַזאָרגט מיר קאַרפּענטיע עטלעכע מאָל אין טאָג.

דעם 18־טן אויגוסט, ביינאַכט, וועקט מיך מיין פרוי. עס דוכט זיך איר אַז מען קלאַפּט אין טיר. פאַקטיש איז דאָס געווען אַ באָמבאַרדירונג און אַ סימן פון דער נאָענטער באַפרייאונג. מיר קאָנען שוין נישט איינשלאָפן און מיט אומגעדולד וואַרטן מיר עס זאָל שוין טאָג ווערן, פאַרטאָגס גייט מיין פרוי אַרויס (איך ריזיקיר נאָכנישט זיך צו באַווייזן) און קו מט שנעל אריין מיט אַ שמחה. זי דערציילט אַז דאָס גאַנצע דאָרף איז אויף די פיס און אַז טולוז ווערט באָמבאַרדירט דורך די אַלאירטע. נאָכן אָפעסן פרישטיק קומט מאַרסעל צולויפן פון דער גאַס מיט אַ גדולה אַז מען הענגט אויף אויף דער מערי (מאַגיסטראַט) די פראַנצויזישע פאָן. דערהערנדיק די פריידיקע נייעס, לאָז איך אלס איבער און לויף אין גאַס אַריין. די דאָרפסלייט, דערזעענדיק מיך, לויפן

